STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01069

MESHOLIM

Eliezer Steinbarg

Permanent preservation of this book was made possible
by Eleanor S. Litwak
in memory of
Lena & Joseph Smith

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר שטיינבאַרג

משלים

ביכער-סעריע
„בעסאַראַבער יידן„

באַנד
1

בוענאָס-איירעס 1949

משה פּייגענבלום

ארויסגעגעבן דורכן
**בעסאַראַבער לאַנדסלייט-פאַריין
אין אַרגענטינע**

„בעסאַראַבער יידן"

ביכער־סעריע פונעם בעסאַראַבער ל"ל־פאַריין
אין אַרגענטינע

פאַרלאַג־קאָמיסיע

פרעזידענט — — — — — — — — — אהרן באַרבאַלאַט
וויצע־פרעזידענט — — — — — ס. בענדערסקי
סעקרעטאַר — — — — — — — — ע. דוכאַן
קאַסירער — — — — — — — — ב. פערדמאַן

פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער:

מ. ווייסנשטיין	פ. קאָטליאַר
כ. פייערמאַן	יוסף סאַנדלער
נחום לעווין	נ. ריידל
ישראל דאַווידאָוויטש	ס. אָרענשטיין

רעדאַקציע־קאָלעגיום

יעקב באָטאַשאַנסקי	אברהם ווײַנשטיין
י. ל. גרוזמאַן	טאַניאַ פוקס

עס גרייטן זיך צום דרוק ווערק פון:

אפרים אויערבאַך
יעקב באָטאַשאַנסקי
שלמה הללס
אליהו מייטיס
יעקב פיכמאַן
יצחק קאָרן
ל. קופּערשטיין

ווענן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע „בעסאַראַבער יידן", זיך ווענדן צו:

UNION ISRAELITA BESARABIA

Corrientes 3112 **Buenos Aires**

אַלע רעכט אויף איבערצודרוקן און איבערזעצן דאָס בוך,
געהערן דער אַלמנה פונעם מחבר
רבקה שטיינבאַרג
תל־אביב.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

ELIESER STEINBARG

"MESHOLIM"

(FABULAS)

Editado por la
UNION ISRAELITA BESARABIA
Buenos Aires, 1949.

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אליעזר שטיינבאַרג

(האלצשניט: א. קאלניק)

צו די יידישע לייענער בכלל און צו בעסאַראַבער יידן בפרט

דער בעסאַראַבער יידישער ל"ל־פאַריין אין אַרגענטינע טרעט צו אַרויסצוגעבן אַ סעריע ביכער א. נ. „בעסאַראַבער יידן", וואָס זייער ציל וועט זיין: נישט צו לאָזן אין פאַרהוילנקייט דאָס לעבן און שאַפן פון דעם אומגעבראַכטן בעסאַראַבער יידנטום.

שטיל און באַשיידן זענען די בעסאַראַבער יידן, אָבער זייער לעבן אין בעסאַראַביע איז געווען זאַפטיק און קערנדיק און זייער צושטייער צו דער יידישער קולטור און צו דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור איז ווייט נישט קיין באַשיידענער.

די אימיגראַציע האָט געריסן שטיקער פון יידישן לעבן אין בעסאַראַביע נאָך פון זייט די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. בעסאַראַבער יידן זענען אַוועק אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד־אַמעריקע און אַ גרויסער טייל פון זיי זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל, וווּ זיי זענען עד היום אַ באַדייטנדיקער עלעמענט. אויך די סאַמע ערשטע אימיגראַציע פאַר קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע האָט געהאַט אַ גרויסע צאָל בעסאַראַבער יידן, וואָס האָבן געהאָלפן צוגעבן קאָלאָריט פריער דעם דאָרפישן און דערנאָך אויך דעם שטאָטישן ישוב אין דער אַרגענטינער רעפובליק.

און אין בעסאַראַביע האָט דאָך דאָס יידישע לעבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט. און אין די סאַמע ערגסטע צייטן פאַר בעסאַראַביע בכלל און פאַר די דאָרטיקע יידן בפרט, ווען די רומענישע רעאַקציע, וואָס האָט פרעטענדירט, אַז איר א. צ. קוזאַ איז דער אבי

אבות הטומאה פון דעם ברוינעם מחבל אַליין, האָט געדריקט דאָס ייִדישע לעבן ביז צו דער גרעניץ פון אומקום־תהום, האָבן בעסאַראַבער ייִדן נישט אויפגעהערט צו פירן אַ געזעלשאַפטלעך און קולטורעל לעבן.

דער ברוינער מבול, וואָס האָט אָפּגעווישט דאָס ייִדישע לעבן אין כמעט גאַנץ מזרח־אייראָפּע, האָט אויך אָפּגעווישט דאָס ייִדישע לעבן אין בעסאַראַביע. אין 1939 זענען נאָך אין בעסאַראַביע געווען אַריבער דריי הונדערט טויזנט ייִדן, אין 1942 — אַזוי האָבן דערציילט טעלעגראַמעס — זענען געבליבן צוויי געריטע ייִדן אין הויז פון גייַסטיק קראַנקע אין קאָסטיוזשען און מער נישט. אַ גרויסער טייל איז אומגעבראַכט געוואָרן אויף דעם פּלאַץ, אַ גרויסער טייל איז פאַרשיקט געוואָרן אין בעסאַראַבער טרעבלינקע־מאַידאַנעק, אין טראַנסניסטריע, וואָס געפינט זיך פון יענער זייַט דניעסטער און בייַ דער גרעניץ פון בעסאַראַביע, אויף פּייַן און אומקום און אַ קליינע צאָל האָט זיך געראַטעוועט קייַן ראַטנפאַרבאַנד און פון דאָרט דורך פאַרשידענע לאַגערן און פאַרשידענע אַמעריקאַנער לענדער און איבערהויפּט דורך ציפּערן קייַן ישראל.

אונדזער דור און די קומענדיקע דורות דאַרפן וויסן ווי אַזוי בעסאַראַבער ייִדן האָבן געלעבט, געשאַפן, געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך, געבויט, געזונגען, געחלומט און געוואַנדערט און זיי דאַרפן שוין אַוודאי און אַוודאי וויסן ווי אַזוי די בעסאַראַבער ייִדישע קדושים זענען אומגעקומען אויף די פּלעצער און אין טראַנסניסטריע און וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין דער וואַנדערונג, ביז זיי האָבן דערגרייכט קייַן ישראל און אין אַנדערע לענדער.

און די אויפגאַבע פון דעם פאַרלאַג „בעסאַראַבער ייִדן" פון אונדזער פאַריין וועט זייַן אָט דאָס אַלץ ראַטעווען פון דער פאַרגעסנקייַט. אין דער סעריע ביכער, וואָס אונדזער פאַריין וועט אַרויסגעבן, וועלן אַרייַנגיין די שאַפונגען פון בעסאַראַבער ייִדישע און העברעיִשע שרייַבער און די ווערק פון ייִדישע און העברעיִשע שרייַבער בכלל וועגן דעם לעבן פון בעסאַראַבער ייִדן און עס וועלן אַרייַנגיין ביכער — דאָקומענטן וועגן דעם לעבן און דעם אומקום

פון די ייִדן אין בעסאַראַביע. צווישן די סאַמע ערשטע ביכער, וואָס מיר וועלן אַרויסגעבן, זענען פאַראַן אַ באַנד מעמואַרן פון גרויסן העברעיִש־ייִדישן דיכטער יעקב פיכמאַן, וואָס דערציילט וועגן בעסאַראַביע, ווען עס איז „נאָך געווען ארץ־ישראל", אַ באַנד דאָקומענטן וועגן דעם גיהנום טראַנסניסטריע, אַ ראָמאַן פון ייִדישן לעבן אין בעסאַראַביע פון דעם וועטעראַן פון די העברעיִשע שרײַבער אין אונדזער צײַט שלמה הלל, וואָס מען האָט נישט־לאַנג געפײַערט זײַן 75־יאָריקן יובילײ און אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דעם ייִדישן לעבן אין קעשענעוו פון די עלצטע צײַטן ביז דער צײַט פון פאַרטיליקונג פון יצחק קאָרן.

און מיר געפינען פאַר אונדזער הייליקסטן חוב צו דערקלערן, אַז מיר הייליקן די גאַנצע סעריע ביכער „בעסאַראַבער ייִדן" דעם אָנדענק פון דעם הויפּט־רב, מנהיג און פּאַסטוך פון די בעסאַראַבער ייִדן, הרב יהודה לייב צירלסאָן, וואָס איז געבליבן אויף דער וואַך פון די בעסאַראַבער ייִדן ביז זײַן לעצטן אָטעם און זײַן נשמה איז אויסגעגאַנגען אין קדושה ביים פאַרטיידיקן דאָס לעבן און דעם כבוד פון זײַן עדה.

און עס איז נישט קיין צופעליקייט, וואָס דאָס ערשטע בוך פון אונדזער סעריע איז די משלים זאַמלונג פון איינעם פון די סאַמע גרעסטע בעסאַראַבער ייִדישע און העברעיִשע שרייבער, דעם גרעסטן ייִדישן פאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג. דאָס דאָזיקע בוך איז אויסער יעדן ספק איינס פון די קרוינען פון בעסאַראַבער ייִדנטום און טאַקע אויך פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

מיר גלויבן און האָפן, אַז אונדזער איניציאַטיוו וועט באַקומען די וואַרעמסטע אויפנאַמע ביי בעסאַראַבער ייִדן אין דער גאַנצער וועלט און בכלל ביי אַלע ייִדישע לייענער.

בעסאַראַבער ייִדישער ל״ל־פאַריין
אין אַרגענטינע

אינהאַלט

צו די יידישע לייענער בכלל און צו בעסאַראַבער יידן בפרט — 5
אליעזר שטיינבארג, אַריינפיר־וואָרט פון י. באָטאָשאַנסקי — 15

האַמער און אײַזן

העי, העי, העמערל..

די פויסט

דער האַמער און דאָס שטיק אײַזן — 27
דער חלף און די זעג — 29
שנאת חנם — 31
דער וועלט־אונטערגאַנג — 33
דאָס פערד און די בײַטש — 35
דער קוש — 36
די גאולה — 37
דער רשע — 39
די קאַץ און דער וווּרשט — 40
זשאַבעס — 41
דער ריכטער — 43
פאַרן בית דין של מעלה — 44
דער שטעקן — 46
צוויי פייגעלעך — 48
ביי רב טאָדרעסל אין הויף — 50
דער בעל יועץ — 53
די שפּיז און די נאָדל — 55
די באַרשט און דער קאַמאַש — 57
דער שירעם, דער שטעקן און דער בעזעם — 58
דער טיש וואָס פרעגט קשיות — 59
גאָטס סטראַפּטשעס — 61
די פלאַקסן און די קאַרטאָפל־בלימעלעך — 63

דער רעטעך — 65
הענגער־פּעקלעך — 67
דער קאַטער און דער טאַטער — 69
רב כל־בוניק — 73
דער בעל־מוסר — 75
רב לא יחרץ — 77
דער כלב — 79
די קאַץ און דער הונט — 80
שוועבעלעך — 82
די גאָדל און דער באַנוול — 84
העמדער — 85
האָדל און די גאָדל — 87
אַ מעשה אָן אַ סוף — 89
געשיכטע — 90

רויך און כמאַרע

אַט וויל איך אַרויף מיטן רויך...
דער קוימען

דער רויך און די כמאַרע — 95
דער קלוגער טייך — 96
רב כאַמאַריש — 98
תיקו — 100
דער אַמעריקאַנער — 102
צוויי קאַטשקעס — 104
דער שווימער — 105
דאָס בריוול — 107
צוויי הינער — 109
דער גבור — 111
רב חוטם — 113
קעציש מיטגעפיל — 114
דער חשוב — 115
דער קלוגער בער — 117
דער תכלית פון דער ערד — 119
דער הונט און די געגנדז — 120
צוויי חכמים — 122
דאָס זעלצערל — 123
דער ויברח פונעם אייזל — 126
אמנון און תמר — 129
דער טעלער — 131

רב מײַזל־מיזל — 132
רעדער — 135
פליגן — 137
דער פלי־פיש — 140
חי געלעבט — 142
צוויי אייזלעך — 143
דער ברוגזער דאַך — 145
דער האַרבסטטאָג און דער זייגער — 146
דער זאָק — 148
דער בעל־רחמים — 150
דאָס פּאָרפאָלק — 151
דער האָן און דער אינדיק — 153
די מיל — 154
פערדלעך — 156
דאָס העמד און דאָס רעקעלע — 157
רב בערלס הויזן — 158
צוויי פעדעם — 161
דער לאָך פון בייגל און מעשענע קנעפּלעך — 162
דער האַנטעך — 164
די באָרד — 166
כשר — 168
דער אָדלער און דאָס זומערפייגעלע — 169
דער אינדיק — 171
רייזנדער — 172
ווטנט — 174
דער שפּיגל און דאָס בילד — 176
דער נביא — 178
דער אמת — 180
אַ טענה צו גאָט — 182
דער חמור־אייזל — 184
די נאָז־פּאַטשיילע — 186
דער בראַווער קערל — 188
די נאַז־פּאַטשיילע און די נאָז — 190
די דערוואַכונג פונעם וואַלד — 191
דער צוג — 193
דער אָדלער און דער מוילוואָרף — 194
דער טאַנץ (די פּויק) — 197
דער רעגנבויגן און די פיש — 198
קע־קו־אָק — 200
דער חתן — 201

דאָס שלעכטע מאכל — 203
דער הונט און דער ים — 205
קדוש־לבנה — 206
דער הוקר — 207
רש״י — 209
מרימס ברונעם און דער עמוד אש — 210
די קרא און דער קוקוק — 211
גוטע־ברידער — 213
די גאַנצע וועלט — 215
שיכל, ביכל, טיכל — 216
חקירה — 218
דער זייגער און דער ווילנער גאון — 220

באַלעבאַטים

פאַר די אויגן מיר אַט שטייט ער...

נישט באַלבאַטיש

באַלעבאַטים — 225
דער אומגליק — 227
די מורא — 228
דער תם — 229
עק וועלט — 231
דער חזיר און די וואַראָנע — 232
דער חזיר און דאָס פערד — 233
דער חזיר און דער סאָלאָווײ — 235
רב סוויניאַקע — 237
דער פאַרצווייפלטער חזיר — 239
איבערן צעבער — 241
דער חזיר און דער האָן — 242

אותיות

אותיות מחכימות.

א, ב

ג — 245
דער מיוחס — 246
דער וכוח — 248
דער פראַגעצייכן און דער אויסרופצייכן — 250

דער חלום — 252
קוצו של יוד — 254
אי — 257

קלינגט דער זייגער דרײַ

קלינגט דער זייגער דרײַ...
דרײַ
דאָס בלימעלע — 263
דער שרעקלעכער געדאַנק — 265
צוויי רויזן — 266
דאָס שוועבעלע — 268
פּעסלעך — 269
ווידוי — 271
די שאלה — 273
דער לייב און דאָס מייזל — 274
דאָס היטל צוקער — 276
דאָס מעסער און די זיבן פלאַמען — 278
דער רויטער מאָן — 279
די טעקעלעך — 281
שטיוול — 283
ביינאַכט — 285
פאַרוואָס די ערד דרייט זיך — 287
דאָס ווינטעלע — 289
דאָס אויגן־מענטשעלע — 291
נקמה — 294
דער שפּיגל און דער מלאך — 295
בענקשאַפט — 296
איבערן ים — 297

דער רעגנבויגן

דער רעגנבויגן — 301

אליעזר שטיינבאַרג

(אַרײַנפֿיר־װאָרט)

פֿון יעקב באָטאָשאַנסקי

דער גײַסטיקער מנהיג פֿון דער גאַנצער גרופּע ייִדישע שרײַבער פֿון גרויס־רומעניע איז געװען אליעזר שטיינבאַרג, דער גרעסטער פֿאַבוליסט בײַ ייִדן, אײנער פֿון די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע קינדער־שרײַבער און פּעדאַגאָגן. ער האָט געשטאַמט פֿון ליפּקאַן, װוּ ער איז געבױרן געװאָרן אין יאָר 1880. ער האָט געלערנט בײַם ליפּקאַנער דיין, װאָס איז געװען אַן אױסערגעװײנלעכער מקובל און ער האָט בײַ אים געלערנט אי נגלה, אי נסתר און ער האָט אין די ייִנגלישע יאָרן שױן אַרױסגעװיזן חריפֿות. ער האָט דערנאָך געלערנט אַלס עקסטערן רוסיש און ער איז געװאָרן אַ קענער פֿון אײראָפּעיִשער ליטעראַטור און ער האָט אַרײַנגעדרונגען אין דער װעלט־פֿילאָזאָפֿיע מיט דער אָנשטרענגונג פֿון אַ מתמיד און מיט די פֿעיִקײַטן פֿון אַן עוקר הרים.

שרײַבן האָט אליעזר שטײנבאַרג אָנגעהױבן אין אײן צײַט אי ייִדיש, אי העברעיִש און ער איז געװאָרן אַ לערער און אַ שול־דירעקטאָר און ער האָט אין דער קלײנער שטאָט ליפּקאַן געמאַכט גאַנץ אײגנאַרטיקע פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן. און פֿון ליפּקאַן אַרױס האָט ער גענומען שיקן אין דער װעלט אַרײַן זײַנע שירים, מעשׂיות און משלים. ער האָט געשאַפֿן דעם טערמין פֿאַר זײַן דרײַלינג „ליד, משל, מעשׂה“. ער האָט געהאַלטן, אַז אין ייִדישן פֿאָלקלאָר האָט בעסאַראַביע איבערהױפּט גרױסע פֿאַרדינסטן אױף דעם געביט פֿון דער פֿאָלקס־מעשׂה, װעלכע ער האָט געפּרוּװט אױסקריסטאַליזירן און איבערשאַפֿן.

די משלים, וואָס שטיינבאַרג האָט געשריבן אין ייִדיש, האָבן געֿ־גרייכט ביז צו די „חכמי אודיסה" און בעיקר צו ביאַליקן און דער מחבר פון „אין שחיטה־שטאָט" איז פאַר זיי באַגײַסטערט געוואָרן און ער האָט געשיקט זאָגן דעם יונגן פאַבוליסט, אַז אויב ער וועט זיי איבערשאַפן אויף העברעיִש, וועט מען זיי אַרויסגעבן מיט אַזאַ הידור, ווי מען האָט נאָך נישט אַרויסגעגעבן קײן שום העברעיִש בוך.

און אַזוי איז זיך שטיינבאַרג געזעסן אין ליפּקאַן און געשליפן זײַנע משלים, לידער און מעשיות און דאָרט האָט אים פאַרכאַפּט די ערשטע וועלט־מלחמה און די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע. אַ קלייניקער אין וווּקס, אַ פיזיש־הילפלאָזער, וואָס האָט דערצו גערעדט רוסיש מיט אַ גאַנץ ייִדישלעכן ניגון און אַקצענט, איז ער בעת דער רעוואָלוציע געֿ־וואָרן אַ לידער פון אַ היפּשן טייל פון דרום־בעסאַראַביע. אין יאָר 1919 איז טשערנאָוויץ געוואָרן דער צענטער פון דער ייִדישער קולטור־טעטי־קײַט אין גרויס־רומעניע און שטיינבאַרג איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דער שטאָט פון דער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ צו זײַן דאָרט מורה־דרך און מנהיג. און ער איז אַ שטיק צײַט געווען „דער פּרץ פון רומעניע". מען האָט אים אָנערקענט אי ווי אַ גרויסן שריפטשטעלער, אי ווי אַ לע־רער. די רומענישע רעאַקציע האָט גיך געוויזן אירע ציין און די יוגנט האָט גענומען אַנטלויפן פון רומעניע און במילא זענען אויך אַנטלאָפן ייִדישע שרײַבער, לערער און קולטור־בויער. קנאַפּע צען יאָר איז שטיינ־באַרג געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ייִדישער קולטור־בויונג אין רו־מעניע. פאַר אָט דער צײַט האָט ער אָנגעהויבן מפורסם ווערן אַלס פאַ־בוליסט און פעדאַגאָג. זײַנע משלים האָבן אַרויסגערופן שאַרפע דיסקו־סיעס און חלוקי־דעות. שלמה ביקל, ווי איינער פון שטיינבאַרגס נאָענט־סטע מקורבים און ווי אַלע נאָענטע זײַנע, האָט געשטעלט דעם ליפּקאַנער ממשל אויף איין מדרגה מיט עזאָפּן, לאַפאָנטענען און קרילאָוון, מלך ראַוויטש האָט געשריבן „ניין" און ש. ניגער האָט זיך געהאַלטן אין דער מיט. די פּאָפּולאַריטעט פון שטיינבאַרגס משלים האָט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און באַטש די צוויי אויסגאַבעס פון זײַנע משלים זענען אַרויס אין אַ קלײנער צאָל עקזעמפּלאַרן, האָט מען זיי אומעטום אָנגעהויבן קע־נען. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין כתב־יד פון האַנט צו האַנט.

מען דאַרף מודה זײַן, אַז דער ווונדערלעכער רעציטאַטאָר הער־

גראָסבאַרט, דער „בעל תּפֿילה פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור", ווי דוד בערגלסאָן האָט אים אָנגערופֿן, האָט זייער אַ סך געהאָלפֿן פּאָפּולער צו מאַכן די דאָזיקע משלים און ער האָט אַרויסגערופֿן דעם געדאַנק און דעם חשד, אַז שטיינבאַרגס משלים ווירקן אַ סך שטאַרקער, ווען מען הערט זיי, ווי ווען מען לייענט זיי אַליין. זיי זענען געמאַכט געוואָרן צום לייענען אויף אַ קול, ווייל זיי זענען מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן. אין דעם פּרט — און נישט נאָר אין דעם זענען זיי קרובים מיט שלום עליכמס ווערק.

אין יאָר 1939 איז שטיינבאַרג אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿון זײַנע לאַנדסלײַט אין דער הויפּטשטאָט פֿון בראַזיל, קיין ריאָ דע זשאַניירא, וווּ ער איז געוואָרן דירעקטאָר פֿון דער שלום עליכם שול. אַ שטיק צײַט האָט ער אָנגעפֿירט מיט אָט דער שול און זײַן פֿרוי רבקה האָט אים היפּש געהאָלפֿן צו דעם. ער האָט אין ריאָ דע זשאַניירא געפּרוּווט אײַנפֿירן זײַן אָריגינעלן סינטעטישן מעטאָד סײַ אין שול און סײַ אין קינדער-גאָרטן. אָבער דער ישוב פֿון ריאָ איז געווען אַ צו קליינער פֿאַר אַזאַ גרויסן שרײַבער און פּעדאַגאָג ווי אליעזר און ער האָט זיך דאָרט געפֿילט שלעכט אויך צוליב דעם צו־הייסן קלימאַט. ער האָט דורכגעפֿירט אַ פּרעכטיקע קינדער־פֿאָרשטעלונג אין ריאָ, אַ פֿאָרשטעלונג, וואָס האָט געדאַרפֿט געגעבן ווערן ווי אַ נײַע פּעדאַגאָגישע תּורה. די דאָזיקע אַרבעט, וואָס שטיינבאַרג האָט געטון אין ריאָ דע זשאַניירא, האָט געדאַרפֿט געטון ווערן אין וואַרשע, ווילנע, אָדער ניו-יאָרק. דער קאַפּריזנער לעבנסגאַנג אונדזערער האָט שטיינבאַרגן געפֿירט אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם — כאָטש אויסערלעך זייער שיינעם ריאָ דע זשאַניירא...

דער מחבר פֿון אָט די שורות, אַ נאָענטער צו שטיינבאַרגן, זײַנער אַ תּלמיד און אַ ייִנגערער חבר, וואָס האָט אין רומעניע מיטגעמאַכט מיט אים אַ ליטעראַרישן טורנע אינאיינעם מיט יעקב שטערנבערג און דעם גרויסן רומענישן שריפֿטשטעלער און ייִדן-פֿרײַנט, דעם קריסטלעכן גײַסט־לעבן גאַלאַ גאַלאַקטיאָן, איז שוין דעמאָלט געווען אַ שטענדיקער תּושב אין אַרגענטינע. איך בין ספּעציעל אַרײַנגעפֿאָרן קיין ריאָ דע זשאַניירא צו שטיינבאַרגן אויף אַ פּאָר וואָכן און איך האָב אים געטראָפֿן אין זײַן פֿולער שעפֿערישקײַט און אַן איבערגעשראָקענעם. ער האָט מורא געהאַט, אַז זײַן סוף וועט קומען אין דער „הייסער שטאָט".

ווי ווייניק אַ מענטש קען פּראָוויסזען, וואָס מיט אים וועט געשען.
שטיינבאַרג איז אין יאָר 1930 צוריקגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ און ער האָט דאָרט באַגייט זיין טעטיקייט ביי די שווערסטע לעגאַלע מעגלעכ־קייטן פאַר דער יידישער קולטור און ער איז דאָרט קראַנק געוואָרן אין יאָר 1932 אויף אַפּענדיציט און ער האָט דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַציע און ער איז דעם 28סטן מערץ געגאַנגען דעם אייביקן גאַנג, אין עלטער פון 52 יאָר.

אליעזר שטיינבאַרג איז עד היום אַ פּראָבלעם אין אונדזער ליטע־ראַטור, ער האָט פון איין זייט חסידים, וואָס האַלטן אים פאַר איינעם פון די גאונים פון דער יידישער ליטעראַטור און עס זענען פאַראַן אַזעל־כע, וואָס פאַרלייקענען אים אינגאַנצן. כאָטש — אינגאַנצן פאַרלייקענען איז דער גרעסטער אַבסורד. זיינע לערנביכער האָבן מאַטעריאַלן, וואָס קיין שום יידישע און קיין שום העברעיִשע שול קען נישט אויסמיידן. ער האָט געשאַפן אַ העברעיִשן אלף־בית א. נ. „אלפון" און ער האָט אייניקע משלים זיינע אליין איבערגעזעצט אין עברית. ער איז געווען אַ יידי־שיסט, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון העברעיִש און זיינע משלים זענען געשריבן לומדיש. ער האָט אַמאָל געפּרוּווט שאַפן אַ סיסטעם פון לערנען יידיש און העברעיִש בשותפות, דורך לידלעך. ער האָט גענומען דעם אַלטן סיסטעם פון „אָב איז פאָטער, קדר איז אַ טאָ־טער, בגדים זענען קליידער" א. א. וו. אָט ווי עס הייבט זיך ביי אים אָן דער דאָזיקער סיסטעם:

פּנינה, פּנינה — פּערעלע,
ס'איז געווען אַ ייִנגעלע,
ער געהייסן מאַיראַלע.
דמעה, דמעה — טרערעלע,
ס'איז געווען אַ מיידאַלע,
זי געהייסן סערעלע.
עלה, עלה — בלעטעלע,
קראַנק געוואָרן סערעלע
און זי ליגט אין בעטעלע.
פּנם אַ לאַמטערנדל,

שטאַרבט די שיינע סערעלע
און זי ווערט אַ שטערנדל.
עלים, עלים בלעטאַלעך,
אויף אַ שטיין זיצט מאַיראַלע
וויינט און גיסט מיט טרערעלעך.

אליעזר שטיינבאַרג איז אָפּט געקומען צו זײַן פולסטן אויסדרוק דורך אַ רעדע. דער עולם האָט דעמאָלט בפועל ממש געזען יצירה. דאָס קליי־נע מענטשעלע מיטן גרויסן קאָפּ האָט געגעבן אַ וואַקס אויס און ער האָט מיט זײַנע געדאַנקען געגרייכט אַהין, ווו „די שטערן זענען די גאָלדענע עפּל"... ווען ער האָט בײַם שליסן אַ קולטור־קאָנפערענץ אין טשערנאָ־וויץ געזאָגט: „פּרץ איז מיט אונדז, איך זע אים", האָבן אים אַלע דערזען...

די גרויסקייט פון אליעזר שטיינבאַרג שטעקט אָבער איבערהויפּט אין זײַנע משלים. מיר שײַנט, אַז זײַן הויפּט־חן געפינט זיך אין דעם, וואָס ער איז אגיל ואשמח — לויט דער יִדישער טײַטש — ער איז קײַלעכדיק און שפּיצעכדיק. ער איז דאָס געווען אין לעבן און ער איז דאָס געווען אין אַלע זשאַנרן.

אין לעבן איז ער געווען אַ קלייניקער, אַ קיילעכדיקער אין גוף און אין פּנים. זײַן פּנים איז געווען אַ גאַנצע, פולע, קײַלעכדיקע לבנה מיט אַ קײַלעכדיקן געלעכטער. זײַנע אויגן זענען געווען ממש קײַלעכער. זיי זענען אייביק געבליבן קײַלעכיק, סײַ ווען ער האָט זיי געזשמורעט, סײַ ווען ער האָט זיי שטאַרק צעעפנט. זײַן ריזיקער שטערן, וואָס האָט פאַר־נומען עפּעס ווייניקער ווי אַ העלפט פון זײַן פּנים און מכתמא נישט ווייניקער ווי אַ צענטל פון זײַן גאַנצן גוף, איז אויך געווען קײַלעכיק, און אַפילו די פיס האָבן זיך אים געדרייט קײַלעכיק. זיי האָבן געמאַכט קינדיש־קײַלעכיקע באַוועגונגען. און די מערסטע פון זײַנע משלים, קינ־דער־לידער און קינדער־מעשיות זענען פאַרקײַלעכט. ער האָט יעדנפאַלס אַ גאַנץ לעבן זײַנס געוואָלט פאַרקײַלעכן אין דער פאָרם. מען זאָגט, אַז ער איז געשטאָרבן זיך טרייסטנדיק מיט דעם געדאַנק, אַז אויב אייניקע פון זײַנע משלים זענען נאָך נישט שלימותדיק, עס הייסט, נישט קײַ־לעכיק פאַרענדיקט, מוז מען דאָס נישט אָננעמען פאַר קיין גרויסן אומ־

גליק. און כאָטש ער איז אויסערליך געווען קײַלעכיק און ער האָט אײַנערליך געשטרעבט צו קײַלעכיקײַט, האָט ער פאַרמאָגט סײַ בפנים, סײַ בחוץ אַ זעלטענע שפּיצעכיקײַט. מיר איז אַמאָל אויסגעקומען איבזען אין אַ קלאַס פון גאָר קליינע קינדער. דאָס איז געווען אין דער שלום עליכם שול פון בראַזילס הויפּטשטאָט ריאָ דע זשאַנייראָ און, אויב איך האָב קײַן טעות נישט, אין קינדער־גאָרטן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די פיר און פינף־יאָריקע קינדער און ער האָט אויסגעזען עפּעס ווי איינער פון זיי, וועלכן מען האָט אַנדערש אָנגעטון און וועלכן מען האָט געמאַכט אַבּיסל גרעסער.

איז ער, דאַכט זיך, דעמאָלט געווען קינדיש קײַלעכיק, דאָך האָט ער זיך מיר פּלוצים באַוויזן מיט זײַן גאַנצער שפּיצעכיקײַט. עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט שפּיצן פון זײַן שטערן, פון זײַנע אויגן און איבערהויפּט פון די געדאַנקען, וואָס ער האָט מיר אַרויסגעזאָגט וועגן דערציִונג און טאַקע פון דעם גאַנצן אופן ווי ער האָט דערצויגן די קינדער. ער האָט פּלוצים אויפגעהערט מיר אויסצוזען ווי אַ קינד און ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער ייִדישער חריף, פון וועלכן די באָרד (נוצנדיק א. לוצקים אַן אימאַזש) איז אַנטלאָפן און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז עפּעס געשען אַ טעות: אַ למדן, אַ חריף, וואָס דאַרף לערנען אַ שטיקל גמרא מיט גרויסע און שאַרף־קעפּיקע בחורים, לערנט גאָר טראַף מיט קליינע קינדער און דעם טראַף פאַרקײַלעכט ער מיט אַ לידעלע, וואָס קומט צו אַזוי נאָענט צו די קינדער, אַז זיי זענען אַזש גרייט אים צו קושן, אָבער פון דער קײַלעכיקײַט שטאַרצט אַרויס אַ שפּיצעכיקײַט פון שאַרפע געדאַנקען, וואָס איז גאָרנישט פאַר קײַן קינדער...

עס וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה צו באַטראַכטן שטיינבאַרגן נאָר ווי אַ חריף. ער איז לכל הפחות נישט ווייניקער פּאָעט ווי חריף. ער האָט משלים וואָס זענען פון אַזאַ קינסטלערישן ווערט ווי די בעסטע משלים פון לאַפאָנטען און קרילאָוו. ער האָט משלים וואָס זייער כוונה איז נישט צו לערנען חריפותן, נאָר צו דערקוויקן, ווײַל עס איז „טרויעריק אויף דער גרויסער וועלט, דער גראַמער". און זייער אַ סך פון די משלים, וואָס זענען אויסן צו לערנען, זענען אָפט מער ווערט אַלס פּאָעזיע ווי אַלס חכמה. נעמט, אַ שטייגער, דאָס פּאָפּולערסטע משל שטיינבאַרגס, „דער חלף און די זעג". דער מוסר השכל פון דעם, אַז „נאָך עד היום

איז אַ זעג אַ בעל מלאכה גאָר אַ פּלעק אין משפּחה און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה, אי ער קוילעט, אי מען מאַכט איבער אים אַ ברכה"; אָט דער מוסר השכל איז ווייט נישט פון אַזאַ ווערט ווי עס איז דער פּאָעטי־שער ווערט פון דעם דיאַלאָג צווישן דעם חלף און דער זעג און פון דער שפּראַך אַרום זיי (דער חלף צעלאָזט זיין „שאַרפע צונג"...); דער משל איז דאָ אַ סך שענער און גרעסער ווי ס'איז דער נמשל.

שטיינבאַרג האָט זייער אַ סך סאָציאַלע מוסר השכלס אין אַזעלכע מוסר השכלס זענען געווענלעך באַנאַל. אָבער שטיינבאַרג באַווייזט די גרויסע קונץ פון אַרויסברענגען אַ נייקייט, אָדער כאָטש אַ פרישקייט אויך אין סאָציאַלן מוסר השכל. נעמט, אַ שטייגער, דאָס וווּנדערלעכע משל „שנאת חנם", וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ לירישן שטייגערישן דיאַ־לאָג צווישן אַ מאַן און אַ ווייב, וואָס האָבן אַ בהמה אַ פּגירה און זיי באַשליסן זי צו פאַרקויפן דעם קצב. דער הונט מישט זיך דאָ אַריין און ער גיט צו, אַז די קו איז שוין אַ זקנה און עס איז שוין צייט פאַר איר אַ יאַטקע. די קו גייט אַרויס פון די כלים. זי קען איינגיין, אַז די דאָזיקע, וואָס האָבן זי אַ גאַנץ לעבן געמאָלקן, זאָלן זי קוילען, אָבער דעם „פרעמדן הונט" קען זי נישט פאַרטראָגן און זי זאָגט אַזוי קועש־מענטשלעך:

> מיט מיין מילך אים נישט גענערט,
> נישט געווען קיין פריינט אים און נישט כ'בין אים
> און אַ שונא! גאָט, באַהיט מיך פון שנאת חנם...

אָדער נעמט דאָס משל „דער קוש", אין וועלכן עס ווערט דערציילט ווי אַזוי דער ביין דערפרייט זיך דערמיט, וואָס עס לעקט אים דער באַ־לעבאָס אַליין און וואָס ענדיקט זיך מיט דער פּענטענץ פון אַלע כלים:

> וואַרט אַביסל,
> ביז ר' ניסל
> וועט דעם מאַרך דיר אויסנאָגן,
> וואָס וועט איר, ר' ביינים, דעמאָלט זאָגן?

אליעזר שטיינבאַרג האָט משלים, וואָס זייערע מוסר השכלס זענען אָדער דורכויס פּאָעטיש, אָדער זיי זענען פּאָעטיש־פילאָזאָפיש. און ער

האָט משלים, וואָס זייערע מוסר־השכּלס וואָלטן געדאַרפט ווערן פאָלקס־ווערטלעך, אַ שטייגער ווי:

גוטע צײַטן,
חיריק זאָל פון אויבן רײַטן.

אָדער:

אויב חלבנה איז אַ סחורה
און מען באַצאָלט זי פון מרחקים,
צאָל פאַר איר ממתקים.

אליעזר שטיינבאַרג האָט הונדערטער משלים, קינדער־מעשיות און קינדער־לידער, וואָס האָבן די דאָזיקע אגיל וּאשמחדיקע קײַלעכדיקע שפּיצעכיקייט, וועגן וועלכע דאָס פאָלק רעדט און וואָס זענען ווײַטערדיקע און אַנדערשדיקע שלום עליכמדיקייטן. זיי זענען נישט עפּיגאָניש, נאָר עכטע קאָנטינויִטעט. פון איין זײַט האָט טאַקע שטיינבאַרג צומאָל געמאַכט נמשלים און מוסר השכּלס פאַר משלים. פון דער אַנדערער זײַט אָבער האָט ער געקענט פאַרוואַנדלען אפילו חריפות אין פּאָעזיע און אין הומאָר. ער האָט געהאַט דעם כּוח צו פאַרוואַנדלען אַ געדאַנק אין אַ ווילן, אין אַ משל און אין אַ געזאַנג.

אליעזר שטיינבאַרגס לעבנסוועג האָט אין זיך געהאַט מער שפּיצעכדיקייט ווי קײַלעכדיקייט און מער ייִדישן פאַטאַליזם, ווי גורל־באַהערשונג. מער ווי דרײַ־פערטל פון זײַן לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין דעם קליינעם בעסאַראַבישן שטעטל, וואָס כּאָטש מיר האָבן דאָס גערופן „דער בעסאַראַבישער אָלימפּ", איז דאָס געווען אַ פאַרוואָרפענער העק. און ווען ער איז שוין אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ, וואָס האָט אָנגעהויבן ווערן דער קולטור־צענטער פון אַ מיליאָניקן אויף מער ווי דרײַ־פערטל ייִדיש־רעדנדיקן ישוב און ער האָט די דערמאָנטע שטאָט געהאָלפן מאַכן פאַר אַזאַ צענטער, האָט די רומענישע רעאַקציע אַלץ חרוב געמאַכט. און אַוועקגערופן האָט מען שטיינבאַרגן נישט קײַן ווילנע און נישט קײַן וואַרשע נאָר אין דעם פּרימיטיוון און קליינעם ישוב פון ריאָ דע זשאַנייראָ, וווּ מען האָט אים ווייניק געקענט און ווייניק אָפּגעשאַצט און וווּ דער שווערער הייסער קלימאַט האָט אים מקצר ימים געווען. ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון

ריאָ דע זשאַניירא צוריק קיין טשערנאָוויץ. און דעמאָלט, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער איז געראַטעוועט, האָט זיך דער גורל פאַרשפּיצט און שטיינבאַרג איז אַוועק אין אייביקן וועג דורך עפּעס אַ נישט־געלונגענער אָפּעראַציע אויף אַפּענדיציט.

מקבר געווען האָט מען שטיינבאַרגן דינסטיק דעם 29סטן מערץ 1932 אויף דעם אַלטן טשערנאָוויצער בית-עולם צווישן קברים פון קינדער, וואָס זייער בענקשאַפט נאָך מעשיות איז איבערגעשניטן אומברחמנותדיק. און שטיינבאַרגס קבר קוקט, דאַכט זיך, קיין בעסאַראַביע, ווו מיט קנאַפּע צען יאָר שפּעטער איז דאָס יידישע לעבן פאַרשניטן געוואָרן און ס'איז פון דעם געבליבן אַ דערמאָנונג, אַ ליד, אַ משל, אַ מעשה.

האַמער און אײַזן

העי, העי העמערל! —
קומט צו מיר אין קעמערל!
איך וועל אײַך עפּעס ווײַזן —
אונטער פײַער: האַמער קרעכצט און וויינט דאָס אײַזן.

די פויסט

קלאַפּט דער האַמער, שלאָגט,
און דאָס אײַזן שרײַט געוואַלד, סע. קלאָגט:
— גאָט מיט דיר! פאַרוואָס? פאַרוועז? איך בין דיר
דאָך אַ ברודער! בײדע מיר גאָטס קינדער!
אײַזן איך ווי דו — דאָס זעט אַפילו דאָך אַ בלינדער!
— סאַראַ ברודער! (לאַכט דער האַמער) סאַראַ קינדער גאָטס?
איך בין פויסט און דו ליגסט אויפן קלאָץ!

דער האַמער און דאָס שטיק אײַזן

טרויריק, קינדער, אויף דער וועלט דער ברייטער, גראָמער!
ביטער! מיט אַ משל כאָטש זיך קוויקן לאָמיר.
ס׳האָט דער קאָפּ דער אײַזערנער, דער שטאַרקער האַמער,
וואָס בײַם קאָוואַל יוחנצע אין קאַמער,
זיך גענומען קלאַפּן דאָס שטיק אײַזן,
על פּי הקירה אים דערווײַזן,
אַז מע דאַרף זײַן קלוג, געדולדיק,
און נישט זאָגן קיינעם: דו ביסט שולדיק!
— ווײיס:
ביסט אומזיסט נאַר, זאָגט ער, אויף מיר בייז.
נאַריש איז דײַן שעלטן, לעפּיש איז דײַן שרײַען.
אדרבא, זאָג:
איך בין שולדיק, וואָס איך שלאָג?
וואָס בין איך דען? מער ווי אַ כלי-זין
אין דעם קאָוואַלס הענט?
און דער קאָוואַל — מיינסטו, ס׳איז אין אים געווענדט?
האָסט אַ טעות, בנאמנות!
פּונקט קאַפּויר! אויף אים אַ גאָטס רחמנות!
ער איז נעבעך מיד, דערשלאָגן,
ס׳זויל זיך אים גאָר רו׳ן.
נאָר אַ ברירה? נו, וואָס זאָל ער נעבעך טון?
זעסט, אינדרויסן שטייט אַ קראַנקער וואָגן,
אויסגעבויגן אויפן לינקן אַקסל,
מוז דער קאָוואַל שמידן, אַז די אַקס זאָל
זײַן געזונט און שטאַרק —
עפּעס דאַרט געשען מיט איר אַראָפּן באַרג.
אָבער אויבעט אויף דעם וואָגן
זאָלסטו זיך נישט קלאָגן.

ר׳מוז כסדר
דריי׳ן די רעדער:
ס׳שלעפּן אים די פערד, וווהין זיי יאָגן.
און די פערד — אוי, זײַ אויף זיי נישט ברוגז!
שלעפּן איז זיי אויך נישט ניחא, נאָר וואָס טויג עס?
ס׳טרײַבט די בײַטש... די בײַטש!... און זי אַליין?
אויך נישט שולדיק, ניין!
ס׳איז אַ מעשה אָן אַן עק... פֿאַרשטײ נאָר גוט דעם רעיון
און הער אויף צו שעלטן, שרײַען,
ווײַל פֿאַרשטייען הייסט פֿאַרצײַען...
— קין!
(שרײַט דאָס אײַזן און מיט פֿײַער שיט עס)
נײַע האַמערס — נײַע שיטות!
הרגעט־שלאָגט, און איז אַ ברודער! עצות גיט ער!
שווײַגן, ווען אונטער די קלעפּ איך ציטער?
צווישן האַמער און קאָוואַדלע?! מוחל! מוחל דיר עס!
אוי, מײַן וויטיק אָן אַ שיעור איז —
ווייל איך שעלטן, ווייל איך שרײַען אָן חקירות!

דער חלף און די זעג

ס׳טרעפט אַמאָל זיך אויכעט,
אַז אַ שײַטל האָלץ צעזעגן מוז אַ שוחט.
איז געשען,
ס׳האָט דער חלף גראָד די זעג דערזען
און צעלאָזט די שאַרפע צונג.
— זע נאָר, זאָגט ער, יענעם גראָבן יונג!
שטשירעט מיט די ציין!... אַ פרייד אויף אים איז!
אפשר ווייסט איר וואָס? אימשטיינס־געזאָגט אַ צורה!
גאָלע פגימות!
קריצן,
שפּיצן
גאָר אַ גאַנצע שורה!
טריפה דאָך פון קאָפּ ביז פּיס!
און וואָס זאָגט איר אויף זײַן הולך? אויף די הילצערנע מלבושים?
הערט איר, אַז איך טו אַ קוק אויף דעם מגושם,
דאַנק איך ערשט זײַן ליבן נאָמען, וואָס ער מאַכט אי שיין אי מיאוס.
ווויל איז מיר! מײַן חלק זיס!
נישט קײַן פּיצל
קריצל
אויף מײַן כשר קלינגל! נישט קײַן שפּרענקעלע! קײַן פּגימל!
איז אַ חידוש, וואָס דער פרומער רב אלקנה
נעמט מיך אין די הענט מיט הייליקײַט, כוונה,
מאַכט אַ ברכה, טוט אַ ווונק צום הימל?
— אמת, זאָגט די זעג בתמימות (צי גאָר מיט אַ מיין?),
יאָ, איך זאָג אַליין:
רב אלקנה איבער מיר אַ ברכה?
שיינע זאַכן!
דאָס געוועז וואָלט ממש נאָר צום לאַכן.

וואָס בין איך? אַ פּראָסטער בעל מלאכה.
נישט איך בלינצל, נישט איך פינקל,
שטיי מיר אין אַ טונקל ווינקל,
ווײס מײַן אָרט און בין בײַ זיך נישט חס ושלום שטאָלץ.
וואָס, איך קען דען מער ווי זעגן האָלץ?
אָבער דו — אַ קליינינקײַט! — שנײַדסט־איבער דאָך אַ האַלדז!

***

קומט דער מוסר־השכל און שיט־צו אַביסל זאַלץ:
נאָך עד היום איז אַ זעג, אַ בעל מלאכה,
גאָר אַ פלעק אין דער משפּחה,
און אַ שאַרפער חלף האָט הצלחה —
אי ער קוילעט, אי מע מאַכט אויף אים אַ ברכה!

שנאת־חנם

— האָרכסטו, יונה?
מ׳דאַרף בײַצײַטנס זען אַ ׳קונה.
די בהמה איז פּגירה.
מ׳שטײנס־געזאָגט, די מילעך אירע!
אָפּגעדױכנט איבער איר שױן באַלד אַ שעה, צום לעצט —
דאַנקען גאָט, דאָס מעלק־שעפּל באַנעצט
(מעלקנדיק איר אַלטע קו, געזאָגט האָט היה־ביילע).
— קלוגע!
װער איז דען משוגע
אָפּצוקױפן דײַן נבלה?
(ענטפערט איר רב יונה) סײַדן נאָר צום קלאָץ.
װילסט, װעל איך אַ שמוס טון מיטן קצב זעליק קאָץ,
צי מיט שלמה־חיים יהושועס...
— שמועס! — —
דאָס דערהערט די כשרע בהמה,
זי באַפאַלן מיטאַמאָל אַ פּינצטערניש, אַן אימה.
— מאַמע מײַנע, רעװעט זי, װוּ ביסטו? מוטער מײַנע, מי זיך!
זע, דער חלף אױפן האַלדז! איך צי זיך אױס, איך צי זיך!
— שאַ, מײַן שכנה!
(זאָגט צו איר דער הונט רב נאַטקע)
ביסט שױן טאַקע גאָר אַ זקנה,
צײַט שױן, כ׳לעבן, אין דער יאַטקע.
כ׳קום אַהין אָפּט שמעקן,
מיגלעך, איך װעל אױך אַ ביינדעלע אָפּלעקן...
— שטום! דו כלב שבכלבים, דו!
(מיט די לעצטע כוחות יעכצט די קו)
דו, הונט, אױכעט? מילא,
אַז רב יונה און זײַן ביילע

גיבן־איבער מיך צום קצב, דעם רוצח —
נישט קיין חידוש... דאָס פֿאַרשטיי איך...
ס׳קומט מיר... איך געדענק, מײַן מאַמע, זאָל זיך מיִען,
פֿלעג מיר זאָגן, ווען מע פֿלעג זי בײַ דער אײַטער צ׳וען:
טאָכטער, מעלקן איז אַן אלף,
תו — וועט זײַן דער חלף!
איז געדעכט רב יונה... יאָ, נו, וויל איך,
זאָג איך, דאָס איז פֿאַר מײַן מילעך:
אַלע יאָרן מיך געמאָלקן, איצטער פֿירט ער צו דער שחיטה.
אָבער דו, אַ פֿרעמדער כלב, אויך צו מיר אַ שליטה?
הערט, איר זאָלט געזונט זײַן, הערט!
מיט מײַן מילך אים נישט גענערט,
נישט געווען קיין פֿרײַנד אים, נישט איך בין אים,
און אַ שונא?! גאָט, באַהיט פֿון שׂנאת־חנם!

דער וועלט-אונטערגאַנג

איינמאָל איז רב כלבן שטאָט אָנגעבייסן אַ שטעקן גאָר באַשערט.
נו, איז וואָס? מסתם דער הונט דעם שטעקן ווערט.
נישט פאַר איצט, איז פאַר אַמאָל.
נאָר אַ הונט, וואָס לעבט פון כאַפּקע-לאַפּקע, נישט פון קצבה,
נייַע זינד ער שרייבט אָן פאַר אַ מצווה,
היינט פאַר אַלטע גיי באַצאָל!?
וויל רב כלב פון די קלעפּ נישט וויסן,
און געוואַלדעוועט, אַזש וועלטן איינגעריסן.
— סלופּ, וואָס שטייסטו? (רופט צום שכנס הונט ער)
וויי, וואָס שווייגסטו מען, וואָס? סע גייט די וועלט דאָך אונטער!
אַלצדינג, אַלץ!
און איטלעכער נאָר פאַר זיך, פאַר זיין געשמדטן האַלדז!
יעדער היט זיין בערגל מיסט, צי לעקט אַ ביין אין קיך ער!
גוואַלד! שוין קיינער מיטן לעבן היינט נישט זיכער!
קיינער, ווער סע גלייבט אין גאָט און פירט זיך ערלעך!
אַז אַרויסצוגיין אין גאַס שוין היינט געפערלעך!
ווער לא תגנוב? וואָס לא תרצח?
הפקר! אָן אַ גאָט די וועלט שוין פירט זיך!
אַז מע גלייבט אין גאָט נישט!... אפּיקורסים און גנבים!...
וויי! די וועלט שטייט-איין ביי די קצבים!
ביי די בייכיקע קצבים מיט די העק!
שוין! אַ סוף! אַן עק!
אַז נישט היינט, איז מאָרגן קערט די וועלט זיך איבער!
הינט, וואָס שווייגט איר? האַווקעט! האַווקעט! הויך! בציבור!
אפשר? אולי? גאָט אַ פּאַטער!...
— אי-אַ! רופט זיך אָפּ דער שוואַרצער קאָטער
וואַרגל-זוערגל
(אין אַ בייז גרין-פייער-שפּייענדיקן בערגל

ײַנגעהויקערט-אײַנגעבויגן,
קוקט דעם הונט ער סטערדיש אין די אויגן).
הער נאָר! וואָס אַזוי צעשריגן זיך, רב קרוב?
מאַלע אַז אַ כלב כאַפּט אַ שטעקן, ווערט די וועלט שוין חרוב?!

דאָס פערד און די בייטש

— אוי, סע זאָל שוין קומען אַ מפּלה
אויף רב פּײַטל בעל עגלה,
דײַן באַלבאָס דעם שיינעם,
און אויף דיר מיט אים אינאיינעם!
(צו דער בײַטש
זאָגט דאָס פערד)
סטײַטש?
זיך אַזוינס געהערט?
זאָג, וואָס קומט דאָס מיך אומזיסט צו שלאָגן?
מיינסט, מיר גרינג צו שלעפּן אָט דעם וואָגן?
נו, און דאָס פאַרגעסן, אַז צום אַלעם ערשטן
מוז אין מויל איך נעמען כאָטש אַ גערשטן?
און פאַרוואָס נישט טאַקע האָבער?
אָבער —
גיי רעד צו אַ פּידזשעלע אַ גראָבער!
וואָלט דיך נאָר ווי מיך געשטאָכן,
וואָלסטו אויפגעהערט אַזוי צו פּאָכן,
קאַטעווען און שינדן פּאַסן!
ווידער?... איך געוואַלד וועל שרײַען איבער אַלע גאַסן!
— שווײַג! (אַ קנאַק די בײַטש מיט שמײַסנדיקער צונג)
אמת, זאָגט זי, שלעפּן אַזאַ וואָגן,
און דערצו נאָך אויף אַ הונגעריקן מאָגן,
הייסט, נו יאָ, אַרויספּאָכן פון זיך די לונג;
נאָר דיך שלאָג איך —
הער, בסוד דיר זאָג איך! —
נישט דערפאַר, וואָס ווילסט נישט שלעפּן,
נאָר דיך קומט דערפאַר צו קעפּן,
וואָס, בהמה, נישט פאַרשטאַנען
און געלאָזט זיך שפּאַנען!

דער קוש

יעדער האָט זיך זײַנע תנועות און העוויות.
און רב ניסל ישעיה׳ס,
דער גביר דער שײנער,
ער געהאַט אַ טבע: תמיד נאָכן עסן
זיך בײַם טיש געזעסן
און געצמאָקעט בײנער.
צמאָקעט ער אַ ביין אַזוי און נאָגט,
און דער ביין דערפרייט זיך און ער זאָגט:
— טעלער, שיסל, גרויס און קליין!
זעט נאָר, ווער סע קושט מיך! דער באַלבאָס אַליין!
גלעזלעך דינע,
רוקט אײַך אָפּ, מחילה!
איר פאַר קנאה
קענט דאָך פּוקען נאָך, חלילה!
ווי ער צמאָקעט, לעקט מיך מיט די ליפּעלעך די רויטע!
— אײַ, דו שוטה,
(ענטפערט אים אַ שיסל)
וואַרט אַביסל,
ביז רב ניסל
וועט דעם מאַרעך דיר אויסנאָגן —
וואָס וועט איר, רב ביניש, דעמאָלט זאָגן?

די גאולה

ערלעך, זאָגט די וועלט, איז שווערלעך,
גנבענען — געפערלעך!
נו, אַ וועלט!
שלעכט אַהערצו, שלעכט אַהינצו, שלעכט וווּהין מע דרייט זי. —
לויפט דער וואָלף צום צדיק פונעם פעלד,
האַלטן זיך מיט אים אַן עצה.
ווער־זשע איז דער צדיק? נו, ווער ווייסט נישט, אַז דער פוקס?
מײַלן גייט און הערט פון אים אַ וואָרט אַ קלוגס!
אָמר צדיק — זאָגט דער צדיק, לאמור —
אָט אַזוי צו זאָגן: „צייל־אָפּ דרײַצן ביימער,
טרעפסטו דאָרט אַ גרוב אַ טיפן —
אויסגעגראָבן אים דער שוואַרצער שפּיפן,
וואָס מע רופט אים פּיפּערנאָטער
(צײַען זאָל אויף אונדז געגאָד ער
און קײַן בייזן ווינט אויף אונדז נישט לאָזן בלאָזן!).
פּילט מיר אָן דעם גרוב מיט לעבערלעך פון האָזן
און פון שעפּעלעך, פון הינער און פון אינדיקעס!
מעג אויך זײַן פון טײַבעלעך — פון אַלצדינג וואָס נישט זינדיק איז!
און מע זאָל דאָס עסן, איידער ס׳הייבט־אָן טאָגן,
אויפן ניכטערן און פרישן מאָגן,
אַלע חודש נאָכן מולד,
ווען די קליפּה, איז נישט שולט —
וועלן אַלע וועלף און הינט און בערן
גוט און פרום און ערלעך ווערן!
און פון אונטער דר׳ערד די גאולה
ווי די גרינע גרעזעלעך וועט שפּראָצן —
אָמן כן יהא רצון!
און אַ סימן צו דער סגולה:

לעבערלעך ווי מאַכט? אפשר נישט „לעב ערלעך"?" —
אָט אַזוי געזאָגט דער צדיק. און דער סוף? — געפּערלעך!
שווער איז צו דערציילן, ביטער איז צו הערן!
ווי, ווי! וויפל מ׳האָט געשפּאַלטן בײַכעלעך!
טײַכעלעך
זיך געגאָסן בלוט און טרערן,
ווײַל — די גאולה וויל מען ברענגען, ערלעך וויל מען ווערן!

דער רשע

פון אַן אָפּגעריסן פרומען בלימל
איך אַמאָל געהערט:
פאַר עבירות שטראָפט דער הימל
און פאַר מצוות שטראָפט די ערד.
און איך האָב דערצו אַ משל. הערט!

⁂

— ברודער, (זאָגט דאָס שפּיגעלע צום זייפל)
זאָג, וואָס איז דיר? עסט דיך נישט דער צווייפל?
ס׳שטילע ווערעמל? דער „נאָגער״?
איז נישט ריין, חלילה, דאָס געוויסן?
כ׳וואָלט געוועזן אַ בעלן וויסן,
וואָס סע מאַכט דיך אַזוי מאָגער
און פון טאָג צו טאָג אַלץ נאָכגעלאָזטער, שיטער?
— ביטער!
(זאָגט דאָס זייפל מיט אַ קרעכץ)
קאַלטס און וואַרעמס, און מע פּײַניקט און מע פּלאָגט.
— טו־זשע תשובה, קינד! מע זאָגט:
יעדער טוט אַליין זיך שלעכטס....
— וואָס־זשע?
מיינסט אַן אמת, איך אַ רשע?
— נו, וואָס דען־זשע? וואָס־זשע שטראָפט מען? זאָג אַליין!
— איך די וועלט איך זייף און מאַך זי ריין!

די קאַץ און דער וווּרשט

מיט אַ יאָמער זיך די קאַץ אַרומגעטראָגן:
„מיאַו! מיאַו! די באַלבאָסטע מיך פֿאַרגעסן
און די דינסטמויד מיך געשלאָגן!
איך בין הונגעריק, און עסן וויל איך, עסן!
און פֿאַר וועמען וויינען? און פֿאַר וועמען קלאָגן
מיאַ, איך לאָז זיך אויס פֿאַר הונגער און פֿאַר דורשט!"
קומט אַקעגן איר דער בײַכיקער, מיט פֿלייש געשטאָפּטער וווּרשט
און ער נעמט דער קאַץ זיך זאָגן מוסר
(אַז נישט העלפֿן, כאָטש אַ וואָרט איר זאָגן מוז ער).
„פֿע! סע פּאַסט נישט", זאָגט ער, „פֿאַר אַ קאַץ צו וויינען! ניין,
סע פּאַסט נישט!
הונגעריק? איז וואָס? און אַז אַ טאָג מע פֿרעסט נישט,
איז סכנות? בעסער אַז מע עסט נישט!
ווער סע הונגערט, דער אין גאָט פֿאַרגעסט נישט!
וווּ איז תשובה, אַז מע פֿאַסט נישט?
דאָס אַ תכלית דען: מיט פֿלייש דאָס בײַכעלע צו שטאָפּן?
זאַלץ און וואַסער, און אַ שטיינדעלע צוקאָפּן!"
„מ... יאַ, נו", זאָגט די קאַץ, „אינדעסן
קומט דאָס נישט צו עסן...
דו גערעדט, איך שוין פֿאַרגעסן...
איך געדענק נאָר וואָס איך לייג אין בויך... אַזוי איך...
וואָס? אומשטיינס-געזאָגט אַ קאַץ... אַ מוח..."
וויל דער וווּרשט אַנטלויפֿן, כאַפּט זי מיט די ציין אים —
שלינגט די תורה אײַן מיט אים אינײנעם.
אײַנגעשלונגען, אָנגעשטאָפּט מיט תורה און מיט וווּרשט דעם
מאָגן —
צו די מײַז אַוועק די קאַץ, זיי מוסר זאָגן.

זשאַבעס

עפּעס רעשט זיך אין געמויזעכץ! עפּעס דאָרט אַ קאָך!
קענגן בושל אויפגעהויבן זיך די זשאַבעס. (— דאָך!)
אַ געשריי, אַ קוואַקערײַ:
„פרײַ זאָל זײַן די בלאָטע, פרײַ!
אוים! גענוג! ביז וואַנען? שלינגט אונדז אויפן שאָק,
און קײַן פּיפּס נישט!? הפקר! שנײַד און בראָק!
ניין! סע גייט אַזוי נישט ווײַטער! ראשית ווילמיר טאָקע,
נישט באַשרענקט און נישט באַגרענעצט זײַן זאָל אונדזער קוואַקע:
ווען מע דאַרף און ווען ס'איז נייטיק, מאַכן אַ „קוואַקאַווקע",
און אַרויסזאָגן איעדער זאָל זײַן מיינונג הויך, און דווקא
נאָר בײַטאָג — דער זומפּ זאָל ברויזן!
זאָלמיר וויסן אויך וואָס גוט און שיין איז!
והשנית:
בלומען! רויזן!
ס'איז בײַ אונדז דאָך בלאָטע בלויז!
זאָלמיר אויך אַמאָל שוין זען אַ רויז!"
(זשאַבעס — און געפּערלעכע השגות?
אים, דעם סאָלאָוויי גיי זאָג עס!
פונעם נאָענטן וועלדל זײַנע זינדיקע געזאַנגען
זים געוועקט חלומות, נישט-געשטויגענע פאַרלאַנגען
צווישן עולם, יענעם גליטשיק-קאַלטן-נאַסן.)
נו, אַז דאָס געמויזעכץ זיך גענומען וויגן!
וואָס? וואָס טראַכט איר זיך? דער בושל זיי געשוויגן?
בלוט געגאַנגען אין די בלאָטע-גאַסן!
זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק... קיצור: שבת...
נו, ווער אויסגעפירט? די זשאַבעס!
זשאַבעס היפּען, זשאַבעס טאַנצן...
מזל-טוב! דער בושל נאָכגעגעבן זיי אינגאַנצן!
וואָס-זשע דאַרף מען נאָך? מע דאַרף אַ נעם טון זיך געטרײַ

און די בלאַטע איבערבלאַטען אויפדאַסניי,
העט פון שימלהייטל גרינעם
ביז אַראָפּ צום שליים און עפּוש-פּאַדעם כל המינים.
(דאָס אַן אַרבעט פאַר געניטע, פאַר מבינים!)
און צום ערשטן מאָל די חברה קוואַק
איינגעפירט אַ קלפי, און מיט אַלע פליטערלעך תרי״ג,
מיט אַמביציעס, מיט דרשות, סעודות, צדדים.
מ׳האָט געקוואַקעט דורך די נעכט — פּחדים!
און געקלויבן און געקלויבן.
ביז זיי האָבן — גאָט צו דאַנקען און צו לויבן! —
אויסגעקליבן דריי בכבודיקע נעמען!
ניין, דעם זומפּ זיי חס ושלום נישט פאַרשעמען:
קווים-קווע-קוואַד-קוואַ-פּאַפּוגיי, וואָס רעדט אויף שבעים לשון —
אַ בר סמכא ביי די פראָשן;
און דער פרומער שוואַרצער חסיד רב קראַ-קראַך,
וואָס ער זאָגט נביאות פון שפּיץ דאַך;
און דער עיקר —
דער הער פּיקער,
וואָס מע רופט אים פּיקהאָלץ (ע, ער איז קיין שוטה —
ר׳האָט אַ יאַרמעלקע אַ רויטע!).
און היות די לייט
שענקען דעם געמויזעכץ אי זיי׳ר חכמה אי זיי׳ר צייט,
מוז דאָך קהל אויף זיך נעמען זיי׳ר פּרנסה.
על כן
האָט אַליין דער בושל פון זיין הויכן באַלקן
אָפּגעשטעלט אויף קהלס חשבון זיי׳ר הכנסה.
און אַ נעם געטון מיט חשק
אין אַ שעה אַ גוטער חברה זיך צום עסק —
עסן!
און די בלאַטע? וויים איך וואָס! פאַרגעסן!
די הוצאות לעת עתה גרעסער:
צוגעקומען נייע פרעסער...
און דאָס בלאַטע-לעבן אויף אַ האָר נישט בעסער!

דער ריכטער

איינמאָל האָט רב כאַפּער־כאַפּעראָוויטש־כאַפּערעסקו
(דאָס דער בער — פון וואַלד דער ריכטער)
זיך געלייגט נישט איבעריק ניכטער
און מיט ביידע לאַפּעס פונעם שלאָף געטון אַ פּליעסקע —
נעבעך זיך דערשראָקן;
אויסגעדאַכט זיך אים: פון וואַלד געוואָרן איז אַ שטאָט,
גייען פריַיטיק אַלע חיות פונעם באָד,
אויסגעצוואָגן, פיַין און פרום ווי ציגנבאָקן...
היַינט גיי לעבן! צווישן סאַמע פרומע
קען אַ ריכטער האָבן דען אַ תקומה?
וואָס? פונוואַנען לעבט אַ ריכטער דען? פון מעשים טובים?
נעמט ער רעוועז, ברומען פונעם שלאָף,
אַזש סע ציטערן אין צענטן דאָרף די שאָף.
לויפן זיך צונויף די שכנים, פריַינד און קרובים,
און מע וועקט אים, און אין שטערן שפּיַיט מען אָן דריַי מאָל אים.
כאַפּט ער אויף זיך און דערציילט דעם חלום.
און מע זעט באַשיַימפּערלעך, ער עקט זיך.
„גאָט מיט דיר!” באַרויִקט אים דער פוקס, „נישט שרעק זיך!
כ'האָב דאָס אַ קבלה
פון פאַרדרייטע וועגן און פון סטעזשקעלעך קרום־שמאָלע:
איז נאָר דאָ אַ פּאַסטעך, וועלן זיַין שווין הינט!
גיב נאָר גאָט אַ ריכטער, וועלן זיַין שווין זינד!”

פאַרן בית דין של מעלה

פון אַלטן בית עולם אַ שוואַרצע קראָ פּליט
און פּאַטשט מיט די פליגל אין שול-הויף:
גאָטס קנעכט שלמה זלמן, דער כשרער ייִד —
אים אַנגסן באַשלאָגן. ער ציטערט אין שרעק ווי אַ לולב,
פון זיבן מלאכי חבלה צום בית דין של מעלה געפירט.
וואָס איז דאָרט?... בײַם לעבן, מיר דאַכט זיך, קיין פליג אויף דער וואַנט נישט גערירט...

אַ לאָדעכיץ מיט אים האָט זײַן קו.
גערעכטיקײַט וויל זי. אַז דאָ נישט, איז וווּ?
דער אמת זאָל לעכערן בערג ווי די הערנער פון זון דעם שוואַרצוואַלקן! —

זי טענהט: ער האָט מיך, רב שלמה, געמאָלקן,
איך האָב אים די קליי פון די ביינער געגיבן —
פאַר אים, פאַר זײַן ווײַב, פאַר די קינדער די זיבן.
און מײַן קינד, מײַן איינציקס, פאַרשפּאַרט,
אַ הונגעריקס נעבעך געמעקעט, געגאַרט,
און אויף זײַן גענאָד אין דער פינצטער געוואַרט,
ער זאָל אַ פּאָר טראָפּנס באַטש לאָזן פאַר אים אין מײַן אײַטער.
נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט, הערט ווײַטער!
ער האָט דאָך מײַן האַרץ מיר צעבראָכן;
מײַן קינדעלע נאָך נישט געוואָרן פיר וואָכן —
און ער דאָס געפירט צו דער שחיטה! געוואַלד, צו דער שחיטה!
דאָס ערשטע, דאָס צווייטע, דאָס דריטע!...
דעם הימל נעמט-דורך אַ פראָסט:
— און דו האָסט געלאָזט זיך אַלין מעלקן? — געלאָזט!
— מע האָט דאָך דיר הערנער געגיבן, צי האָסטו מיט זיי נישט געשטאָכן?

—חלילה!

— מע האָט דאָך דיר שטאָלערנע ציינער געשאָנקען, צי האָסטו
מיט זיי נישט געביסן?

(דער הימל וויל וויסן!)

— איך וואָלט דאָך דערפאַר איצט געבעטן מחילה. — —

דאָס בית דין קוקט־איבער זיך, שטערנדלעך גאַפן:

— מע האָט דאָך דיר קאָפּעטעס הארטע ווי שטיינער געשאַפן,
צי האָסטו צומאָל אים אין האַרץ נישט געשלאָגן על חטא?

— על חטא שלאָגט מען זיך און נישט יענעם.

— אין גיהנום!

(אַ הונער געטון זיך אַ קײַקל פון ערגעץ העט־העט)

אין גיהנום אַרײַן! די בהמה זאָל טראָגן איר שולד!

מיט טעמפּער הכנעה און שטומפּיק געדולד

מײַן קנעכט שלמה זלמן מיר איבערגעפירט!

געוויזן אַ וועג אים אַ פרײַען צום שלעכטן,

אַ חלף אין האַנט אים געגעבן צום שעכטן —

פאַרשאָלטן זאָל זײַן זי ביז צענטן געבירט! — —

און רוחות מזיקים מיט קאַנטשיקעס צו,

אויף פלאָג און אויף פּײַן אָפּגעפירט זיי די קו.

דער שטעקן

האָט דער גוטער־יאָר אַ שטעקן אָנגעטראָגן.
איז דאָס, מאַמעניו, אַ זאָגער, רעדער, שמוסער!
ס׳איז דער אמתער, דער גרויסער שבט־מוסר.
רעדט ער צו דער ראַבער קו אַזוי צו זאָגן:
„גיבן דאַרף מען! מילעך גיבן!
ס׳שטייט אַזוי געשריבן!
ונתנו מאַכט צוריק ונתנו. דו פֿאַרשטייסט?
ניין, פֿאַרשטייסט מיך נישט. בהמה דו, דאָס הייסט:
גיסטו מיטן שעפּל,
גיט מען דיר מיט לעפּל;
גיסטו מיט די הערנער,
גיט מען דיר מיט דערנער.
לאָז דיך, זאָג איך, מעלקן!
ביימער דאַרן, גראָזן וועלקן —
מעשים טובים
אייביק בליענדיקע קרובים,
אייביק דיר געטריי זיי ווי דעם אויג די ברעם,
אי אויף דעם
אי אויף יענעם עולם.
זײַ־זשע נישט קיין גולם!
באַלד וועט קומען מיטן שעפּל די באַלבאָסטע ראָניע...
ע, דו פֿאָרקעסט מיט דער ניאָניע?
ברוגז ביסטו? וואָס? דײַן קעלבעלע אין שטאַל,
ווען דיך מעלקט מען דאָ אינדרויסן?
ווילסטו אפשר דריגען? שטויסן?
וועט עס ווארפן דיך אין קאַפּאַקאַל!
הער, מע טאָר נישט, זאָג איך דיר, מע טאָר נישט דריגען, שלאָגן!
אַלץ צו גוטן, מוז מען זאָגן,

אַלץ צו גוטן, אַלץ,
ווען אַפּילו ס׳ליגט דער חלף אויפן האַלדז..."
זאָגט אַריַין דער שטעקן אונדזער קו און זאָגט,
און דערבײַ אַליין ער שלאָגט, ער שלאָגט.

צוויי פייגעלעך

פרילינג אונדז געשענקט אַ טאָג, אַ גילדענעם, אַ גרויסן.
זעט: מיט טויזנטער קרישטאָלנע עמערס ער אינדרויסן
חיות, ליכט און פרייד צעגאָסן.
און צוויי פייגעלעך — ווײ־ווײ! — אין שטײַגעלע פאַרשלאָסן!
פרעגט פאַרוואָס! אומזיסט־אומנישט!
ווײַל מיט לידעלעך דאָס האַרץ געקוויקט־געפרישט!
שוין דעם אמת דען דער שוחט ווי אַ טײַבעלע געשאָכטן?
שלעכט! פאַרפאַלן! אַז דאָס שטײַגעלע פון דראָטעלעך געפלאָכטן!...
זיצט זיך איינס, דאָס עלטערע, הכנעהדיק און שטיל.
מילא, וועלן מוז מען ווי ס'איז מיגלעך, אַז נישט מיגלעך ווי מע וויל.
דאָס ווייסט יעדער, ווער דעם קאָפּ אין אומגליק נישט פאַרלירט.
נאָר דאָס צווייטע — ווי, וואָס דאָס פאַרפירט!
וואָס פאַרעקשנטער די נויט, אַלץ אימפּעט מער.
וואַרפט זיך, שפרינגט אַהין, אַהער,
סע געפינט זיך נישט קיין אָרט,
רײַסט זיך, בײַסט די דראָטלעך דאָ און דאָרט,
פיקט אין טירל — פראָטעסטירט.
„פיקהאָלין!" זאָגט דאָס עלטערע, „וואָס נאַרישקײַטן צו באַווײַזן?
זעסט דאָך, שוואַך שנעבעלע, די דראָטלעך — אײַזן!
גיי שוין, אומרו, גיי שוין אין דײַן רו!"
נאָר די רו פון אומרו — אפשר ווייסט איר ווו?
קומט צו גיין די שיינע רחלע און קוקט זיך צו.
זעט זי — מיר פאַר איר בלאָ אייגעלע! —
ווי סע וואַרפט זיך, ווי סע רײַסט זיך פונעם שטײַגעלע דאָס פייגעלע.
דאַכט זיך איר, דאָס פיצל מיטן שנעבל איר אין האַרץ אַ פּיק,
שפרינגט זי — אַז מע שמוסט, אַ ווילדע ציג! —
און אַן עפן פונעם תפיסהלע די ריגעלעך!

ביידע ראַפּטעם אויסגעגלײַכט די פליגעלעך
און — אין פרײַען פעלד!
דאָרט זיך אויף אַ בוים געשטעלט,
און צום אומרו זאָגט דאָס שטילע:
„נו, געריכט זיך מיט אַ רגע פרי׳ר?
אָבער זאָג: געפילדערט איך ווי דו? געטון אַ פּיפּס אפילו?
און צי דען דער הימל נישט געהאָלפן מיר ווי דיר?
נו, באַדאַרף מען וווּיוועָן? האַ? כדאי?
אַז באַשערט איז די ישועה, קומט זי סײַ־ווי־סײַ!"

***

נו, פאַרשטייט זיך, קומען קומט זי און זי מוז...
נאָר פאַרגעסט נישט, שטילינקע, אין וועמעס זכות!

ביי רב טאָדרעסל אין הויף

איר געווען אַמאָל אין דערפל ביי רב טאָדרעסל דעם נגיד?
דאָ איז שיין און דאָ איז ווויל, און דאָ גיט
גאָט זיין מזל-ברכה.
אויפן הייפל גענדזעלעך און הינדעלעך נישט איין משפחה,
און אַ אינדיק מיט אַ אינדיטשקע, אַ ציג, אַ קו,
און אַ טויבנשלאַק דערצו.
דאָס דער עיקר. וועגן אים דערצייל איך. —
איינמאָל זיצט אַ טערקלטויב און וואָרקעט: „אַלע פריילעך,
נאָר צו מיר אַליין זיך טוליעט ער, דער טרויער,
איך אַליין געפעל אים...
פרעג איך אים: וואָס ווילסטו? וואָרקעט ער אין אויער:
אַלעמאָל אַן אַנדער טייבעלע ווערט נעלם!"
הערט מען אוים — פאַרשטייט זיך, נישט אָן שרעק —
פאַלט שוין עפּעס אויף:
אַלע דאָנערשטיק דאָס באָרוועס-מיידל קומט אַרויף...
נעמט אַ טייבל... גייט אַוועק...
און פאַרפאַלן! שוין! נישטאָ דאָס טייבעלע צוריק!...
וואָס-זשע זאָל דאָס הייסן, האַ?... דאָס לעבן נעמט זיך עקן!
נישט אַזוי דער שאָדן — דאָס נישט-ווינסן טוט זיי שרעקן!
גייען פרעגן זיי אַן עצה ביי דער ציג.
שאָקלט מיט דער באָרד זי: ס'איז נישט גוט, דאָס זעט זי אויכעט —
זאָל אַזוינס ביי גוטע פריינד זיך גאָר נישט הערן!
נאָר אין תוך וואָס איז דאָ, קען זי נישט באַקלערן.
— וואָס איז דאָ צו קלערן? (זאָגט דער האָן) סע שמעקט מיט שוחט!

— שוחט? וואָס-זשע הייסט דאָס, גוט צי שלעכט?
— שייך שלעכט? אַ שוחט שעכט!
— שעכט? וואָס הייסט דאָס שעכטן?

— קוקוריקו!... וואָס מיר נישט געחלומט זיך, נישט היינט, נישט נעכטן...

פריצלעך! ערשט פון אייעלע אַרויס!...
שעכטן הייסט: מע ציט דאָס העלדזועלע דיר אויס,
און מיט עפּעס דאָרט אַ שאַרפס, אַ שאַרפס ווי אַדלערס נעגעלעך,
איבער העלדזועלע אַ פיר אַהין, צוריק —
ביק!
און געַנוג! פאַרגלייזט די אייגעלעך!...
— גאָט מיר דיר! וואָס רעדסטו? הערט נאָר, הערט!
(מיט די פליגל ציטערט־קלאַפּט די טערקלטויב צו דר'ערד)
וואָר דאָס? וואָר דאָס? טאַקע וואָר?
ווייסט איר וואָס גאָר: לאָמיר גאָר אַנטלויפן! גאָר גאָר ווייט!
גאָר גאָר!
— פליען! פליען! (כאַפּן אַלע אונטער) און וואָס גיכער — בעסער!
— דאָר־אַלדאָר־אַדאָר! פאַרפירט און זינדיק!
(בלאָזט און גוידערט זיך דער אינדיק)
לויפן פונעם הלף צו באַגעגענען דאָס מעסער!
היכף מיט מרידה! פליען!
— גו־גו (זאָגט די קאַטשקע און זי קוקט זיך אַלעמאָל אַרונטער)
גו־גו גוט, דאָס יונגוואַרג אין די פּאַכוועלעך טוט בריען...
ווייסט נישט, זיצן אויפן אָרט געזונטער...
נאָר די אַלטע — זיי געמעגט כאָטש זיין אַביסעלע געזעצטער,
ווייסן: נישט פון נעכטן פירט זיך אונדזער הויף,
קיינער נישט דער ערשטער. קיינער נישט דער לעצטער,
וואָס באַשערט — באַשערט, כאָטש פלי און שווים און לויף!
— לויפן?... קוקוריקו!... (קרייט דער האָן) און אַז מע וועט אייך כאַפּן?
— מע־מע־מע (צעמעקעט זיך די ציג) מע וועט דערטאַפּן!
אויך אַמאָל אַנטלאָפן,
אין אַ פרעמדן גאָרטן... מיינט איר, מע־מע־מע מע האָט מיך נישט געטראָפן?
אוי, אַז מיטן שטעקן מע־מע־מע מע האָט גענומען קלאַפּן!...

אַט אַזוי אַ פּחד אָנגעיאָגט, פאַרכישופט,
אַלטע זיך דערשראָקן, יונגע זיך געשיבושט,
אַזוי ברייט און אַזוי לאַנג,
ביז —
מזל טוב, רב טאָדרעס מאַכט אַ ברית!
און אין קיך, געבונדן, אויף דער ברייטער באַנק
אויסגעלייגט די טײַבעלעך, די גענדז, דער האָן,
און דער אינדיק אויבנאָן,
און מע קרייט, מע גאָגערט, און מע קללה׳ט, און מע הרמה׳ט —
וועמען? נו, די טײַבעלעך! פון זיי די צרה תמיד!
זיי, די הויכע פליערס, זיי!
אומגעבראַכט דאָס הויף אונדז מניה־ביה!
— דאַר־אַלדאַר־אַדאַר, אַנטלויפן זיך פאַרגלוסט!
— גע־גע־גע געוווּסט, אַ צרה גייט אויף אונדז, געוווּסט!
— קוקוריקו! אַ שטראָף אויף אונדז אַראָפּ!
— אָלדער־אָלדער! טויבן זינדיקן — מיר קומען אָפּ!

דער בעל יועץ

נישט אַ טאָג, נישט צוויי — אַ גאַנצע וואָך
נישט אַרויסגעוויזן זיך רב מײַזל פון זײַן לאָך,
נאָר געטראַכט, געטראַכט כּסדר.
(טראַכטן קען איעדער.)
זיבן טעג און זיבן נעכט געטראַכט,
און דערנאָך ערשט אַן אסיפה ער געמאַכט.
צען מנינים מײַז בכבודיקע זיך צונויפגעקומען
און צו הערן זיצט מען מוכן ומזומן.
טוט רב מײַזל
ס'עקל אַ פּאַרקרײַזל,
ניסט זיך אוים, און זאָגט: „רבותי, הערט!
כ'האָב געקלערט און אויסגעקלערט:
אַלע צרות נאָר פון שנאה!
און די שנאה? נישט אומזיסט! פון קנאה, זאָג איך אײַך, פון קנאה!
נו, בכן, ווי טאָג אונדז קלאָר
מחמת וואָס סע הענגט דאָס לעבן אויף אַ האָר
און די קאַץ אַ בייזער וואָרעם, ווילד.
אַ פּאַרדראָס, אַ ווייטיק איר: אַ מויז אַ שנעק —
אויך אַ קאָטער! מיט אַ לאַנגן עק!...
חוצפּה! זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט!...
על כּן, ברידערלעך, עצתי: שטאַרקט די הערצער
און די עקן מאַכט אײַך קערצער!
נו אַוודאי, יאָ, אַביסעלע אַ ווייטיק,
אָבער — נייטיק!
קערצט איר אונטער אײַך די עקן —
פונעם קאָטערס פּיסקל פוטער וועט איר לעקן!
ווי איר זעט מיך לעבן, נישט אַזוי אַ בים — אַ קראַץ
טוט נישט מער די קאַץ!"

שאָקלען זקנים מיט די קעפּלעך: „יאָ, אַ סברה...
אוי, די עקן, אוי!... אַ צרה, קינדערלעך, מיט זיי, אַ צרה!"
וואָס־זשע טוט מען? די כּפּרה!
ווער וויל בײַסן, איז געביסן!
רײַסן זיי, זאָל זײַן געריסן!
און אַ סוף, אַן עק מיט אַלע עקן! פּטור!...
און אַ חכם־עתיק דאָרט פֿאַראַנען, ראָט ער
גאָר דערלאַנגען אַ בקשה גלײַך צום שוואַרצן קאָטער:
ציִען זאָל אויף זיי גענאָד ער,
זאָל ער ציִען,
און מצד רחמנות און מצד אַ מצווה־זאַך באַמיִען
זײַנע הויכגעשעצטע, שאַרפֿגעשפּיצטע ציין —
זאָל באַרײַסן זיי'רע עקן טאַקע ער אַליין!
(ס'איז אַ שׂכל,
יאָ, מע דאַרף דעם רשע טון אַ שמייכל.)
וואָס? איר לאַכט? מהיכי־תּיתי, לאַכט!
נאָר געוויינט גאָר אַלע מײַז דאָרט יענע נאַכט.
מ'איז געוואָר געוואָרן — נישט פֿאַר אײַך געזאָגט, געליטענע! — —
אָך און וויי! אַ קאַץ האָט פֿײַנט אַ מויז, אַפֿילו אַ באַשניטענע!

**
*

בלינדע בעטלערס, דרייט אַ קלאָג אויף אַלטע קאַטערינקעס,
און פֿאַרשרײַבט דאָס, פֿרומע שרײַבערס, מיטן גראַם אין אַלטן פּנקס:

מיזל, מײַזל, מויז!
מעג דײַן עק זײַן גרויס,
מעג ער זײַן אַפֿילו קליין,
בלײַבט דער קאָטער — קאָטער, און די ציינדלעך זײַנע — ציין!

די שפּיז און די נאָדל

איינער (ראובן, שמעון אָדער איקס)
קומט פון דער מלחמה מיט אַ שפּיז און מיט אַ ביקס
און שפּאַרט-אָן זי אין קאַמאָדל,
וווּ געשטעקט אַ דינע נאָדל.
— אָט אַ נאָדל, אָט אַ ריז!
(טראַכט דאָס נעדעלע, דערזעענדיק די שפּיז)
קליידער מאַכט אַוודאי זי פון אײַזן צי פון בלעך,
און אויף גיך, מיט ריזנשטעך!
פּאַר אַ גוג-מגוג מסתמא, צי אַזוי אַ ריז אַ גדול...
און די שפּיז? זי קוקט, באַטראַכט די נאָדל:
— אָט אַ שפּיזעלע אַ שרעטל!
חידוש, וואָס סע לויפט זיך נישט צונויף דאָס שטעטל
אויף דעם שנעקעלע צו קוקן!
קאָמיש! אַזוי קאָמיש! נו ווי מאַכט מען נישט מיט אים קיין שפּאַס?...
זאָג מיר, ברודערל, נישט שעם זיך: אמת, וואָס מע שמוסט אין גאַס?
ביסט אַ פּײַער! קומסט אין כּעס, איז מסוכּן!
מיטאַמאָל דערשטעכסטו, זאָגט מען, זיבן פליגן!
— שקר! (שרײַט די נאָדל) ליגן!
איך קען שווערן דיר בײַם מענטעלע פון ספר תורה:
לײַוונט שטעך איך, לײַוונט! ס'איז אַזאַ מין סחורה...
— כאַ, כאַ! (שיסט די ביקס אויס אַ געלעכטער)
כאַ, כאַ, כאַ! ער שטעכט גאָר לײַוונט! לײַוונט שטעכט ער!
— וואָס-זשע ווילט איר? (פרעגט די נאָדל) איך זאָל שטעכן בלעך?
עך, עך,
ווען ווי איר איך גרויס!
— אוי, געוואַלד, איך האַלט נישט אויס!
(שרײַט די ביקס) איך פּלאַץ! איך שיס!

— זײַט מיר מוחל! (זאָגט די נאָדל) נישט געמיינט צו שלעכטן!
נישט קײַן לײַוונט, נישט קײַן בלעך — איז וואָס־זשע שטעכט'ן?!
— מענטשן שטעכט מען! מענטשן! (זאָגט די שפּיז)
אָבער דאָ די נאָדל שוין גענומען לאַכן,
נאָר אַ לאַכן — אפשר לאַכט זי נאָך:
כי, כי, כי! און אַך, אַך, אַך! און אָך, אָך, אָך!
— שטעך איך, זאָגט זי, לײַוונט, מאַך אַ שטעכל נאָך אַ שטאָך,
ווערט אַ העמדל, ווערט אַ מלבוש — זאַכן;
אָבער מענטש — שטעך הײַנט, שטעך מאָרגן אים, וואָס וועסטו
פון אים מאַכן?!

די באַרשט און דער קאַמאַש

קיש — קאַש!
ס׳טאַנצט אַ באַרשט אויף אַ קאַמאַש!
שטאַרקער, שטאַרקער גייט דער טאַנץ
און אַלץ העלער ווערט דער גלאַנץ —
ס׳איז צו קוקן אַ ציקאַווע!
דער קאַמאַש איז אָבער אַ בעל־גאווה:
אויף זײַן פּיסל טראָגט אים דער גביר רב הענעך,
אַרט אים (נישט רב הענעכן, נאָר דעם קאַמאַש גאָר מיין איך),
ס׳שטייט די זאַך נישט אָן אים.
ווער סע שפּרינגט אים דאָ אין פּנים!
נאַ דיר, נו! אַ באַרשט, וואָס וואַלגערט זיך
ערגעץ דאָרט אין קיך!
ווערט ער מלא כעס
און ער שרײַט מיט האַס:
„ס׳איז דאָך, כ׳לעבן, פון די בערשט נישט אויסצוהאַלטן!
זעט נאָר, ווי ער טאַנצט אין פּנים מיר, דער בחורעץ!
איַ, וואָלט איך צו דר׳ערד געטון מיט אים אַ זעץ
און אויף צווייען אים צעשפּאַלטן!״
„זײַט נישט ברוגז, רב קאַמאַש!״
ענטפערט אים די באַרשט, „מה רעש?
אַז דו קענסט אָן מיר נישט גלאַנצן,
מעג איך, ברודער, אויף דיר טאַנצן!״

דער שירעם, דער שטעקן און דער בעזעם

ווער־מען לויבן? וועמען זינגען שיר־השירים?
סע פאַרשטייט זיך — קיינעם, נאָר דעם שירעם.
אַ באַלבאָס אַ יוסטער, ברייטער,
איבער אונדז זײַן פליגל שפּרייט ער,
ווען ער וויל, אין הימל פליט ער —
וויל ער אָבער זײַן אונדז אַ געטרײַער היטער
סײַ אין רעגן, סײַ אין היצן. קיצור —
ער איז אונדזער שומר, ער אונדזער באַשיצער.
קומט דער שטעקן גאָר און קעגן שירעם שטעלט זיך.
„איך בין עלטער!" שרײַט ער, „איך — אויף מיר שפּאַרט־אָן די וועלט זיך!
און דעם ים געשפּאָלטן ווער? מײַן זיידע זכותו יגן!
און דערצו נאָך — דרך־ארץ! איך קען שלאָגן!
ווער סע פאָלגט נישט מיך, איז ווי ז'אים!"
„און איך פאָלג נישט!" זאָגט דער בעזעם,
„מיך וועסטו נישט שרעקן!
איך בין גרעסער אי פון שירעם אי פון שטעקן!
איך בין", זאָגט ער, „דאָ באַלבאָס, און איך בין גרויס!
ווער סע לויגנט נישט מיר, איז — מאַרש! איך קער־אַרויס!"
דעם וויכוח דער באַלבאָס דערהערט
און עפּעס דאָ נישט גלאַט אים:
„אי דער שירעם, אי דער שטעקן, אי דער בעזעם באַלעבאַטים!
נו, און איך וואָס? איך וואָס האָב דאָ פאַר אַ ווערט?"
„דו?" שרײַט יעדער פון די דרײַ, „נו, דיך
גאָט באַשאַפן צו באַדינען מיך!"

דער טיש וואָס פרעגט קשיות

איר געהערט אַזוינס נאָך — פון אַ טיש אַ פילאָזאָף זאָל ווערן!
איינמאָל גאַר אַ טיש גענומען קלערן,
אָנגעהויבן צווייפלען ער,
וואַקלען זיך אַהין, אַהער —
שאלות פרעגט ער. שטייגער:
וואָס אַזוינס דער זייגער?
עפּעס, מוז מען זאָגן, אין אים שטעקט:
קלינגט און וועקט...
עולם קוקט אויף אים... דעם צײַטן־גאַנג פאַרשטייט ער...
און — וווּהין מע דרייט אים, גייט ער!
האָט אַ האַנט אַ שליסעלע אַזאַ מין
און זי דרייט מיט זײַן נשמה און די ווײַזערלעך צוזאַמען!
וווּ־זשע איז זעלבשטענדיקײַט? גיי זוך עס!...
צי רב ארונדל, דאָס שאַפּקעלע מיט ספרים!
האַלט פון זיך! אַ חכם מופלג! אַ מיוחס!
וואָס־זשע פּלאַפּלט ער גאָר נאַרישקײַטן, שקרים?...
און דער לאָמפּ? דער אדון מיטן גלעזערנעם צילינדער?
איז בײַנאַכט אַ זעענדיקער און בײַטאָג אַ בלינדער!
פּלא!
און וואָס נאָך? ער נעמט דאָך אין דער לינקער קיילע!
ער דאָס פּלעשעלע נישט פײַנט!
גיסט אין העלדזל, ווערט ער לעבעדיק און שײַנט...
אָט גאָר נעמט דאָס צינגל צאַפּלען־פּלאַפּלען מעשה שיכור!...
(גוט נאָך, וואָס פאַראַן אַ שערל — צינגל־פּיקער!)
פּאַסט דאָס פאַר אַ גלעזערנעם צילינדער? שיין?
און אַ יחוס! אויפן טיש נאָר וויל ער שטיין!
ווי געפעלט אײַך? אַנדערש שטייט נישט אָן דעם אדון!...
אָט וואָס פאַר אַ שאלות אונדזער פילאָזאָף באַוועגן!

וואָס־זשע טוט מען, אַז אַ טיש הייבט־אָן זיך וואַקלען, פרעגן?
מוז מען עפּעס אונטערלייגן.
(ס'קען דאָך זײַן, חלילה, נאָך אַ שאָדן!)
נו, גענומען שײַנדל
און געלייגט דאָרט ווו מע דאַרף אַ שפּענדל.
גוט געוואָרן! ניחא!...
שרײַט אָבער דער שפּאָן פון דר'ערד: געוואַלד! רציחה!
גראָבער פּוס, וואָס טרעטסטו מיך?
דיר איז עפּעס קשה — שולדיק וואָס בין איך?!

גאָטס סטראַפּטשעס

זיצט אַ פּאַסטעכל און שפּילט —
גאָטס רחמנות ער דערפילט,
דאָס רחמנות, וואָס סע וואַרעמט, פינקלט, קוועלט,
זינגט אַרום דער וועלט
ווי אַרום דער כלהס פינגער דאָס קידושין־רייפעלע.
„מע, מע, מע!" צעמעקעט זיך אַ שעפעלע
און סע ציטערט אין די אויגן איר אַ בליצל,
„גרויס, אַוודאי, גרויס ווי בערגער גאָטס גענאָד... פון אייביק
וואַרעם, גלעטנדיק, פאַרגעביק —
ווו־זשע איז מיין כשר לעמעלע, מיין פיצל?...
און אַז גאָט געוואָלט, דער בייזער וואָלף איר קינד זאָל עסן —
וואָס־זשע גיט דער מאַמען ער אַ בענקשאַפט און זי קען עס נישט
פאַרגעסן?
וואָס־זשע ברייט אַזוי אין האַרץ און בראָט?"
פרעגט זי מיט די אויגן, זוכט אַ טרייסט. דערזעט זי גראָד
איינגעשלאָפן ער, דער פּאַסטעך. כאַפּט זי זיך אַוועק אין שטאָט —
לויפט צום רב. דאָ הייבט זיך אָן אַ מעשה נורא!
הערט, אַ שעפעלע מיט גאָט וויל האָבן אַ דין־תורה!
הערט זי אָבער פונעם רבינס ציג געוויינע,
אַז דער רב נאָך פרימער פונעם שוחט:
טאָג ווי נאַכט אין ספרים גאָר פאַרמוטעט,
און ער אויכעט
גאָטס אַ מענטש! פאַר גאָט ער מורא!... שלעכט!
דאָ, ביי אים, אַוודאי גאָט גערעכט!
לויפט זי שוין אין וואַלד אין פרייען,
זוכן דאָרט אַ רב אַן אמתן, אַ דרייען,
וואָס פאַר גאָט ער גאָר קיין מורא נישט.
(אַנדערש לוינט זיך דאָך, פאַרשטייט זיך, דער דין־תורה נישט!)

גיי־זשע ריכט זיך, אַז דער פוקס, דער בער,
שטאָל און אײַזן זיי פאַר גאָט נאָך מער
ווי דער רב. — חצופה!
(שרײַט דער פוקס) מיט טענות גאָר צו גאָט?! דאָס גופא
ברענגט פורעניותן, בייז געיעג און כלבים אויפן וואַלד!
וויי געשריגן! וויי, געוואַלד!
וויי ניק
נישטער איך און זוך און רייניק?
אַלץ די זינד נישט אויסגעראָטן?!
— בו־ה־ה! (צעברומט דער בער זיך) מעשה שטן!
וואָס־זשע שווײַגט איר? גיט זי איבער מיר!
— דיר?
(טוט דער פוקס אַ כאַפּ זיך) דיר? פאַרוואָס?
— ווײַל אַזוי! ווײַל איך באַלבאָס!
— דו גאָר? אַזאַ אייזל?!
— פלאַטשיק נעזל!
— בופלאָקס דו! מיגעגע!
— שווײַגסט — נישט, מאַך איך שטויב פון דיר די רגע!...
און זיי רײַסן זיך און בײַסן זיך און מאַכן זיך צו שפּאָט,
ווײַל — אַ טענה האָט דאָס שעפעלע צו גאָט.

די פלאַקסן און די קאַרטאָפל-בלימעלעך

אויף אַ שטיקל פעלד, אין שכנות
מיט אַ פשוטער משפחה עמך-פלאַקסן,
בלוילעך-ווייַסע בלימעלעך געוואַקסן.
בלוילעך-ווייַסע — דאָס איז ראשית, והשנית —
קנעפעלעך אינמיטן! קנעפעלעך פון גאָלד!
און דערצו נאָך זיי באַשענקען גאָט געוואָלט
און אַ בערגעלע פאַר יעדן איינציקן באַשאַפן;
נישט דערנידערט — אויף אַ בערגעלע זאָל שטיין עס!
נאָר צו קוקן און צו גאַפן!
וויסן זאָל די וועלט וואָס שיין איז!...
איז אַ חידוש, וואָס די בלימעלעך בייַ זיך אַביסל גרויס?
מאַכט דאָס אָבער בייַ די פלעקסעלעך זיי'ר אויס,
שפּרינגען, מייַנע שונאים, שיר פון זיך אַרויס:
סטייַטש? וואָס הייסט דאָס? שכנים
אויסגעוואַקסן אויף איין פעלד אינאיינעם,
איינער און דער זעלבער רעגן זיי געבאָדן,
איינער און דער זעלבער הימל זיי געהיט פון האָגל און פון שאָדן
אין אַ בייזער שעה —
וואָס-זשע עפּעס גדלות דאָ?
הערט, איך בעט אייַך: אַזאַ שטילע, זיסע נאַכט,
עפּעס נעמט זיך בענקען, עפּעס הייבט-אָן פעלן,
ווילט אַ וואָרט זיך רעדן, צי אַ מעשהלע דערציילן —
און די בלימעלעך זיך גדלותדיק פאַרטראַכט,
גלייַך קיין פלאַקסן אויף דער וועלט נישטאָ!
אַ פאַרדראָס!... באַקלאָגן זיך די פלאַקסן פאַר דער אַלטער גוטער קראָ.

— קראַ, קרא, קראַ! (די אַלטע זיך צעלאַכט)
גרויסע מיוחסים אייַ'רע שכנים!

יאָ, נו!... איך באַרעד נישט קיינעם,
און מע טאָר נישט;
נאָר צווישן אונדז גערעדט בשתיקה —
וואָס? וואָס זענען זיי דען? גאָרנישט! גאָלע גאָרנישט!
צי אין זייער זכות, מיינט איר, ציִען זיי פון ערד יניקה?
ניין! אין זכות פון די קאַרטאָפלעלעך די אָרעמע, די שוואַרצע!
(טוליען וואָלט איך זיי צום האַרץ צו!)
יענע, די פאַרגעסענע פון זון, פון הימל, און באַווייַזן
נישט נאָר די יחסנימלעך — אַ וועלט צו שפּייַזן!
— וואָס? אַזוינע גוטינקע? ווו זענען זיי, נשמה?
— וווּ? אין דער אדמה!
און אויף יעדן — הערט! —
ליגט אַ בערגל ערד!

דער רעטעך

איינמאָל שיקט דער האַרבער רעטעך היסל־ניסל
גלײַך צום בינשטאָק: „מיר געפעלט דײַן טאָכטער זיסל!
(סטעלניק מיינט ער — איר פאַרשטייט דאָך!)
בעט איך,
היסל־ניסל רעטעך,
זײַ מיט מיר זיך דו מתחתן!"
„הערסטו, אַנדעריש שטייט נישט אָן זײַן טאַטן!"
ענטפערט בינשטאָק, „זאָגט אים, קלאָרע טויב
נידערט צו קײַן רעטעך נישט אין שטויב!
גיי דיר, גיי צו דײַנע שוועסטער־ברידער!"
שיקט דער רעטעך ווידער:
„איך דיר אַדרבא — דו מיר קידער־ווידער?!
נאָר סע מאַכט נישט אויס!
היות
אָפּגעטובלט און געמאַכט זיך ריין איך,
מיין איך,
איצט געפינען וועל בײַ דיר שוין חן איך."
„מיינען", ענטפערט בינשטאָק, „מהיכי־תיתי, מעג ער —
אָבער פרעגט אים: ווערט דען ווײַס אַ נעגער?"
שיקט דער רעטעך ווידער:
„איך דיר אַדרבא — דו מיר קידער־ווידער?!
הנה זײַ־זשע, בינשטאָק, וויסן,
כ'האָב די הויט פון זיך געריסן
און — וואָס קען שוין זײַן נאָך בעסער? —
זיך געכשרט און געריבן מיט אַ מעסער!
איצטער איך שוין קלאָר ווי שניי!"
„גיי!"
ענטפערט בינשטאָק, „זאָג אים: תרבות!

קלעבט זיך אין דער וואַנט אַן אַרבעס?"
שיקט דער רעטעך ווידער:
„איך דיר אַדרבא — דו מיר קידער־ווידער?!
נאָר דײַן טעכטערל מיר טײַער!
איר צוליב — אין וואַסער און אין פֿײַער!
צו דער שאַרף פֿון מעסער־מונטער!
און גאָט העלפֿט דאָך ווי מע נעמט זיך אונטער —
איז געשען אַ נס:
כ'האָב געקאָכט זיך אין אַ קעסל און געפּרעסט זיך אונטער פּרעב,
בין אַרויס פֿון דאָרט איך פֿרישער און געזונטער.
גלייב מיר, פֿון מײַן האַרבקײַט נישט קײַן זכר!
(צרות מאַכן אונדז דאָך צאַרטער, ווייכער!)
לאָמיר זיך משדך זײַן! נו, לאָמיר!"
טראַכט זיך בינשטאָק: „אפֿשר... טאָמער...
נישט פֿאַראַן דען קלאָרע הערצער אונטער שוואַרצע פּעלצן?
ער האָט ליב זי, וועט זיך אין איר שמעלצן —
זאָל דאָס זײַן צו מזל! אין אַ שעה מוצלחת!"
נו — אַ שידוך! רעטעך פֿרעגלט זיך אין האָניק, נחת.
קומט דער רב, קידושין ער מסדר,
און ער מאַכט גאָר — האָסטו דיר און נאַ דיר! —
בורא פּרי אדמה!
נו, און זי? די כלה? זיסעלע, די כשרע נשמה?
„גייט אײַך!" מאַכט דער רב, „אי, גייט אײַך!
איצט אַ צוגאָב זי צום רעטעך!"

הענגער-פּלעקלעך

ווינטער אין די גרויסע פרעסט
זיך צונויפגעקומען געסט,
אין דער ליבער װאַרעם מאַכן ביז פאַרטאָג אַ קערטל.
(ס'יאָ, ווי זאָגט די וועלט אַ ווערטל:
ווען שלאָף איך נישט אויס זיך? ווען די נאַכט ווערט לענגער.)
און וואָס מערער געסט, ביים טיש אַלץ ענגער
און אין פעדערהויז אַלץ שווערער פאַרן הענגער —
אונטער דיקע מאַנטלען, פוטערס ברעכן זיך די פּלעקלעך.
— שרעקלעך!
(קלאָגט אַ פּלעקעלע זיך פאַרן שכן)
ווײ איז מיר! איך ווער צעבראָכן!
עפּעס ציט צו דר'ערד מיך, ציט מיך!
לאָזט נישט פאַלן, ברידער! היט מיך!
— ביסט נישט איינער! יעדעס פּלעקל
האָט זײַן פּעקל!
(טרייסט דער שכן)
גאָט וועט העלפן! האָב בטחון!
— גאָט וועט העלפן!... (זיפצט דאָס דריטע) יאָ, געוויס,
נאָר ווי העלפט גאָט, ביז
גאָט וועט העלפן? אוי, ס'איז נישט צום איבערטראָגן!
— און נישטאָ כאָטש איינער וואָס זאָל איבערשלאָגן,
זאָל זיי זאָגן:
גאָט מיט אײַך! גענוג שוין! אַלצדינג מיט אַ מאָס!
— ווו איז דער באַלבאָס?
— גוואַלד, וואָס שווײַגסטו, פאָטערעניו, אדון?
אונדזער בראָך פאַר דיר דאָך אויך אַ שאָדן!
— ווײס איך וואָס! וואָס הערט ער? אַ מציאה — פּלעקלעך!
פּלעקעלעך ווי האָלץ!...

בעטן נאָך דעם אדון! ווו איז ווערדע? שטאָלץ?
שעמט אײַך! טויטע פינגער! מיזנעקלעך!
— וואָס־זשע זאָל מען טון? — זידלט! שעלט!
— בע, איך זאָג אײַך, שולדיק גאָר די קעלט —
אײַנגעוויקלט יעדן זי אין פעלצן...
טראָג אין שטוב דאָס פוטער, וועסטו זיך צעשמעלצן —
מוז מען עס צום הענגער ברענגען,
אויף די פלעקלעך הענגען.
הײַנט אַ צײַט אַזאַ, פאַרשטייט איר! נישט פאַר ווייכן, צאַרטן,
נאָר פאַר האַרטן, אײַנגעשפּאַרטן!
שלעכט איז דעם וואָס קען קײַן שלעכטס נישט איבערוואַרטן!
— איבערוואַרטן... איבערוואַרטן... (קרימט אַ פלעקל איבער)
וויל איך נישט! איך קען נישט! איך בין נישט קײַן גבור!
און דערפאַר, דעריבער,
אַז איך וועל זיך שוין דערוואַרטן על פּי נס,
דעמאָלט ערשט מײַן וויטיק אויף מיר הענגען ווי אַ מת,
אײַך און מיר אַליין אַרויסשטעלן אַ לעקער
און זיך רייצן: טעמפּע פלעקער!
טויטע פינגער!
וואָס אַ ל יי ן געטון איר, זיך צו מאַכן גרינגער?!

דער קאָטער און דער טאַטער

אַז מע ווייסט נישט פון די גוטע יאָרן
אויף די שלעכטע אָפּצושפּאָרן,
צי מע האָט שוין אין די גוטע לאַנג פֿאַרגעסן,
צי, אַ סברה, אין די גוטע אויכעט מער געהונגערט ווי געגעסן —
לאָזט דער קאָטער הינטער זיך זײַן קאָטערלאַנד
און אַנטלויפֿט קיין טאַטערלאַנד.
נישט אַזוי גרינג טוט זיך ווי סע רעדט זיך...
שיר נישט מיט דער קאַץ געזעגנט זיך —
אַז זי האָט אין אים נישט קיין אמונה!
אַז זי קען אים!... ער וועט לאָזן זי נאָך אַן עגונה...
און געמאַכט אַ קאַצן־יאָמער אים אינמיטן גאַס.
און דערנאָך — אַ מעשה מיט אַ פּאַס!
נאָר צו עפֿענען באמת מויל און אױ׳רן:
אי זײַן טאַטע אי זײַן זיידע דאָ געבוירן,
אי צוויי יאָרן אָפּגעדינט אין גראַבלמיליטער,
אי געפֿאַלן שיר אין דער מלחמה מיט די פֿייגל —
ערשט, רב סוקין־סין קעסאָקע־אייגל
זאָגט אים: דו ביסט דאָ אַ גר!
און אַ גר מיר האַלטן ווי אַן אבן־טוב אַ טײַערן!
ער מוז זיצן אויפֿן אָרט און צאָלן שטײַערן!...
נו, גענומען אונדזער קאָטער פֿײַערן,
און געפֿרוּווט זיך אי מיט גוטן, אי מיט כּעס —
נאָר באַקומען ערשט אַ פּאַס
אַז באַקומען דאָס קעסאָקע אייגל
שטילערהייט אַ בייגל
אָנגעשמירט מיט פּוטער.
(כאַפּט אים דער נישטגוטער!)
נאָכדעם ערשט די רײַזע.

אײַ, זי
ליגט אים גוט אין טעם!
נישט אַזוי די רײַזע ווי די גרענעצן — די סטאַציעס!
אַלעמאָל שמיראַציעס!
שמיר — נישט, קריכסט אין די גערעדים דיר איעדער כאַם!
זוכט די לעכלעך פון די פּוטערבייגל זײַנע אין דײַן בויך
און דעם טאַבעק פון זײַן ליולקע־ציבעקס אַש און רויך —
צי דו שמוגלסט אַקערשט נישט די גרענעץ זיי אַריבער...
אָבער אַז מע לעבט, איז לעבט מען אַלדינגס איבער.
אָנגעקומען, גאָט אַ דאַנק, קײַן טאַטערלאַנד דער קאַטער,
קומט־אַקעגן אים אַ טאַטער.
איז דער טאַטער ווי דער קאַטער שוואַרץ,
נאָר דאָס האַרץ — אַ טאַטער־האַרץ.
קערט ער איבער די צוויי אויגן חיהש
און אַ הוק: „אַטקודעווע? אַ פּראַשפּאַרט מאַיעש?"
נעמט־אַרויס דער קאַטער פונעם בוזעם
די פּאַפּירן
און דאָס לעצטע ביסל שמירעכץ וואָס געבליבן נאָך צו שמירן
(ס'יאָ, ער זעט דאָך, אַז ער מוז אים,
דעם פּאַרשוין, אַ שמיר טון — אַנדערש וועט נישט גיין!)
און, ווי זאָגט מען, וואַרף דעם הונט אַ ביין —
טוט ער ווי אַ טײַבעלע אַ וואָרקע,
ווערט דער טאַטער מיטאַמאָל שוין ווייכער,
זאָגט ער: אפשר טו'מיר אַ פּאַררייכער?
טוט דער קאַטער אין די הויזן־קעשענעס אַ פּאָרקע,
קריגט־אַרויס די הופּקע און דאָס שטיינדל, די מאַכאָרקע,
און מע זעצט זיך אויף אַ שטיין אַנידער,
און מע רייכערט, און מע שמועסט ווי אַלטע גוטע־ברידער —
וועגן בוידעם... קלאָץ... און גליקן,
וואָס סע לאָזט זיך אוים פון זיי אַ טײַך,
און: „ווי טײַער איז מאַכאָרקע דאָ בײַ אײַך?"
און: „צי קען מען מײַזלעך מיט דער פּאָטשט פונדאַנען שיקן?

כ׳האָב פאַרבענקט זיך״, זאָגט דער קאָטער, „נאָך אַ לאַנד אַ פריַיערן.

שלעכטע ציַיטן אָנגעקומען, בייזע יאָרן —
זייען זייט מען ווייץ און קאָרן,
אויפגיין גייען אויף און וואַקסן נאָר די שטיַיערן!
און דער הונגער — ווּ אַ לאָך און ווּ אַ הויז, דאָרט הויזט ער.
איז אַ ווּנדער, וואָס די מיַיז צעלויפן זיך ווי פון אַ קלויסטער?
און דערצו: וואָס פאַרן גלח כשר — פאַרן קאָטער טרייף!
וואָס אַ טאָג אַלץ ענגער אויפן האַלדז די שלייף!
נעם כאָטש, נישט צו דיר געדעדט, און שטעל אַרויס אַ צונג!״
„הער נאָר, דו״, כאַפּט-אויף דער טאָטער זיך, „דו ווּילער יונג!
אָקערשט וואָס געקומען און דו ווייסט שוין וואָס ביַי אונדז אין לאַנד!

אַ שפּיאָנדל, האַ? ביסט עפּעס מיר באַקאַנט!
שוין געווען אַמאָל, מיר דאַכט זיך, אין מיַין האַנט!״
„גאָט מיט דיר! איך רעד דאָך פון מיַין קאָטערלאַנד גאָר רעד איך!״
„עט, איך
קען איַיך! באַבקעס! ווילסט פאַררעדן מיר די ציין?
נישט געטראָפן גראָד דאָס אָרט, ניין, ניין!
אַ שפּיאָנדל נישט קיַין האָן און נישט קיַין הון!
פע, אַ מיאוסער פויגל! איך מיַין חוב צום טאָטערלאַנד מוז טון —
קום, ביסט אַרעסטירט!״
און אָן טענות ער דעם קאָטער אין חד-גדיא אָפּגעפירט.
דאָרט אין איין שמע ישראל אים געטון זיַין רעכט —
אָפּגעשיקט אים צו דער מאַמע פון די נעכט,
ווּ קיַין קאָטערלאַנד, קיַין טאָטערלאַנד נישטאָ — און דאָך אַזוי נישט שלעכט.

און עד היום זינגען קינדער אויף דער גאַס:
אַז געקומען איז פון קאָטערלאַנד קיַין טאָטערלאַנד אַ קאָטער,
האָט אים אויפגעכאַפּט דער טאָטער,
מיט אַ האַק אין קאָפּ געגיבן
און אין פּנקס שוואַרץ אויף וויַיס פאַרשריבן,

אַז — —
און דאָס לידל דרייט זיך ווי דאָס משוגעת
פֿונעם קאָטער, וואָס ער יאָגט זיך נאָכן עק,
וואָס ער יאָגט דעם קאָטער און וואַרפֿט־אָן אויף אים אַ שרעק.

רב כל־בוניק

רב כל־בוניק איז אַ כלב, זאָג איך אײַך, אַ פֿײַער!
כ׳ווײס נישט, צי איז דעם באַלבאָס אַזוי געטרײַ ער,
צי איז גלאַט בטבע נישט קײן דימעט ער, אַ כעסן
און האָט ליב צו בײַסן —
מאָלט אײַך ווי איר ווילט, צו שפּאָרן זיך איז נישט כדאי,
ווי די זאַך איז — גײט נאָר ווער פֿאַרבײַ,
ווערט כל־בוניק גזלן, איז להרוג און לאבד!
„האַוו, האַוו, האַוו! אַ גנבֿ!״ שרײַט ער, „באַדקען וויל ער, באַדקען!״
און ער פֿײַערט, און איז אָפּט אויך מיט אַ בים מכבד.
אײנמאָל זעט ער פֿונדערווײַטנס גײן רב נאַטקען.
(כ׳מוז דערמאָנען אײַך דאָ קודם,
אַז רב נאַטקע פֿלעג בײַנאַכט גײן זאָגן תהלים...
גלײַך אין קלויז פֿלעג די לבֿנה אָפּט באַלײַטן שטיל אים,
און ער נעבעך האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אויף אַ בוידעם.)
„האַוו!״ שרײַט־אויס כל־בוניק, „סקאָצל קומט, אַן אורח!
אָט צוליב אַזוינע אורחים שטײ דאָך דאָ בײַם טויער איך!
זעט אַ געגנגעלע! אַ נעבעכל, אַ תּם!
מײנסט וועסט מיך פֿאַרגנבֿענען מסתּם?
כ׳זע! איך זע דיך, בחורל, גאַנץ גוט!
מיך פֿאַרגנבֿעט קײנער נישט — זאָל זײַן מיט טויזנט קעפּ ער!
וואַרט, דו בוידעם־קריכער! הינער־שלעפּער!
אָפּגײן וועסטו באַלד בײַ מיר מיט בלוט!
כ׳בין אַ מבֿין!... מײנסט אַוודאי, אַז מיך אויכעט
קויפֿט מען אָפּ מיט שוחד?
מיט אַ שטיקל פֿלײש, אַ מאַרעך־בײנדעלע, אַ בולקע?
מיך אָפּקויפֿן? מיך?! לא יצלח!
גײסט אַוועק? נישט, פֿליט פֿון דיר באַלד פּיצלעך!
„ע!״ זאָגט נאַטקע (ער אַ ליולקע

שוין אַן אויסגערייכערטע, אַ מבין אויף אַ טשאַד).
„שאַט, רב קרוב, שאַט!...״
און ער וואַרפט דערוויַיל אַ פּעטן ביין.
„גיי דיר!״ שרייַט כל־בוניק, „כ'וויל נישט! ניין, ניין, ניין!״
און ער ריזעט די נ'עבירה מיט די ציין!

דער בעל-מוסר

ווער נאָך קען ביים הארצן טון אזוי א נאָג?
א שטילער, הייסער זומערטאָג.
ליגט זיך האָוטשיק ביי דער טשערעדע אין פעלד,
אָנגעדראָדלט, ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט.
עפּעס קריכט די צייט זיך נאַריש, לעפּיש, פויל...
ער שוין מיד צו כאַפּן פליגן מיטן מויל...
(אוי, נישטאָ די יאָרן, ווען געטאַסקעט האָוטשיק האָזן
און געשלעפּט די פוקסן ביי די עקן!)
און די שעפּעלעך — א שמחה! שפּרינגען אויף די גראָזן,
היפּען, וואַיווען!... טוט דאָס אים נישט שמעקן.
ס'נודעט אים, לאַנגווייליק...
שקצים! וויל ער זיי די ציינדעלעך כאַטש מאַכן הייליק.
און ער נעמט די שעפּעלעך צום גלידערן, זיי זאָגן מוסר —
אַלע זינדיק זיי מסוכן, קיינעם נישט געפינט קיין זכות ער.
„ווי צו אייך, הולטייעס! צו אייער קאָפּ א בראָך!"
זיך צעפייערט האָוטשיק מיט א מענה-לשון, מיט א ברען.
„כ'קען אייך! אַלע איי'רע חפציעלעך און סטוטשקעלעך! איך קען!
עזות-פּנימער, גנבים איר! און נאָך און נאָך!
איי'רע צאַפּעס מיט די בערדלעך — ווילע יונגען!
טאַנצן פּאָרויס! אָדער זוכן גייען זיי משיחן
און אין פּאַנסקע האָבער גאָר פּאַרקריכן!...
און די פרומע ציגן איי'רע אין די פרעמדע גערטנער נאָר
געשפּרונגען!

הפקר! הוליע קבצנדל! שלך שלי!
און דערצו נאָך, פון פּאַרנאַכט ביז גאַנצפרי,
פון גאַנצפרי און ביז פּאַרנאַכט
מע, מע, מע און מע, מע, מי!
לידלעך!... שיינע לידלעך אויסגעטראַכט!

בנאמנות, אונדזער פּאַסטעך נאָך אַ גוטער!
נישט אומזיסט דאָך אײַך צו קוילען על פּי דין איז מותּר!
עסן שאָף
פּסקנט־צו אפילו דאָך דער רבֿ!
תּשובֿה טוט, הולטײַיעס! קאָפּ אין דר׳ערד זיך פֿאַר די זינד!
נעמט צום האַרץ זיך און פֿאַרבעסערט כאָטש פֿון צינד!
זײַט באַלבאַטיש, לײַטיש, פֿײַן און ווויל — זײַט הינט!...
נאַר אומזיסט! צו וועמען רעד איך? האַוו, האַוו, האַוו! צום ווינט!"
„רײַס נישט אָפּ דאָס האַרץ זיך, האַווטשיק! לאָז געמאַך!"
שפּרינגט אַ צאַפּ אַקעגן אים אַרויס.
„נו, צעדבּרט זיך אַביסעלע! אַרויס ער מיט דער שפּראַך!
שווײַגסט? נישט, זאָג איך, האַווטשיק, אויס!
זאָלן וויסן דאָס פֿון קליין ביז גרויס
און פֿון גרויס ביז קליין,
וויסן זאָל אַליין דאָס האַווטשיק אויכעט —
האַווטשיק נישט קיין מורא פֿאַרן שוחט,
ווײַל ער איז אַ טמאניק, אַ טריפֿה ביין;
אונדז עסט יעדער פֿרומער, פֿרעסט ווי אַ מגפֿה,
ווײַל מיר זענען כּשר, נישט חלילה טריפֿה!"

כלב לא יחרץ

כלב לא יחרץ איז אַ הונט, וואָס דווקא
ליב צו טון אַ האַווקע.
נאָר וואָס דען־זשע? אַז מע גיט אים מעשׂר,
נעמט ער אָן אַ מויל מיט וואַסער.
קומט אים עפּעס דען דערפֿאַר?
ס'איז אַ כּלל פֿון תּמיד אָן:
לעולם — נעם,
תּקח — ווײַטער מאָן!
און דערום, למען השם,
זײַ־זשע, ברודער, נישט קײן נאַר —
ווײַם:
לכל עת!
און אויב האַווקען איז אַ ביין — אַמאָל דאָס שוואַנגן פֿלייש.
(איינמאָל דאָס אַ כּלב!
ער פֿאַרבײַסט אַ לשון־קודש־ווערטעלע מיט חלב!)
טרעפֿט זיך איינמאָל שפּעט בײַנאַכט אַ שאָדן:
אָפּגעריסן עמעצער די לאָדן
און אַרויסגעטראָגן ביזן לעצטן פֿאָדעם —
און גיי לאָד אים
צום ונתנה תּוקף!
אינדערפֿרי, דער הונט, ער עפּנט נאָר דאָס אויג אויף —
מיט אַ טענה קומט צו אים דער שטעקן:
„כּלב, ווו ביסטו געווען? דײַן אַרבעט איז דאָך וועקן!
האַווקען, בילן, בײַסן, שרעקן!"
שרײַט דער הונט: „מה פּשעי?
שרעקלעך! אַלעמאָל בילבולים פֿרישע!
גוואַלד! וואָס וויל מען פֿון מיר האָבן, וואָס? וואָס וויל מען?
איך בין נישט קײן בלעם, נישט קײן בילמאַן —

איך בין אַ געפּילמאַן!
פּיל איך טאַקע אַ פּאַרדראָס!
ווי איר זעט אַ הונט מיך — אָפּגעטון די מעשה זיך צו חצות.
כאַפּ איך אויף זיך, זע איך וואָס איך זע...
טראַכט איך מיר: הלילה — אָט דאָס נעכטעלע, הזה —
אָט דאָס דאָזיקע — פּאַרענדערט! גאָר קײַן לילה נישט!
עפּעס דאָ אַ כאַפּעניש, אַ פּאַקעניש, אַן אײַלעניש!
און גאָר דורכן פענצטער!...
זאָגט דאָס האַרץ מיר: קענסט דיר שלאָפן, קענסט דיר!
זעסט נישט — ניסים פון מצרים!
ייִדן פּאַקעווען זיך, אײַלן זיך, קײַן ירושלים
מוזן קומען זיי אינגיכן...
וואָס־זשע ווילסטו? זאָל איך האָוקען, בילן אויף משיחן?
שיין פּאַר מיר? אַ כבוד?
וואָס בין איך, אַ גאַסן־הינטל? אויף די מיסטן אויפגעכאָוועט?"
איז דאָך דאָס אַ טענה קלאָר ווי טאָג.
ווייסט אָבער דער שטעקן איינם: לא יהרץ טענהט — שלאָג!

דער כלב

איינמאָל נעמט דאָס פערד זיך פאַרן כלב קלאָגן
אויף דער בײַטש און אויפן וואָגן —
אויסגערעדט דאָס ביטער האַרץ זיך:
אַז דער הײַנט — אַ פײַנד, דער נעכטן
איז אַוועק מיט שלעכטן,
און פון מאָרגן וואָס דערוואַרט זיך?
אפשר שוין אַ נײַע צרה פונדערווײַטנס שאַרט זיך...
— ווייסטו, מאַכט דער כלב, וואָס איך וועל דיר זאָגן:
פרעמדע צרות קען מען איבערטראָגן!
און אַפילו באַרג־אַרויף צו שלעפּן זיי נישט שווער!
— יאָ, איך ווייס... דער קאָפּ פון צרות כאָטש צעטומלט —
אָבער וויסן ווייס איך יאָ... אַנומלט
איך געפירט אין שעכטהויז לעמעלעך אַ צען און אפשר מער.
די אומגליקלעכע אַ גאַנצן וועג געמעקעט... מיר דאָס האַרץ
צעריסן...
איך געשלעפּט זיי באַרג־אַרויף — די בײַטש געשמיסן!
און אַרויפגעשלעפּט איך טאַקע זיי אַהינצו...
— און מע לאָזט אַהין אויך הינט צו?
— הינט? חלילה? הינט פון דאָרט מיט דרוקעס!
— ווער דערהרגעט! (רײַסט זיך אָפּ אויף אים דער כלב) מיטן
קאָפּ אין דר'ערד!

קוק עם אָן נאַר, קוק עם!
ווי פרנסה — נאַר פאַר פערד!

די קאַץ און דער הונט

מומע פרומע
איז צווישן אַלע פרימסטע קעץ אַ פרומע.
ז'איז פון די צדקניות פון יענע,
וואָס זיי ווייסן אויסנווייניק אי דעם „צאינה וראינה",
אי דעם „קב הישר".
אויף די אייגעלעך שפּאַקולן, אויפן קעפּעלע אַ טשופּעק,
עסט נאָך פוטער נישט קיין פליש — מעג זיין אַפילו פופּעק,
און דאָס פּיסקעלע אַרומגעוואַשן כשר.
פּסח טראָגט זי אויף די פיסלעך זעקעלעך,
ווייל זיי זענען חמצדיק — געטרעטן דאָך אויף ברעקעלעך!
און זי שיט מיט ווערטעלעך, מיט פּסוקים ווי מיט באָב:
„ווילסט זיך אויסשמירן — גיי־צו צום פעטן טאָפּ!"
„אַז דער יצר־הרע קומט — אין בית־המדרש שיק אים!"
„דער בעל־דבר — פאַרוים זים און נאָכדעם ביטער!"
און „לא תחמוד!" און „לא תקום!"
און „לא תטור!"
קורץ — אַ מאַנצביל־קאָפּ. אויף איר געזאָגט דער רב רב היימל,
אַז געמעגט זי טראָגן נישט אַ טשופּעק, נאָר אַ שטריימל!
זיצט די מומע פרומע איינמאָל שבת פאַרן פעטן קוגל
און באַלעקט זיך מיטן טשאָלנט, מורקעט זמירות,
ערשט — דער כלב: „מומעשע, יענץ ביינדעלע — שענק מיר עס!"
ווי־זשע קומט אַ הונט צו טשאָלנט? ער צו עונג־שבת דען מסוגל?
זאָגט די מומע: „שוין, צי שפּעטער?"
„שוין!" מיט אַ רחמנות־פּנימל זיך בעט ער.
„זאָג־זשע צוויי מאָל, אַז דו ווילסט!...
ניין, איך גלייב דיר נישט — דו בילסט!"
זעט דער הונט, אַרויסגעוואָרפן דאָך די רייד,
טראָגט ער אָפּ זיך, קריצנדיק די ציינער שטילערהייט.

מאָרגן

קומט די קאַץ צום הונט אַ שטיקל פּוטער באָרגן.

זאָגט דער הונט איר: „אַ קבלה פון מײַן מוטער —

פּײַנט די קאַץ אי קעז אי פּוטער!

דאָס איז נומער איינס. און נומער צוויי,

זאָגט אַ ווערטל: נישט באַגעגענען זיך בערגער,

אָבער קאַץ מיט הונט באַגעגענען זיך... ביי אַ ביינדל... שבת...”

צינדט זיך אָן די מומע, ציט די הענט אויס מיט אַ ציטער,

הויקערט־אײַן זיך, מיויקעט ביטער:

„כלב! רשע! סטײַטש, לא תקום! סטײַטש, לא תטור!”

„טראָג זיך אָפּ, מכשפה! גיי צו מײַנע באבעס!”

בילט דער כלב, האַוקעט, ווײַזט די ציין. מחשבות —

ביים באַרג סיני נישט געשטאַנען זײַנע אבות!

שוועבעלעך

אין אַ פֿינצטער קערקערל, ווי הערינג אין אַ פֿעסל,
איינער פֿאַרן אַנדערן אַ פּרעסל,
ליגט אַ מחנה צינדערלעך:
ברען־און היצקעפּ־קינדערלעך,
שוועלבעלעך מיט שוועבל־שנעבעלעך —
שוועבעלעך.
— עך, אַ וועלט מיט וועלטעלעך! (היצט זיך איינער
ווי אַ ריינער, שטיקט אים אַ געמיינער!
לאָזט מיך! לאָזט! איך בין אין כּעס!
קום־אַרויס איך, צינד איך אָן די גאַס!
— קוקט, אַ מאַכער! ווײַטער פֿון דער גאַס נישט גייט ער!
(רופֿט זיך אָן אַ צווייטער)
איך אין פֿײַער לאָז־אַוועק די גאַנצע שטאָט!
איינס נאָר מיר אַ שאָד —
ס׳גרויסע ראָד
פֿונעם ברונעם נעבן באָד!
גייט־אַוועק דאָס מיטן רויך, איז ווו־זשע וועט דער ליץ
דרייען שוין בײַנאַכט די שוואַרצע קעץ?
יאָ, מע דאַרף אַ טראַכט טון — אפֿשר גאָר דאָס ראָד אים לאָזן?
זאָל דער ווינט אַהין קיין פֿונקען נאָר נישט בלאָזן!
— ניין! נישט לאָזן! גאָרנישט לאָזן! (שרײַען אַנד׳רע)
אַ כּפּרה! שאַנדרע־באַנדרע!
זאָל די גאַנצע וועלט זיך ווי אַ חזיר סמאַלען!
זאָל פֿאַרכאַפּן זי אַ פֿלאַם־ים אַ צעברויזטער!
און אַז אויפֿכאַפּן וועט זיך דער קלויסטער,
זיך צעיעלהן
און צעקלינגען מיט די תּפֿילה־גלעקער,
זאָל דער ליץ אים פֿונעם פֿלאַם אַרויסשטעלן אַ לעקער,

און די שוואַרצע קעץ
פֿון די בײַכער זײַלן רויך אין פּנים אים אַ זעץ!
אוי, ווי עפֿנט מען — ווי עפֿנט מען די טיר שוין!
לאָזט אונדז, לאָזט! אום גאָטעס ווילן! מיר שוין ווײַזן! מיר שוין —
און די טיר, זי עפֿנט זיך. מע לאָזט, מע לאָזט זיי וואַנדערן
איינעם נאָכן אַנדערן,
און זיי גייען אַנגעזאַפּטע מיט פֿאַרדראָסן,
און זיי צינדן — וואָס־זשע? פּאַפּיראָסן!

זוי געפֿעלט אײַך דאָס, גענאָסן?

די נאָדל און דער באַנוול

ביי דער אַרבעט זיצט דאָס שניידערל רב זײַנוול,
ס׳לויפט די נאָדל גיך, גיך, גיך,
נאָך איר שלעפּט זיך נאָך דער לאַנגער באַנוול,
און די נאָדל שטעכט און בייזערט זיך:
„זאָג מיר נאָר, דו שוואַרצער שלעפּער, לאַנגער עק,
וואָס זיך אָנגעטשעפּעט דו אין מיר? אַוועק!
אַלערליי פּאַראַן, אַפּנים, שלעק!
נאַ דיר, נו! ווהין איך גיי, ער נאָך — אַ שאָטן!"
זאָגט דער באַנוול: „נאָדל, האָסט אַן אויער׳ל, הער!
וואָס בין איך? אַ פֿעדעמל, נישט מער!
דו ביסט שטאָל און אײַזן, פֿון די שפּיצעכיקע דראָטן!
דו דער עיקר —
נאָר אין מ ײַ ן זכות האַלטן זיך די שטיקער!"

***

מיט דעם משל, ווילט איר וויסן, וואָס איך מיין?
כ׳וועל דאָס אײַך נישט זאָגן, ניין!
זאָל דער באַנוול שלעפּן זיך אַליין!

העמדער

הענגען העמדער אויף אַ שטריק,
און מע הוידעט זיך,
און מע סודעט זיך,
און מע רעדט פון פּאָליטיק.
— על פּי לאָגיק
האַלטן מיר שוין בײַ מלחמת גוג ומגוג
(זאָגט אַ מאַנצביל־העמד און וואַרפט מיט בײדע אַרבל).
— יאָ, געטראָפן ווי אין קאַרבל!
(ענטפערט אים אַן אונטערהעמד אַ שלימעזאַלניק)
קײנמאָל נישט געװען די װעלט אַזוי אונטערן פּראַלניק!
קײנמאָל נישט געגרײכט אַזוי דאָס הײסע װאַסער ביזן האַלדז!
אַז מיר צוגעטרעטן, איך געמײנט — אַ סוף! איך ענדיק!
— קײנמאָל... קײנמאָל... אָט דאָס הערט מען פון אים שטענדיק.
קומט צום פּראַלניק — אַלץ דאָס אײג'נע, אַלץ!
קויטיק שוין דער פּזמון!
(שפּעט אַ מײדל־העמד, אַן אויסגענײטס, מיט שפּיצעלעך,
באַפּנדיק פון װינטל קוצעניו־ און מוצעניו־קיצקיצעלעך.)
— נו, אַוודאי, יאָ, דערויף דאָך איז מען העמדער איז מען...
(ציטערנדיק־פלאַטערנדיק זאָגט אַ העמד אַ זקן)
שײך? פאַרן פּראַלניק זיך דערשראָקן?
בע! אַזוי דער סדר־עולם —
זינט די װעלט שטײט, שלאָגט מען העמדער שלאָגט מען...
— נו, וואָס זאָגט מען?
גולם!
שמאַטע שעבעשמאַטע!
נעם אַ נאָדל, נעם דיר
און ניי־צו דיר אויפן סאַמע מויל אַ לאַטע!
אײביק, מײנסטו, װעט די װעלט צעטײלן זיך אויף פּראַלניקעס
און העמדער?

— שטילער! שטיל! באַהיט, אוי, זאָל מען ווערן!
אי־נו־אָ, דער פּראַלניק קען, חלילה, נאָך דערהערן!
פלויט האָט אוי׳רן, ווינט — אַ טבע צו צעטראָגן!
— וואָס־זשע קען דער פּראַלניק טון אונדז? מער ווי שלאָגן?
און דאָס טוט ער סײַ־ווי־סײַ דאָך!
— פּי, אַ מויל!
— פּײַערדיקע קויל!
— אוי, איך שרײַ, איך שרײַ דאָך:
אַז דער פּראַלניק שלאָגט, איז דאָ דערצו אַ גרונד!
נישט דער שטעקן שולדיק, נאָר דער הונט!
— הערט איר: שמײַסן איז נאָך ווייניק, שמײַסן!
איר געדענקט נאָר וואָס איך זאָג אײַך — שטיקער וועט מען רײַסן!
— גאָט מיט דיר! אל תפתח פּה!
— זע נאָר, ווי דער שמדניק האַלט זיך בײַ די זײַטן, זע! — —
און אַזוי־אָ איצט, אַזוי געוועזן מיט טויזנט יאָר צוריק:
הענגען הענגט מען אויפן שטריק,
און מע וואַרפט זיך, און מע רעדט פון פּאָליטיק!

האָדל און די נאָדל

װעגן װעלדן
זאָל דער טומלדיקער טאָג אונדז מעלדן,
פּויקן און טרומייטערן;
און פֿאַרנאַכטצו, װען דער ערשטער שטערן
פֿיבערט שטיל און עלנט אויפֿן שטערן
פֿון דער װעלט, און אונדזער מאַמע ערדס באַלייטערין,
די לבֿנה, קומט אַרויס אַן אויסגעװאַשענע אין טרערן —
ציַיט איז צו דערציילן װעגן האָדעלען דער נייטאָרין.
האָדל
רוימט אַ סוד אין אוי׳רל פֿון איר נאָדל.
זעט: מיט אַ פֿאַרשפּיצטן פֿאָדעם צילט זי גליַיך אין אוי׳רל —
ס׳איז דער שװאַרצער פֿאָדעם פֿון איר גורל.
איז די נאָדל אָבער דאָס נישט גערן,
פּשוט — װיל נישט הערן.
נו, איז זאָל שוין זיַין דאָרט װאָס זאָל זיַין —
אַז סע גייט איר גאָר אין אוי׳רל נישט אַריַין!
האָדל פּילט דאָס נעבעך, פּילט,
דאָך אַזוי, זי בעריעט זיך, זי צילט,
נאָך אַמאָל און נאָך, און טאָרעט,
בעט די נאָדל: נו שוין! נו-זשע!... און פֿאַרפּינצטערט און פֿאַרצרהט
גראָבט זי איַין אין איר זיך מיט די אויגן און מיט אַלע גלידער.
און די נאָדל? קידער-װידער,
װיצלט-שפּיצלט,
פֿריילעך! האָדלס שװאַרצער פֿאָדעם קיצלט זי גאָר, קיצלט!
שטיפֿט זי, שלאָגט זיך כּלומרשט מיט דער דעה:
אָט-אָ זי געכאַפּט דעם פֿאָדעם, ערשט — ער ליגט איר אין דער
לינקער פּאה!
פֿון געדולד קען דאָס אַרויסברענגען אפֿילו דאָך אַ מלאך.

ניין? און האָדל מער נישט ווי אַ מענטש — מיט נערוון —
ווערט זי בלאַס ווי קאַלעך
און שיסט-אויס: „אַ בראָך אויף דיר! אַ חורבן!
און אויף אַלע נעדעלעך, די שפּיצקעפּ, וואָס זיי שטעכן!
ווי איר ליגט מיר אין די זייטן!
ווי סע וויל זיך מיר אויף אַלע איַיך אַ שפּײַ טון
און אויף ברעקלעך איַיך צעברעכן!
איר די קליי מיר אויסגעצויגן פון די ביינער!
נאָר וואָס קען איך טון דען? קריצן מיט די ציין נאָר!...
ניין! דאָס קען איך אויך נישט, ניין!
וואָרן ווו — ווו זענען מיַינע ציין?
מיַינע וויַיסע צייינדעלעך די שטאַרקע?
אויך די נאָדל אויסגעגראָבן זיי אַ קרקע!
נו, איז נישט קיַין וויַיסע צייינדלעך, האָב דערפאַר איך וויַיסע
האָר —
באָטש זיי זענען שוואַרץ געווען דאָך, שוואַרץ צו אַלדי
שוואַרצע יאָר!
איצטער זילבער! איך בין ריַיך אין זילבער גאָר!
נאַ דיר זילבער אויף מיַין קאָפּ!
זילבער... וואָס אויף מיר זיך אָנגעזעצט? אַראָפּ! אַראָפּ!
גאָט, אַ שניי אויף מיר געלייגט זיך און ער ליגט!
ווער נאָך אים געשיקט?"
און זי ריַיסט דאָס זילבער פון איר קאָפּ, זי פליקט.
און דאָס נעדעלע, סע קוקט און טראַכט:
הער אַ מעשה! נישט געוווּסט אַליין גאָר פון מיַין מאַכט!
און סע זאָגט צו שער און איַיזן:
זעט נאָר, חברה, וואָס אַ נאָדל קען באַוויַיזן!"

אַ מעשה אָן אַ סוף

הערט אַ מעשה:
ליגט אַן אייזל אונטער שווערער משא.
איבער אים רב חיים אַרבעט מיטן שטעקן —
חכמה, דאַכט זיך, וויל ער אין אים וועקן.
און דאָס אייזל רויִק, נעמט יסורים אָן באהבה —
הערט איר, דאַכט זיך מיר אויף קלעפּ דאָס אייזל אַ בעל-תאווה!
— ע, גענוג שוין, גאָט מיט אײַך, רב חיים!
אַ רחמנות! אַ בהמה — צער-בעל-חיים!
(גייען לײַט פאַרבײַ און זאָגן.)
— אַז אַן אייזל וויל נישט אויפשטיין, שרײַט רב חיים, מוז מען שלאָגן!
אַדרבה, אפשר וואָלט איר אויף די פּלייצעס אים געטראָגן?
— איר דעם שטעקן וועט צעברעכן! — נו, וועל נעמען איך אַ נײַעם!
און ער קלאַפּט דעם עקשן, קלאַפּט געטרײַ אים.
— אייזל, עקשן, וואָס-זשע ליגסטו? (פרעגט מען)
נו, שטיי אויף! אינמיטן גאַס זיך נישט צעלייגט מען!
און דאָס אייזל זאָגט:
— ניין, איך וויל נישט! אויף להכעיס! ווײַל ער שלאָגט!
און אַזוי אַלץ אָן אַ סוף:
שטייט נישט אויף דאָס אייזל, ווײַל מע שלאָגט עס, און מע שלאָגט עס, ווײַל סע שטייט נישט אויף.

געשיכטע

זיך געזעצט דער קאַטער שרײַבן די געשיכטע פון זײַן פאָלק.
נישט קײַן שלעכטע זאַך, און ווינטשן מעג מען אים דערפאָלג.
ניין? פאַרוואָס? באשר
מיט קײַן מעשה־ביכלעך האָדעוועט מען נישט קײַן נאַשער?
הײַנט די חברה יונגוואַרג ליב דאָס לעבן צו פאַרברענען
און קײַן צײַט נישטאָ זיך מיט דער פאָלקסגעשיכטע צו באַקענען?
דראַפּען דאַרף מען זיך אויף גלײַכע ווענט?
זיך אַרומשלעפּן און מיויקען לידלעך דורך די נעכט?
טאָרען פונעם זאַלצברעטל ווי ראַבטשיק אונטער ד׳הענט
און די דינסט זאָל ברעכן ביינער און דערצו נאָך זײַן גערעכט?!
שנעקעס! קורצער שכל און נאָך קערצער דער זכרון!
זאָלן זיי זיך לערנען, זאָלן זיי כאָטש וויסן,
אַז דאָס לעבן נישט קײַן שפּילעכל — אַ האַרבער ביסן,
און דער שכל איז אַ קריכער, ער קומט־אָן ערשט נאָך די יאָרן!
און בכן, דערפאַרונג נישט קײַן קלייניקײַט, סע קומט צונויף,
זייער וויכטיק... און אַחוץ
מוז אַלדינגס פאַרצייכנט ווערן, למען ידעו
ווי אַזוי אַמאָל געלעבט, געקעמפט אַ זיידע,
און נישט מיינען זאָלן זיי, די שנעקעס,
אַז דאָס לעבן הייבט מיט זיי זיך אָן ערשט און מיט זיי שוין גייט
אַוועק עס!

און געזאָגט — געטון. בײַנאַכט, ווען יעדער
שלאָפט, געפּאַקט פּאַפּיר און טינט־און־פעדער,
און זיך צו דער אַרבעט גלײַך אַ נעם:
קודם־כל אַ וואַרף־אַרויס אַ „ברוך השם"
מיט אַ דריי אַהין, אַהער, אַרײַן, אַרויס,
און פאַרשפּיצלט מיט אַ שפּיץ — אַ לעבעדיקע מויז.
נאָכדעם כך וכך לבריאת עולם, סדרה, דאַכט זיך מיר, „מקץ"

און דערנאָך מיט גרויסע אותיות: „געשיכטע פון די קעץ".
וויַיטער — סטאָפּ!
ווי דער רויך פון קוימען אַלץ אַרויס פון קאָפּ!
עפּעס פּאַר די אויגן ווי אַ זיפּל, און ווי דורך אַ חלום
ברעקלעך, שטיקלעך, פּיצלעך —
אָט אַ סנאָפּ זכרונות-זאַנגען און אַ נעפּל אויף די שפּיצלעך...
וואַרפט ער זיך צום קוימען, קושט ער זיבן מאָל אים,
זעצט-צוריק זיך, דרייט דעם עק און שפּיצט די אויערן,
בייַסט די פּען און, צום באַדויערן,
ווי און וואָס און ווען — פֿאַרגעסן! נאָר זכרונות בלאַסע,
אָן געשטאַלט, אָן לעבן. שלעכט, כאָטש טו דיר אָן אַ מעשה!
פּלוצים מיט די אייגעלעך אַ בליץ ער,
הענדעם-פּענדעם זיך מישב און אַ מאַך בקיצור:
נעגל — פֿייגל —
שוואַרצער קעלער און גרין אייגל —
ציינדלעך — ביינדלעך —
פֿרומע הנדלעך —
גראַבל — קראַץ —
פּוטער — קאַץ —
מייַזלעך, בלוט און קאָטער —
תם-ונשלם די היסטאָריע — און פּטור!

רויך און כמאַרע

אָט וויל איך אַרויף מיטן רויך,
אָט וויל איך אַראָפּ מיט דער כמאַרע,
און אויפלייזן זאָל איך זיך אויך
אין טרערן אויף גראָזן אויף דאַרע!

דער קוימען

הייבט געדאַנקען און געדאַנקעלעך דער קוימען,
קרײַזלט זיי און דריידלט זיי אַרויף אין ווײַטע רוימען.
אינדעם טראָגט עס אַז אַ כמאַרע,
מראה
שוואַרצגעדיכטע רויכעס,
מיט אַ בליץ, אַ קנאַל, סע שפּאַלט אַזש מוחות.
זאָגט דער קוימען: נישט אומזיסט שטיי הויך אַזוי איך —
מײַן געדאַנק צעטרייסלט וועלטן מיט זײַן כוח!

דער רויך און די כמאַרע

ווי אַ נאַקעטע נשמה, וואָס פון גוף שוין אויסגעהוילט זיך,
שלינגלט זיך און רינגלט זיך און וויקלט זיך און קנוילט זיך
שוואַרצער רויך פון קוימען
העט אַרויף, אַרויף אין הויכע בלאָע רוימען —
שלינגלט זיך, ביז ערגעץ אין אַ הימל-געגנט
מיט אַ כמאַרעלע באַגעגנט.
— גאָט מיט דיר! וווּהין? אין יענעם
גיהנום?
סאַראַ נאַרעלע!
(זאָגט דער רויך צום כמאַרעלע)
מיך פרעג! אָקערשט קום איך דאָך פון דאָרט! אַ בוים געווען!
ווי געוואַקסן איך, געבליט — געמעגט שוין זען!
גאָט און לײַט געפרייט! אין קיל געדיכטן שאָטן
מידע איך באַהאַלטן, זאָל די זון ניט בראָטן,
זײַ אַ פריינד געווען, אַ מכנים-אורח —
נישט כדאי, איך זע שוין, איצט באַדויער איך!
פאַר ליבהאַרציקייט באַצאָלט מיט וואָס? מיט אײַזן און מיט פײַער!
היט זיך, ווי דאָס לעבן איז דיר טײַער!
קום מיט מיר אַהין, אַהינצו צו די שטערן —
ריינע פונקעלעך, נשמהלעך אָן גופן!
זע נאָר, ווי זיי ווינקען, ווי זיי רופן!
— ניין! איך קען נישט! איך — אַראָפּ, אַראָפּ איך מוז מיך קערן!
— קינד, פאַרוואָס? — איך האָב אַ האַרץ מיט בליץ, מיט דונער
און מיט טרערן!

דער קלוגער טײַך

ס'האָט אַ טײַך אַמאָל געזאָגט:
„אַלע טײַכן נאָר אין ים — אַהין זיי טראָגט!
איך פאַרשטיי נישט! קליין די ערד זיי? ווייניק וועגן?
ווייניק ערטער דאָרשטיקע, פאַרגעסענע פון רעגן?
ערטער, ווו מע לעכצט, מע חלשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער?
זאָגט: נישט גלײַכער דען אַהינצו, ווי דעם ים צו מאַכן נאַסער?
אַז מע לויפט, מע רעשט! נישטאָ קײַן צײַט זיך צו פאַרטראַכטן
אויף אַ רגע כאָטש אין די בײַנאַכטן
אין די שטילע!
ניין! איך גיי מיט זיי נישט! איך — איך זוך אַ נײַעם דרך!
און איך שווער אײַך:
ווען דער ים־הגדול, ער אפילו,
ער אַליין שיקט זאָגן מיר: איך וועל דיר
אַלע מײַנע פּערל שענקען, די סירענע
יענע,
וואָס געפעלט דיר —
איינמאָל ניין! אויך אים וועל איך אויסמײַדן!"
און דער טײַך גענומען שלענגלען זיך און שנײַדן
איבער וועלדער,
וויסטע פעלדער
און יבשה פּיקלדאַרער
(נישט קײַן נאָר ער!)
ברכות אים באַגעגנט ווו נאָר ער געקומען,
יעדעם שטיינדעלע מיט פרייד אים אויפגענומען.
נאָר דער טײַך, ער קרימט זיך אַלץ נאָך — ווײַטער, ווײַטער
שנײַדט ער,
זוכט אַלץ נײַע וועגן, ביז ער איז פאַרפאָרן
אין דער הייסער מדבר פרן,

זוי די זון ווי קאַלעך אויוונס פלאַמט.
און וואָס איז געוואָרן?
פרעגט דאָס הייסע זאַמד!

***

זוכן נײַע וועגן — יאָ, מהיכי־תיתי;
נאָר פאַרקריכט נישט אין מדבריות קײַן הייסע!

רב כאַמאַריש

„אַך, אַ וועלט, אַ וועלט!
דעם נאָר גוט איז, ווענען שכל פעלט —
דאָס אַן אַלטער כלל!"
שרײַט דאָס אייזל אויף אַ קול
פון אַן אוגערקע אַ זוי'רער.
„איך וואָלט דאָך געווען אַ רב אין שטאָט, אַ בורר,
איך אַזוי צו זאָגן
וואָלט די גאַנצע שטאָט אויף מיר געטראָגן!
כ'האָב, נישקשה, גאָט צו דאַנקען, ברייטע פּלייצעס
און אַ פולן בויך מיט עצות
און המצאהלעך און פּלענער,
איינס פון אַנדערן חריפותדיקער, שענער!
ווען למשל מע וואָלט מיך געהערט,
וואָלט איך זאָגן:
שוין גענוג די פערד געשלעפּט דעם וואָגן,
איצט פאַרקערט —
זאָל דער וואָגן שלעפּן שוין די פערד!
צי איך וואָלט אַ נײַ געזעץ גאָר אויסגעפלאָכטן:
הכל שוחטין!
ווער סע וויל, דער קוילעט! פרײַ בײַ אונדז!
שוחט זײַן מיר אויך אַ קונץ!
כיק אַ העלדזל, פליק אַ פעדער —
דאָס קען יעדער,
אי דער קצב אי דער בעדער!
און אַ פשיטא שוין דער הונט! איז וואָלט איך אָנגעבאָטן
יעדן הונט אַ שטרײַמל מיט אַ טלית-קטן:
זײַ אַ שוחט, כלב, נאָר ניט זײַ קיין בילער!
וואָלט געוואָרן אויף די גאַסן שטילער.

און כדומה.
אָבער גיי צעריַים זיך, הירזשע אַני שלמה,
אַז —"
„בנאמנות, רעדט ווי אַ בר דעת!
ריַיסט אים איבער צופּעך־פּליקעך,
אַ קודלאַטער הונט אַ פּיקח.
„גאַנץ געדעכט מיר דאַכט זיך,
אָבער לאַכן פאָרט סע לאַכט זיך.
האָט נישט קיַין פּאַריבל, רב כאַמאַריש —
קענטיק, ביז די חכמה קומט צום אייזל, ווערט זי נאַריש!"

תיקון

וואָס סע קען פאַרגלוסטן זיך אַ למך —
האָט פאַרוואָלט זיך גאָר דעם אייזל ווערן רב אין ווילנע!
אַז ער וויל, נו!
אַז סע ציט אים ווי צום עמוד אונדזער טיפּש יאָקל־צמח!
איי? וואָס? תורה?
קריגט ביים מילנער ער די סחורה!
אם אין קמח — אַז נישטאָ קיין מעל, נישטאָ קיין תורה, שטייט אין פּרק.

נמצא: האָסטו קמח, האָסטו תורה!
על פּי צופאַל ווערט ער דאָס געוווירע
פון אַ שמועס, וואָס צו אים זיך צוגעהערט נייגעריק
און אַריינגענומען זיך אין מוח׳ל.
און ווי זאָגט מען, יעדער נאַר צו זיינעם שכל —
טרעפט דאָס אייזל אויף אַ וועג:
אין די טרוקענע ניין־טעג,
ווען די כלבים דרייען־אום זיך נעבעך קוטיק,
און נישטאָ קיין פיצל פלייש, קיין ביינדל אויף אַ שהחינו,
זוכט עס אָפּ דעם יאָגהונט וואָיטעק־רויטעק
(ווער־זשע קען אים נישט — אַ רויטער הונט אַ קיילעוואָניע),
סודעט־אָפּ מיט אים זיך, שליסט אַן אָפּמאַך:
„אַז וועסט מאַכן, כלב, פון מיר אַ רב מיך
און מיר העלפן אויפן כסא־הרבנות אין ק״ק ווילנע קריכן,
מאַך איך דיך פאַר׳שוחט דאָרט אינגיכן,
און די גוטע־ברידער דיינע און די קרובים, אַלע פיינע בריות,
פאַר נאמנים און משגיחים אין די קאַצעפּיעס״.
און ביי׳ הינט, פאַרשטייט איר מיך, איז אומר ואוכל.
נעמט קיין סך נישט, אין איין הרף־עין
הערט מען שוין אין אַלע גאַסן כלבים שרייען:

„נידער מיטן אַלטן רבֿ! וואָס טויג דער קאַנעץ מיטן רויכל.
אַז מיר האָבן שוין דאָס גרויסע ליכט, רבֿ אייזל הריף,
וואָס ער שיינט פון מזרח ביז קיין מערבֿ!
ער אַ למדן און אַ חריף! אַ בעל־עצה!
ער וועט ברענגען אונדז משיחן אויף זיין פּלייצע!"
מילא, בין איך אייך דאָס מוחל —
בלבֿים בילן,
ווייסן זיי כאָטש וואָס זיי ווילן!
(כאָטש פון ווילן ביז קיין ווילנע נאָך אַ ווייטע שטרעקע.)
אָבער הערט, איך בעט אייך: אויך דער האָן אַרויס גאָר מיט אַ קוקורעקע!
און די גאַנדז, די קאַטשקע און די ציג מיט זייער געגע־מעקע!
וואָס איז דאָס? די עופֿות און די שאָף,
זיי פּעלט אויך דאָס אייזל פֿאַר 'אַ רבֿ?
תּיקו!

דער אַמעריקאַנער

גוליע
בר־באַרבוליע —
דאַכט זיך וואָס, נישט מער ווי אַ קאַרטאָפל;
נאָר אַ פּעמפּיקל און אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע,
האָט ער ליב, צווישן אונדז געגרעדט, אַ בלאָפל —
ס׳הייסט אַ נישט געשטויגנדל אין גילדענע פּאַנטאָפל.
זיצט ער ברייט צווישן ריבעלעך און ציבעלעך נײַגעריקע
אין׳אַ קויש אונטערן אויוון,
ווי אַ גאַסט אַ נגיד בײַ קליינשטעטלדיקע קרובים,
און ער בלאָפט:
— זאָלט איר זיך נישט חידושן, וואָס קום צו אײַך נישט אָפט.
ניין, נישט הימלעך דאָ, נישט הימלעך.
דאָרטן, זאָגט ער, דאָרטן
אין מײַן אייגענעם ירושה־גאָרטן,
צווישן נים־און ווײַנשל ביימלעך,
האָב איך מיר אַ שטיבעלע פון בלעטער, בליט עס,
און אַז וויל איך, נעמט עס גאָר און פליט עס
גלײַך אַרויף אין הימל בלוי...
— טאַקע? וואָס? אַזוי?
— איך פלי אָפט אַהינצו.
נעם איך מיר מײַן שטיבעלע און בינד־צו
צו די וואָנצעס פונעם מאָרגנשטערן
און איך לאָז מיך גיין שפּאַצירן, נײַעס הערן.
אָדער איך ׳צעליג זיך אויפן טעלערל פון הימל
און איך כאַפּ אַ זיסן דרימל.
— הער נאָר, ס׳איז דאָך טאַקע גימל!
— גוט, ווילט זאָגן איר? נאָך מער ווי גוט!
איך בין דאָרט כמלכל בגדוד —

ווי אַ סאָנישניק צווישן פּאַפּושויעלעך!
הערט איר, אויב איר וועט נישט זײַן קיין לעבערדיקע שטרויעלעך,
וועל איך אײַך דערציילן עפּעס שיינס, אַ סוד:
איינמאָל מיר אין ליבע זיך דערקלערט די זון —
— וואָס? די זון? — די זון! — סע קען נישט זײַן! — בײַ גאָט!
אָבער איך זיך אָפּגעלאָזט דערפון.
נישט פאַר מיר זי — אַ צעפלאָסענע, און צו אַ הייסע...
גאָרנישט, גלאַט אַזוי אַ גלעט, אַ קוש — מהיכי תיתי!״
אָבער זיך פאַרקאָכן גאָר? פּאַוואָליע!
חוץ לזה צו מיר געוווּנקען דאָרט אַ גילדענע פּאַסאָליע
מיטן נאָמען שטערנוווּנק —
ליכטיק, שיין און יונג,
אָבער זיך געטראָגן וועגן איר דאָרט נישט קיין שיינע קלאַנגען.
נעבעך, זעלבסטמאָרד צוליב מיר באַגאַנגען —
זיך אַראָפּגעוואָרפן און צעשיט זיך איבער דעכער!
טאַ, וואָס בין איך שולדיק? מײַן געווויסן ריין —
האָט געזאָלט זי זוכן זיך איר גלײַכן און נישט קוקן העכער!
פריי'ר פאַר אַלעמען מוז יעדער קענען זיך אַליין!
נישט געקענט זיך — ליג אין גריבעלע! — —
בלאָפט באַרבוליע און ער שאַרט זיך צו אַ ציבעלע.
מילא, איז באַרבוליע אַ קאַרטאָפל און אַ בלאָפער —
זאָלן מײַנע רייד נישט שווער זײַן אים, שוין היינט אַ שוכן-עפר!
אָבער אַז סע קומט צו רייד שוין, מוז איך טון דאָ אַ פאַרצייכן:
נישט מטריח זײַן די שטערן און די זון פון זיי'רע הייכן,
אַז מע וויל אַ ציבעלע דערגרייכן!

צווײ קאַטשקעס

אין אַ טײַכעלע אַ קלײנעם
און אויך ערטערווײַז נישט איבעריק רײנעם
זיך צווײ קאַטשקעס לאַנג געפּליעסקעט, זיך געטובלט,
מיט די שנעבעלעך זיך אין די פֿעדערן געבויבלט —
הײַנט אַ גאַסט געקומען פֿון די ווײַטע עופֿות,
אַזש פֿון הודו זאָגט מען, אַ בעל־מופֿת,
אין אַ שוואַרצער יופּע, גאָלד געשטיקט דער טלית־קטן,
מיט אַ גוידערל, דאָס בײַכעלע געראָטן,
און רעדט פֿויגליש: זאָגט נישט „אָדלער" — „אָלדער".
(טאַקע שענער מאָל דיר!)
גרײטן זײ זיך, בײדע קאַטשקעלעך, געטרײַ
און מע רײניקט זיך אַ שעה, און צווײ, און דרײַ.
טרעפֿט גראָד אײנע אין אַ בלאָטיק אָרט
— און אַרויס נאָך אומרײנער פֿון דאָרט —
ווײס איך וואָס, די גאַנצע טבֿילה נישט כדאַי!
און די שכנטע? אַ מזל! קלאָר און רײן!
טוט זי אָבער אויף דער חבֿרטע אַ קוק
און זי טראַכט זיך: „נײן,
נישט געטובלט זיך גענוג!
איך מסתּמא נישט רײנער דאָך פֿון איר".
נו, איז ווידער שוועקן! „שוועקן", זאָגט זי, „האָט קײן שיעור!"

און די אויסגעשמירטע? זי איז גדולדיק בײַ זיך:
„מה־דאָך", זאָגט זי, „יענע שײן — מכּל שכּן איך!"

דער שווימער

איינמאָל, לאַנג נאָך, ווען דער זיידע
איז געווען אַ יינגל,
האָט שפּאַצירט אַ גילדן רינגל
מיט אַ פלעדערווישל.
(ווו און ווי אַזוי באַגעגנט זיך די ביידע?
פאַרט-זשע נישט אַרײַנעט מיטן דישל
און קײַן קשיות אויף אַ מעשהלע נישט פרעגן!)
מיט פאַרדרייטע און פאַרקרימטע וועגן,
ווו סע פאָרן נישט קײַן פירלעך און סע שליטלען נישט קײַן שליטלעך,
זיי געגאַנגען און געגאַנגען, און נאַטירלעך,
ווי סע פירט זיך אויף שפּאַצירלעך,
זיי גערעדט, געפּלאַפּלט זיך געמיטלעך,
ביז אַזוי פּאַמעלעך
אָנגעקומען גלײַך צום ים-המלח.
שטייט דאָרט אײַנגעשטעקט אַ מעסער
פונעם קיניג שלמנאסר.
פרעגט עס: „ווער שווימט בעסער?"
„איך!"
שרײַט דער פלעדערוויש און גיך
גלײַך אין ים אַ שפּרונג.
אויף די וואַסער פליגל פלעדערווישל-וווילער יונג
טראָגט זיך, טראָגט זיך —
און דאָס רינגל נאָך אים יאָגט זיך —
פליוך-פליאָס,
אויך אַרײַן אין ים.
קומט דאָס מעסער, מאַכט אין האַרץ אַ וווּנד:
פלעדערוויש פון אויבן — פינגערל צו גרונט!

***

ווער ס'איז נישטיק, פלאַך און מיטלמעסיק,
אים אַרויפצושווימען נישט קיין שווערער עסק.
ווען מען דאָס נישט גרינגלעך?
שווערע גילד'נע רינגלעך.

דאָס בריוול

„ידידי אבישלום,
וואָס זאָל איך'דיר זאָגן?
דאַנקען גאָט בקו החיים והשלום.
אויף די פיס נאָר האָב איך זיך צו קלאָגן —
ס'איז מיט זיי, ווי זאָגט מען עס, ויהי.
כ'ווייס נישט, צי פון איבריק לויפן, שווערער מי —
נאָר זיי זאָגן זיך שוין אונטער.
„פאָרן", טענהן זיי, „איז פיל געזונטער".
פויל געוואָרן, כאַטש, מיר דאַכט, צו פרי..."
בזה-הלשון שרייבט די האַנט אַ בריוול.
„קוקט נאָר, ווער סע רעדט! די האַנט!"
שרייט דער גראָבער פינגער פונעם פוס, „אַ שאַנד!
ווער איז זי? אַ דינסט מויד, פוצט ביי אונדז די שטיוול!
נישט די ווערט אפילו אונדזער מינדסטן נאָגל —
און אַדאָס-אָ האָט די העזה אונדז גאָר צו פאַרקלאָגן!
ווילן מיר נישט גיין, נו, ווילמיר פאָרן מיט אַ וואָגן,
מיאוס געוואָרן אונדז דער וואַנדער-וואָגל,
וואָס ער מאַכט אונדז מיד און שווייסיק —
נו, איז וואָס? איר עסק?"
„הם ושלום! פאָרט אפילו מיט קאַליאַסקן!
האָט אַ גוטן שליטוועגס איבער בערג און טאָלן —
נישט מיין עסק! איר, נישט איך וועל צאָלן!
פעלט מזומן, גיט די שטיוול 'פאַר אַ משכון!"
פונעם עלנבויגן רעדט די האַנט.
ווו-זשע האָבן פיס פאַרשטאַנד?
אין דער פיאַטע.
דרייען זיי זיך אויפן קאָרעק תמעוואַטע,
טופען, קענען באַין אופן זיך אַזוינס נישט מאָלן:

„ס'הייסט, גאָר מיר און נישט די האַנט וועט צאָלן?״
לייגט די האַנט אַ פינגער צו צום שטערן
און זי נעמט זיך קלערן:
„פֿלא, ווי די לײַט געפֿועלט ביי זיך!
נישט מיין עסק — און באַצאָלן פֿאָרט זאָל איך!
דאָס איז, אַז דו וואַשסט 'אַ גראָבן פּוס און פּוצט אים זײַנע שיך!״

צווייִ הינער

אײנער קלאָגט און װײנט,
און אײן גאָט װײסט װאָס ער מײנט!

***

זיצן זיך צוויי הינער, אײנע
נעבעך אַן עקרה —
מיט די אײער אירע עפּעס דאָרט געשען אַ צרה.
און די שכנה:
אונטער ברײט צעשפּרײטן פליגלדיקן מענטליק
געלינקע קונדסימלעך אַ צענטליק.
און זי פּיקט, פּיקט מיטן שנעבעלע, דעליבעט.
„הערסטו,” זאָגט זי „װאָס איך װעל דיר זאָגן, כשרע? נו הער:
שװער צו זײַן אַ מאַמע, שװער!
ס׳גײט מײַן לעבן אָט צוליב די חברהלײט לאבוד!
טרעף איך נאָר אַביסל מיסט, נאָך װאָס צעשאַר איך עס?
אפשר צוליב מיר? אומשטײנס־געזאָגט, מײַן ביסעלע הצטרכות!
צוליב זײ דאָך! מײנסטו, אַז׳אַ מאַמע האָט אַ װערמ?
אַז סע פּאָלגט? סע הערט?
אסור!.. זעסטו אָט דעם גרינעם צוצעק?
שײן, אַיאַ? כאָטש, טפו־טפו־טפו, אַביסל שמוציק!
פֿי, אַ ברען! נישט מורא פאַרן קאָטער!
אַז איך רוף אַהער אים, לויפט שוין דווקא נאָר אַהין ער!
הײַנט די אײער קליגער פון די הינער.
און דער עכברוש, װאָס כאַפּט דעם אָנבליק פונעם פּאָטער —
ער איז בעסער?
כ׳זאָג דיר: אַ משלחת! ס׳זאָל נישט װאַקסן גרעסער!
װײסט דען װאָס ער האָט ׳מיר הײַנט געטון?
אַ פאַרשלעפּטע קרענק! סע קען דען רו׳ן!
זיך צװישן האָלץ אַזוי פאַרמאַטערט,

אַז געמיינט איך: שוין, אַן עק! געפּטרט!
און דאָס שטילע פֿויעלע, דאָס שנעקל?
קוק עס אָן! אַ שלעקל, זאָג איך דיר, אַ שלעקל!
ערשט
מיטן אינדיק שיר זיך נישט געממיתט פֿאַר אַ גערשט!
און סע לויפֿט נאָר פּאָרוים, פּאָרוים!
צרות מײַנע, צרות!"
„קו־או, קו־קו,קו־קו־אַך!
לאָז געמאַך!"
שרײַט די שכנטע און טוט אין קעפּל איר אַ פּיק,
„נאַ דיר, נו! געפֿעלט אײַך? שיינע״שטיק!
קלאָגט און וויינט, און רייצט מיך מיט איר גליק!"

***

שווער דער צער פֿון גידול־בנים —
ערגער איז נאָך אָן אים.

דער גבור

פאַרן פאַרקן,
מיט אַ טריט אַ זיכערן, אַ שטאַרקן,
שפּאַנט דער האָן זיך, שפּאַנט אַהין, צוריק,
אויף די זיבן ווײַבער אַלעמאָל אַ בליק
און מיט גדלות, מיט אַ שטעל:
„קוקוריקו! קוקוריק!
וואָס? וואָס ווילט איר, ווײַבער? גליק?
איך וועל גיבן אײַך, איך וועל!"
פּלוצים גאָר דער פוקס! סע גנבעט זיך דאָס מזיקל פּאַמעלעך,
מאַכנדיק אַ ברכה „זה התרנגולטשיק ילדך!"
טראַכט דער האָן נישט, איינס און צוויי — און אויפן הויכן פּלויט!
„שטיי נאָר, שטיי, מײַן ליבער!"
שרײַט דער פוקס, „וואָס זאָגט מען אויף דעם גבור?
ווי סע ציטערט דאָס אויף אים די הויט!
נכר,
בעריע איז דער גרויסער קוקוריקער
אויפן פּלויט און אויפן בוידעם!
בע! איך אַלטער נאַר געזאָגט דאָך ווידוי קודם,
איידער איך געפּועלט בײַ זיך מיט אים זיך צו באַגעגענען!
דונערן און בליצן — און סע הייבט נישט אָן צו רעגענען!
נו, פאַר וועמען איך געשראָקן זיך, פאַר וועמען!
פאַר די ווײַבער דײַנע, כ'לעבן, מעגסטו זיך דאָך שעמען!
שפּרינגט אויף פּלויטן! נו, מה רעש?
יפהפיות! אַ העלד גיב זיי, קוראַזש!
מיט גבורה מוז מען זיי'רע הערצלעך קויפן,
מיט גבורה, נישט מיט האַזישן אַנטלויפן!"
„קוק אַ רוח, קוק!" דער האָן צעקרייט זיך,
„וויל די כוחות מיט מיר מעסטן, רייצט זיך!

און אַז דו ביסט שטאַרקער, נו, איז וואָס? ווער לאַכט דען
פון אַ שוואַכן, חס ושלום? אויף געלעכטער איז דער פּחדן,
וואָס ער וואַרפט׳זיך ווי אַ שוטה אין סכנות
מחמת פּחד פאַר פּחדנות!
טראָג זיך, רוח, אָפּ!״
און פון פלויט אין הויף אַריין דער האָן אַראָפּ.

רב חוטם

רײַט אַ בריל זיך אויף דער נאָז.
און רב חוטם,
כאָטש די בריל זי דריקט אים, מאַכט אַביסל רויט אים,
נאָר נישט דאָס אים קוועטשט, נישט דאָס;
אַ בזיון און אַ חרפּה אים פאַר לײַטן —
נאַ דיר נו, אויף אים גאָר זאָל מען רײַטן!
ער איז דאָך דאָס העכסטע פונעם פנים!
בלאָזט ער זיך, סע שטייט נישט אָן אים.
„וואָס זיך", שרײַט ער, „אָנגעזעצט אויף מיר דער נאַר?
איין שוואַרציאַר אים קאַרג!"
„שווײַג, דו סמאַר..!"
(פע, אַ וואָרט וואָס שמעקט מיט מאַרק.
אָבער גיי רעד איידל מיט אַ נאָז!)
„אמת", זאָגט די בריל, „דו זיצט דיר אויבנאָן, איז וואָס?
ס'אייבערשטע פון פנים? מילא,
ביסט דאָך פאָרט אַ מיאוסע כלי —
פרעג, זײַ מוחל, די פּאַטשיילע!
מאַך-זשע נישט, אדוני חוטם, קיין ירגזון,
הער זיך אויף צו בלאָזן!
מעגסט דיר זיצן אויבן און פאַררײַסן הויך,
זוייסן אַלע קלוגע און אפילו אויך
אַלע שוטים,
ווער און וואָס סע איז רב חוטם".

***

דאָס קײַן נײַעס, זאָגט איר? ווייס איך וואָס?
אמת, נאָר דערציילט איך דאָס —
פּשוט, ווײַל כ'האָב ליב צו שנאָלן אין דער נאָז!

קעציש מיטגעפיל

לעבן אויוון קאָטשערע געשטאַנען
און גענומען צו דער קאַץ זי טענהן
(וואָס צו טענהן האָט די קאָטשערע אַ סך):
אַז מע האָט נישט קיין רחמנות! אַז מע לאָזט זי נישט געמאַך!
פאָרויס צינדט מען אָן אַ פייער
און דערנאָך די קוילן שאַרן שיקט מען זי!
דאָס איז יושר? זי ביי זיך איז אויכעט טייער!
פיינט ווי יעדער זי אַ ברי!
און פאַרוואָס-זשע צו פאַרשטיין דאָס גיט זיך קיינער נישט קיין מי?
און וואָס נאָך? צעקריגט די דינסט זיך מיטן כלב, אַ געשריי —
האָט זיך דאָרט מיט אים אַ משא ומתן,
צופיל נאָכגעגעבן ער דעם טריפה-האַלדז געשמדטן —
איז צו וועמען גייט עס אוים? איז וועמען ווינד-און-וויי?
איר, דער קאָטשערע, גיט פרומע נישט קיין רו!
זי דעם הונט זאָל ברעכן רוק-און-לענד!
וואָס איז עפּעס איך? פאַרוואָס נישט דו?
וואָס-זשע, האָסט חלילה נישט קיין הענט?
און בכלל, וואָס איז דער כלב שולדיק, פרומע?
אַז די דינסט אַ שלימעזאַלניצע — דער הונט אַ בעריע!
ניין, איז פרומע היים געבאָדן אין די וואַסערן פון טבריה,
ברענט און פייערט: 'אַ פאָהיבעל! אַ מהומה!
און זי שלעפּט די קאָטשערע... אום גאָטעס ווילן!
לאָז געמאַך! וואָס טויג דער קאָטשערע, דער הונט זאָל אויף איר בילן?

אַז אַ כלב האַווקעט, קומט דען צו געזונט?
„וואָס? דער כלב?" זאָגט די קאַץ, „דער הונט?
כ'קען אים, 'יאָ, איך קען אים!
איידער אין זיין פיסק אַריינצופאַלן, גלייכער שווין אין גיהנום!
קיל אין האַרץ ווערט, אַז איך זע אים ביי דער טיר.
ווייסטו וואָס איך בעט דיך, טיי'רע? טו אַ טובה — גיב אים אויך פאַר מיר!"

ד'ער חשוב

שפּעט בײַנאַכט. אין קיך איז שטיל.
אָפּגעזונגען שוין איר לידעלע די גריל.
איצט אַ מעשהלע דערציילט דער אויוון,
עפּעס פון אַ שרעטעלע: „זיך אויפגעהאַלטן קודם
אויפן בוידעם
לעבן קוימען אויוון.
שפּעטער, אַז אין אויוון זיך גענומען פײַפן ווינטן,
דאָס אַראָפּ אין קעלער, ווו אַן אוצרל געפינט'ן.
אַלע שבת, אַלע ימים-טובים ניסעלעך געקנאַקט,
יאָדערקעלעך זיך, די שאָלעכץ — אָרימע אויף מעות-חיטין.
ביז מע האָט דאָס שרעטעלע געפּאַקט —"
„גלייבט נישט", פּאַלט-אַרײַן די קאָטשערע, „ער באַקט!"
(גראָב! אַוודאי גראָב! מיט פּריסעק זי באַשיטן!)
„מאַלע ביסטו, קאָטשערע, אַ שטיפּערקע, אַ קריכעריו,
מאַלע אַז מכשפות זיך צעוויכערן,
פליען שדים רײַטנדיק אויף דיר און דורכן קוימען
גלײַך צום אשמדאי, וואָס האָט געדינט בײַ שלמהן?
אָבער דרך ארץ ווו? געמעגט כאָטש וויסן,
ווער פאַרזאָרגט מיט לעקעך התונות און בריתן
און די וועלט מיט ברויט און חלה! און דערצו:
ווער איז עלטער, איך צי דו?
חוצפּה! און מע שווײַגט! מע גיט איר דאָס נישט צו פאַרשטיין!
איך דערצייל שוין מער נישט, ניין!
זאָל די קאָטשערע דערציילן!"
און די קאָטשערע, זי לאָזט זיך גראָד נישט בעטן.
וואָס-זשע? שעמט זיך? קען קײַן צוויי נישט ציילן?
„איינמאָל", זאָגט זי, „דער משרת-יונג מיך אָנגעטרעטן,
מיינט איר, איך געשוויגן? נישט געוואַקלט זיך קײַן סך

און צוריק אין קאָפּ אים — טראַך!
מאַרש, משרת־פּיסל, מיט דײַן קאָפּעטע!״
„יאָ, אַ שיינע מעשה,״ נאָר אַ קורצע!״ זאָגט די לאָפּעטע.
„נו, און דו וואָס? אין יעריד־געשלעג געממיתט און צעטראָגן
זיבן דרענגלעך און אַ דישל פון אַ וואָגן?
אונדז ׳די מעשה וואָלט געוווּנדערט —
ווען־זשע? ווען שוין נישט געהערט זי אַמאָל הונדערט״.
„לאָזט געמאַך! וואָס טויג אײַך?״ בעט דער וואַלגערהאָלץ
(זײַ׳ר אַ גוטער, קיינער נישט געזען נאָך בייז אים),
„בעסער וואָלט דערציילט אונדז עפּעס שיינס דער בעזעם.
זעט איר, ער מעג זײַן בײַ זיך אַביסל שטאָלץ.
אומעטום אַ חשוב ער, פאַר אים דאַך אָפן אַלע טירן,
אין דעם זאַל, אין שלאָפצימער — און ווו פאַרוועדט אים צו
שפּאַצירן?״
„מיאָ, אַ חשוב,״ זאָגט דאָס קעצל, „נישט אומזיסט!
אדון בעזעם טראָגט פון אומעטום אַרוים דאָס מיסט!״

* * *

און פאַרפאַלן! יענע נאַכט די קיך קיין מעשהלע געהערט
און די קאָטשערע, וואָס האָט געשטערט —
אַנגעצייכנט איר אַ שטראָף פון אויבן:
אָפּבריִ׳ן אין די קוילן פונעם אויוון.

דער קלוגער בער

ערגעץ אין מצרים, לעבן גושן,
ווו די כוואַליעס פונעם נילוס רוישן,
ווו פון וועלדער, פון מדבריות, פון היילן
קומען חיות גאַנצע שאַרעס
הערן יענע מעשיות פון מכשפים און פון פרעהס,
וואָס דער נילוס טוט דער שטילער נאַכט דערציילן
(וויפל מאָל די נאַכט געהערט זיי, אָלין ביי איר אַ נײַעס) —
דאָרטן איינמאָל פאַר די חיות
שיין געדרש׳עט האָט דער העלפאַנט „מאַריך־אַף״,
פונעם וואַלד דער פילאָזאָף.
(ביי די חיות אויך פאַראַן אַ קאַנט!)
על פי קלאָרן שכל, ריין־פאַרשטאַנד,
העל און בולט
ווי די נאַכט־מכשפה, ווען דעם שוואַרצן בער זי קוילעט
(ס׳הייסט, ווי די לבנה נאָכן מולד),
ער דערוויזן, אַז די חיות לעבן גאָר אין טעות:
אויגן האָט מען, און מע זעט דאָך, נאָר מע ווייסט נישט וואָס,
ווײַל אין תוך איז יעדע זאַך לגמרי גאָר נישט דאָס.
„מיגלעך״, זאָגט ער, „מענטשן רופן אונדז גאָר חיות רעות.
און אַז איר וועט פרעגן זיי,
שטייט די וועלט אויף פיס נאָר צוויי,
נישט, ווי ס׳דאַכט זיך אונדז, אויף פיר —
ווײַל אי זיי אי מיר
אין אַ שווינדל־בלינדל זיך געפינען
און די דרויסן־וועלט מיר שפינען
ווי אַ שפין איר שפינוועבס, נאָר פון זיך —
קלאָר גערעדט: פון אונדזער איך...״
רעדט דער העלפאַנט, מוהות ברעכט ער.

און צווישן עולם אויבן, אין דער זײַט דער רעכטער,
זיצט רב בעריש אין דער גראָבער בעקעשע,
גלאָצט צוויי אויגן לעקישע,
און ער טראַכט זיך: בע, דער רוח קען זיך שטויסן,
וואָס דער שוטה אויסן!
און צום סוף,
אַז געענדיקט שוין דער פילאָזאָף,
הייבט זיך אויפעט דער באַלבאָס דער יוסטער,
הוסט ער
און ער זאָגט זיך מיט אַ שמייכל:
„יאָ, געפאַלן אויפן שכל!
יאָ, איך וויים שוין, וויים, אין וואָס סע שטעקט דער כוח:
רעדן דאַרף אַזוי איך,
נישט דער עולם, נישט אפילו איך אַליין
זאָל נישט וויסן וואָס איך מיין —
וועט מען זאָגן: 'איַי, דוב-בער!
דרך ארץ! ע, ער איז נישט אַבי ווער!
מעגסט אים, ברודער, הערן —
ער דער קליגסטער פון די בערן!"

דער תכלית פון דער ערד

קיל.
אָפּגעשטעלט אין הימל זיך די מיל,
וואָס קרישטאָלבערג הייסע שטויבן זיך צווישן אירע רעדער.
באַרוועס, אויף שפּיצפינגער, דורך ווײַנשל סעדער,
קומט אין אויסגענייטן העמד אַרויס אַ דאָרפיש פרישע נאַכט.
שאַ! דאָס פעלד זיך טיף פאַרטראַכט.
און וואָס טראַכט אַ פעלד? סע טראַכט און קלערט,
צי די ערד צוליב די זאַנגען, צי, פאַרקערט,
גאָט די זאַנג באַשאַפן צו באַשיינען גאָר די ערד.
און צו ווען ווענדט מען מיט דער שאלה זיך צום ערשטן?
סע פאַרשטייט זיך, אַז צום גערשטן.
ווייסט איר, ווי מע רופט אין פעלד אים? הער פּראָפעסאָר.
נישט אומזיסט דאָך — קוק זיך צו אַביסל בעסער,
זעסטו טאַקע, אַז די וואָנציעס בײַ אים אַביסל גרעסער.
ווער־זשע, אַז נישט ער
אונדז פאַרענטפערן די שאלה? אדרבא, ווער?
און געטראָפן. אין דער פינצטער אויפגעשטראַלט אַ שטראַלעניש —
נאָכן גערשטן מער די שאלה שוין קיין שאלה נישט.
„איך האָב", זאָגט ער, „אין דעם ענין שוין גענוג געקלערט,
שוין פון לאַנג, פון לאַנג,
ביז געקומען מיר צו חלום גאָר אַן אַלטע זאַנג,
און פון איר בפירוש איך געהערט:
„ערד צוליב דעם גערשטן, גערשטן פאַר די פערד!"

דער הונט און די גענדז

איינמאָל זיך פֿאַרבענקט אַ הונט נאָך עפּעס וואָס אַזוינס, אַ יענץ,
וואָס מע רופֿט ביי לייט אינטעליגענץ —
פֿיינבאַנעמונג, טאַקט...
אויפֿגעוואַקסן אויפֿן סמעטניק ביי אַ פּויערישער כאַטקע,
אויף דער גאַס אַרום דער יאַטקע —
ווי אַזוי גאָר ער דערטראַכט דערצו זיך? זעט איר דאָך, אַ פֿאַקט!
נמאס אים געוואָרן די חברים זיינע, די פֿאַרגרעבטע הינט.
(פֿריינד — און וואָס מע ווינטשט זיך, זאָל עס פֿאַלן אויפֿן ווינט!)
און די יאַטקע־ייִדענעס — איי, פּיסקעלעך!
אָנגעפּילט מיט קללות־חרמות ווי דער בויך מיט קישקעלעך!
און ווי גראָב באַהאַנדלען זיי דעם קצב! דאַכט זיך, וואָס? אין פֿלוג,
דאַרף אַ הונט דען זיין דעם קצבס סטראַפּטשע?
אָבער אַ פֿאַרדראָס: מע גיט איין, כאַפּט־זשע!
נעמט און זאָגט אַ דאַנק! איז, פּאַר אַ בעלן, קוק:
וואָס דער קצב גיט זיי, אַלץ נאָך נישט גענוג!
גיט ער איינער לעבער, לונג,
שרייט זי: ניין — זי וויל גאָר צונג!
איינער
גיט ער פֿון דער ריפּ אַ פֿיידע — שרייט זי: גאָלע ביינער!
און אַז ביינער וואָס? מע קען דערמיט זיך סמען?
איי, ווי גיט דאָס אים דער קצב! ביינער האָבן אַלע טעמען!
אָבער יאַטקע־ווייבער אויך אומשטיינס־געזאָגט מיר דאַמען!
ווייסן צו פֿאַרדריי'ן אַ קאָפּ רב חיי'מען, ינעם כאַטש גיב זיי אַ
מאַיאָנטעק!
און ווי זאָגט דער קצב: טוביה יחטאָ זונטיק מאָנטיק —
טויבע זינדיקט זונטיק, מאָנטיק הייסט דער שלעכטער טאָג!
און צו וועמעס קאָפּ די קלאָג?
פּרעגט דעם שטעקן! אויף דער קאַץ אין כעס ער —

אויפֿן הונט ־די ברוגז־טענות!
און פֿאַרוואָס? ווײַל עיקר פֿעלט — אינטעליגענץ!
ווו־זשע, נו, געפֿינט מען דאָס? בײַם הונט? בײַם חזיר?
צי גאָר בײַ דער ;קאַץ, אַ פֿײַער זוכט זי? פֿלאָם פֿון שטרוי!..
ווי ער גייט, דער הונט, און טראַכט אַזוי —
ערשט, סע קומט־אַקעגן אים אַ כאָפּטע גענדז,
ריינע, ווייסע, קלאָרע, שלאַנקע —
אָט דאָס הייסט אינטעליגענץ!
זאָגן זיי: „גוט מאָרגן!" ענטפֿערט ער: „איך דאַנקע".
פֿרעגן זיי אים, וואָס ער מאַכט,
ענטפֿערט ער: „וואָס זאָל מען מאַכן? בע, מע שמאַכט.
וויסן זי, אַ שווערע זאַך פּרנסה —
זיבן כּלבֿים אויף איין ביין!"
פֿרעגן זיי, וואָס טויג אים ביינער — בעסער פּראָסע!
זאָגט ער: „גייט שוין, גייט! וואָס רעדט איר? איר זאָלט נישט פֿאַרשטיין?
קײַען פּראָסע גלײַך ווי קײַען האָלץ, צי ערד..."
קוקן־איבער זיך די גענדז: „איר הערט?
גאַנץ גענוג געפּלוידערט! לאָמיר גיין!"
און דער הונט, ער קוקט זיי נאָך, באַדויערט די גענדז:
„וויסן נישט דעם טעם פֿון ביינער! אָרימע אינטעליגענץ!"

צוויי חכמים

צו דער ציג
אין אַ שמוס געזאָגט אַמאָל אַ ביק:
— ס׳אַ סוד! געהערט איך קינדווײַז פון מײַן מאַמען!
דיר דערצייל איך עס: פאַראַן אַ ביינדעלע אַזאַ מין,
וואָס מע רופט עס „טשייכל״
אָדער „שכל״ —
און באַוויַיזטו נאָר דאָס ביינדעלע אַראָפּצושלינגען,
איז באַקומסטו פליגל, הייבסט־אָן זינגען!
— טאַקע? — יאָ, נו, דאָס געזאָגט מײַן מאַמע, זכותה יגן!
— און דאָס ביינדל וווּ? — בײַם סאָלאָוויי אין מאָגן.
— הייסט עס, אַז דו ווילסט דאָס ביינדל פון געזאַנגען,
מוזטו דאָך דעם סאָלאָוויי פרי׳ר פאַנגען!
— האַ־האַ־האָ! צעקײַט די זאַנגען!
— און דאָס פייגעלע צו פאַנגען מוז מען פליגל האָבן?
— איך מיין אויך דאָס, פליגל. נישט קיין נפקא־מינה, שוואַרצע ווי בײַ ראָבן
אָדער ווײַסע ווי בײַ טויבן, צי אפילו רויטע...
— ווו־זשע נעמט מען פליגל? — גיי רעד מיט אַ שוטה!
הערסט דאָך, שלינגסט־אַראָפּ דאָס ביינדעלע, באַקומסטו פליגל!
— און דאָס ביינדעלע? — אַ ציג, אַ ציג, און גאָר פון ליים אַ ציגל!
הערסט נישט וואָס מע רעדט — בײַם סאָלאָוויי אין מאָגן!
— ע, מע... הייסט עס... וואָס געוואָלט איך זאָגן...
לאָזט אײַך דינען נאָר אַ ווײַלע...
— הייסט עס, שמאַכעט ביק, ביסט אַ חכמתטע בלילה!
פאָלג מיך, מיט אַ שוואַכן קעפּל שטופּ דיך נישט צו גרויסן —
נישט איעדער, וואָס האָט הערנער, קען זיך שטויסן!

דאָס זעלצערל

זע: דער טיש הרחבהדיק געגרייט,
אָן אַ קנייטש דאָס טישטעך ליגט פֿאַרשפּרייט,
הכּל־בכּל אויסגעשטעלט, אי דאָס אי יענץ,
גאָפּל־לעפּל, טעלער, אַ קרישטאָלענער קרעדענץ,
און די גוטע־ברידערלעך די דריַי (איך מיין עס
פֿלעשלעך דריַי, וואָס שטייען זיך אין שכנות —
בראָנפֿן, רויטער וויַין און וואַסער,
און זיי רעדן צו די גלעזער־גלעזלעך אויפֿן ווינק);
אָט איז אויך דאָס זעלצערל (אַ ממזרל! אַ פֿונק!)
און דאָס קנאַקניסל (אָן ציין אַ בייַסער)
און דאָס זילבערמעסער מיט דער שאַרפֿער צונג
(דאַרף קיין שליַיפֿער זיך נישט זוכן) —
הכּל מוכן,
אַלץ שוין פֿאַרטיק צו דער סעודה,
נאָר נישט פֿאַרטיק נאָך רב יודע —
ער פֿאַרנומען איז געשעפֿטלעך
(פֿאַרן עסן טרעטן־צו געשעפֿטן עפּטלעך).
וואָס־זשע זאָל דערוויַיל דער עולם טון דאָ אויפֿן טיש?
האַלט מען אונטער זיך, פֿאַרשטייט זיך, מיט אַ שמועס.
— אַך, ווען גאָט זאָל געבן אונדז נחמות און ישועות
(זאָגט דער וויַין), ווען זינגען זאָלן פֿיש
און במקום שאין איש
טאַנצן זאָל אַ קניש,
וואָלט געווען שוין איינמאָל אַ לחיים!
— מיגלעך! (זאָגט דער בראָנפֿן) נישט געהערט דערפֿון —
ווען דער בורא פּרי הגפן זיך צעהוליעט אין מצרים,
איז דער ים געוואָרן משקה, אויסגעזשליאָקעט אים די זון,

און די בערג געטאַנצט, געטופּעט ווי די ציגלעך.
נישט געזאָרגט, בײַ גאָט איז אַלדינגס מיגלעך!
— יאָ, בײַ גאָט איז אַלדינגס מילכיק!
פֿי, אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם הילכיק
און אַ בלינדער שכור ווערט אַ טרעפֿער!
(שיט דאָס זעלצערל מיט זאַלין און פֿעפֿער.)
— ממזר! אפּיקורס! (טאַנצט אַ פֿלאַכער טעלער אונטער.)
לעפֿל קלינגען בייז און גאָפּלען קריצן מיט די ציין:
— הולטײַ! ווער דערהרגעט! זאָל דערשלאָגן דיך אַ שטיין!
ווײַ, דער שוואַרצער פֿעפֿער רעדט אויף אים, די קליפּה — האַווקעט ווי אַ הונט ער!
— וואָס-זשע טוט ער אויפֿן טיש גאָר? זאָל ער גיין אַרונטער!
— זאָל ער גיין אַהינצו וווּ דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט!
— קנאַקניסל, וואָס שווײַגסטו? נעם אים!
קלעם אים!
קענסט דאָך, אַז דו קנאַקסט!
— קענען קען איך, זאָגט דאָס קנאַקניסל, דאָס ווייסן אַלע טישן;
אָבער, האָט נישט קיין פֿאַריבל, איך זיך פֿײַנט צו מישן —
סײַדן אַז איך מוז, איך בין געצוווּנגען, ס׳איז נישטאָ קיין ברירה.
— נו, וואָס זאָגט איר, ווי געפֿעלט אײַך אונדזער קנאַקער?
(רויטער ווײַן זיך אַ צעפֿלאַקער)
פֿײַנט צו מישן זיך! פֿאַרוואָס? די ציינדלעך אַן עבירה?
שעם זיך פֿאַרן טיש און פֿאַר די ווענט!
— ווערט פֿאַרשטומט שוין! (האַקט זיי אָפּ דאָס מעסער)
מער מע שווײַגט זיי, אַלץ דער טומל גרעסער!
לעפֿל-גאָפּל זיך צעקלונגען! טעלער לעקער וואָס איר זענט!
און איר אויכעט, פֿײַנע בריות, פֿלעשלעך ווײַן —
שעמט זיך אין אײַ׳ר טיפֿן האַלדז אַרײַן!
— ווער? מיר?!
— איר!
מאַכט זיך נאָר נישט תמעוואַטע!
אײַער משקה ווינקט צו גאָט און איז גאָר אַ געשמדטע!

חצי מים, חצי יין —
און מע נעמט זיך אויף מײַן זעלצערל גאָר שרײַען?
זאָל מען ווייסן: שקר שמדט זיך און ער נעמט זיך אָן פֿאַר זײַן
באַשעפּער —
אמת גיט זײַן גאָט אַליין צו שמעקן פֿעפֿער!

דער ויברח פונעם אייזל

שאַט נאַר, שאַטס —
עפּעס רעדט דאָס אייזל מיט דער קאַץ:
„זײַ געזונט מיר! מאָרגן, בלי־נדר,
איידער
פון די שוואַרצע שטאַלן די פאַרכמאַרעטע
פאַרט־אַרוים די רויטע קאַרעטע
מיט די ווײַסע אייזלעך,
וואָס זיי קײַען נישט קיין גרעזלעך,
נאַר זיי שלינגען שטערן —
וועסטו הערן,
איך בין שוין אַוועקגעפאָרן.
זײַ געזונט אויף לאַנגע יאָרן!
וועסט נישט בענקען, חיה־עטל?"
„פרעג נישט, סע וועט זיין אַ לאָך אין שטעטל!
כ׳וועל מיר אויסוויינען דאָס דריטע אויג!
אפשר מעג איך וויסן, אויב ס׳איז נישט קיין סוד,
וואָס סע טרײַבט דיך, ליבינקער, צו נע־ונד?
וואָס איז עפּעס פּלוצים גאָר? וואָס טויג
נעמען מיטאַמאָל אי זיך אי פריינד צעברעכן?
נו, באַרעכן:
עסן־טרינקען האָסטו,
וויל און טײַער די באַלבאָסטע,
זים ווי פּוטער,
און רב מאָטל דער באַלבאָס, זאָל לעבן, אויך אַ גוטער —"
„ווי פאַר וועמען — גראָד פאַר מיר אַ שלעכטער!"
זאָגט דאָס אייזל און סע גריבלט מיט דער קאָפּעטע דער רעכטער
„זאָג אַליין: פון מײַן געבוירן
איך געטרײַ אים פון די קנעכל ביז שפּיץ־אויערן,

רו נישט, אַרבעט פֿאַר צען רוחות,
און קײַן האַניק, ווייסטו, גיט ער מיר נישט לעקן,
נישט איך זון׳ עם —
בע, געגוג פֿאַר מיר אַביסל שטרוי.
אָבער יאָ, פֿאַרוואָס־זשע זאָל נאָך זײַן אַזוי,
אַז צעברעכן גלוסט זיך מײַן באַלבאָס דעם שטעקן,
ברעכט ער אים גאָר איבער מיר?
נישט פֿאַר דיר געזאָגט געוואָרן, נישט פֿאַר דיר —
דו וואָלסט דאָס נישט אויסגעהאַלטן! און וואָס נאָך:
קאַרג אים, וואָס ער שינדט די פֿעל — ער מאַכט מיר נאָך אין
הארץ אַ לאָך!
ער באַליידיקט מיך, ער זידלט: „אָקסנקאָפּ!
לאָקשנטאָפּ!
לעקיש! פֿעטעך!
עט, איך
וויל דאָס גאָר נישט נאָכזאָגן. נישט גוט —
ער פֿאַרצאַפּט מיר, נישט צו דיר געדעדט, דאָס בלוט,
עקט די יאָר — ״
„זאָג איך טאַקע, פֿאָר!״
„זײַ געזונט־זשע!״ „פֿאָר געזונט!״
„גרים דעם הונט!״
און וואָס מיינט איר, נישט געהאַלטן וואָרט? געהאַלטן!
מאָרגן, אָקערשט דורך די שפּאַלטן
פֿון דער שטאַל אַ שפּראָץ דער טאָג —
ס׳אייזל פֿונעם שלאָף אַ הייב, אַ טראָג,
גלײַך ווי עמיץ ראַפּטעם אים בײַם עק אַ ריס
און אַ שטעל אים אויף די פֿיס
(כאָטש דער שלאָף נאָך אַזוי זיס).
איצט שוין גאַנצע דריי שעה צייט,
אַז דאָס אייזל טראָגט זיך, שפּאַנט זיך ערגעץ ווײַט,
אויף׳ די ווײַסע, ברייטע שליאַכן,
און סע טראַכט פֿון מאָדנע זאַכן:

„בלעמס אייזל האָט גערעדט אויף זיבן שפּראַכן...
אויף אַן אייזל קומען וועט משיח,
צוועקעס וועלן בליען, שטיינער וועלן לאַכן —
אפשר. טאַקע איך משיחס אייזל?.. אי־עך? אי־עך!!"
און אַ הירזשעדיקע פרייד וואַקסט הויך און העכער. —
און דער שטעקן־ברעכער,
דער באַלבאָס רב מאָטל —
ער ווו איז ער? ווו זאָל זײַן ער? אויפן זאָטל!

אַמנון און תמר

ער און זי,
חתן־כּלה מײַזעלעך, גאַנץ פּרי
אויף שפּאַציר געלאָזט זיך — גראָד די קאַץ אין קימפּעט איז געליגן,
נו איז ווי־זשע זאָגט מען זיך דאָס אָפּ פון פאַרגעניגן
און מע מאַכט נישט קיין פרימאָרגנדיק שפּאַצירל?
דרייען זיי זיך שטיל צווישן פּעסעלע און טירל,
און מע שפּיצט די אױ׳רלעך, און מע לויערט נאָך אַ מינדסטן שאָרך.
פלוצים, האָרך —
ערגעצוואו אַ שפּיל קעסטל, אַ שברי־כּלי, אַ צעקראַכנס,
הייזעריק סע דרייט אַ גאַסן לידל אַ צעבראָכנס.
„שטילער!" שעפּטשעט איינס צום צווייטן, „שרײַ נישט!"
און דאָס פּאָרל שטעלט זיך אָפּעט, הערט זיך אײַנעט.
(מײַזלעך, דאַרפט איר וויסן, זענען מוזיקאַליש.)
„אוי, איך שטאַרב! איך חלש!
נישט קיין שפּילן דאָס — אַ קאַצניאַמער!.."
ער, דאָס התנדל, וויל שרײַען. און פאַרוואָס־זשע נישט געשריגן?
איר צוליב, צוליב זײַן כּלהשי, זיין תמר.
„מילא", טראַכט ער, „נו, געפעלט מיר נישט דער ניגון,
אָבער איר, מיר דאַכט, צום האַרץ — זאָל זײַן צו פאַרגעניגן!
זאָל איר וווּל באַקומען!
אמת, נישט קיין מבינטע — דערויף אַ פּרוויענצימער!
און וואָס ערגער, שלימער —
ס׳קען דאָך אין איר הערצעלע אַ חוזקל שטיל ברומען:
ער דערשראָקן זיך, מיין גבור — פליגן זשומען!
פליטה וויל ער מאַכן — איז אַן אומחן אויפן שפּילן!"
שווײַגט ער און דערשטיקט אין זיך די גרינע־גאַל־געפילן. —
און די כּלהשי? זי — מויל און אױ׳רן אָפן,

און די אייגלעך רעדן: סאַראַ תּענוג! סאַראַ פרייד ס׳איז!...
גלייבט נישט! אוי, וואָלט זי ׳די פּיסלעך אויף די פּלייצעס
און אַהיים, אַהיים געלאָפן!
און נאָך וואָס די חנדלעך?
אים צוליב, צוליב איר אמנון — ביידע אויסגעגעסן זיך די ציינדלעך
אויפן „אהבת ציון״ פון רב מאַפּו...
„מילא, מיר געפעלט נישט״, טראַכט זי, „איך אַ מבינטע אַ קנאַפּע —
קיין געפיל נישט, קיין געהער;
אָבער ער —
זאָל ער שעפּן נחת!״
און גיי טו עפּעס און בעסער מאַך עס,
אַז צוליב איז אָפּטמאָל ערגער׳ ווי להכעיס!

דער טעלער

אַ ציגײַנערטע אַ צירקוס מײדל,
אין אַ װײַסן קלײדל,
מיט אַ זילבערטעלער אױפֿן קאָפּ,
און דער שװאַרצגעדיכטער צאָפּ
װילד צעפּלאָסן און צעלאָזן —
אָט אַזױ־אָ קומט־אַרױס די נאַכט אױף שטילע גראָזן.
און אָט בלײַבט זי שטײן אין לײַבקאָליר אין ראָזן.
קומט צו פֿלי׳ן אַ שפּין
און צװישן ערד און הימל לאַנג און דין
ציט זי אױס אַ פֿאָדעם,
לאָזט זיך גײן אױף אים די נאַכט — פּחדים
און דער זילבערטעלער אױף איר קאָפּ
פֿאַלט, חלילה, נישט אַראָפּ.
שײן?
קומען אָבער הינט צו גײן
און זײ נעמען בילן:
— קאָפּ אין דר׳ערד! די קונצן נאָך װאָס טױגן?
— װאַרפֿט אַ קאָץ איר אין די אױגן!
— גיט איר קײַען שטרױ מיט גרילן!
— װאָס־זשע װילט איר, הינט? — מיר װילן,
ליכטיקער זאָל װערן, העלער —
לאָמיר זען, װאָס איז אין טעלער!

רב מייזל-מיזל

ס'איז באַקאַנט:
ערגעץ אין אַ לאַנד,
פּונקט אינמיטן מאַרק,
זיבן יאָר צו קינד געגאַנגען איז אַ באַרג;
זיבן יאָר געקרעכצט ווי טויזנט נישט געשמירטע אַקסן
און פאַרטייבט אַ וועלט די אויער'ן —
און לסוף אַ מײַזעלע געבוירן.
איז דאָס מײַזעלע געוואַקסן און געוואַקסן,
ביז געוואָרן פונעם מײַזעלע אַ מויז.
גרויס,
נישט, פאַרשטייט זיך, ווי אַ באַרג,
נישט אפילו ווי אַ בערגל,
נאָר אַ מויז געזונט און שטאַרק —
צווישן בערגעלעך אַ צווערגל,
צווישן מײַזעלעך אַ ריז.
און געהייסן האָט עס מײַזל-מיזל.
אַלע מײַז געציטערט פאַר דעם ריזל.
און אַז מײַזל-מיזל טוט אַ ניס
ניסן מיט אים אַלע מײַז איניינעם;
הוסט ער — טראָגט אים יעדער אונטער גלײַך אַ גאָגל-מאָגל.
ווויל צו דעם, וואָס צווישן מײַז אַ גוג-מגוגל!
זעט מען פונדערווייטנס גיין אים —
אונטער אויער'ל מיטן עקל בלײַבן שטיין זקנים.
קומט אויף אַן אַסיפה — ביזקל
מײַזל-מיזל עפנט נישט דאָס פּיסקל,
קיינער נישט קיין ריר און נישט קיין פּיפּס,
גלײַך ווי אַלע טיזלעקלעך פון גיפּס.
אויף אַ חתונה, אַ בריתל —

אים דאָס בעסטע ניסל,
אָדער
אַלע עסן שאָלעכץ, ער די יאָדער.
אָבער יאָדערעס יאָק יאָדערעס — רב מײַזל־מיזל,
ווי געוועגלעך יעדער ראש־הקהל, האָט זיך אַ קאַפּריזל:
פֿאַרן שלאָפֿן ליב אַ קוק צו טון אין „מעבר־יבוק"
און צו שמעקן טאַבעק.
טאַבעק מוז אים זײַן, כאָטש דונערט, בליצט און האָגלט;
נישט — דער שלאָף פֿאַרוואָגלט.
ווו־זשע איז דער טאַבעק? אין דער טאַבאַקערקע.
און די טאַבאַקערקע — האָט דער אַלטיטשקער רב בערקע.
און רב בערקע, דווקא, איז אַ ייִד אַ צאַצקע:
אַז ער לייגט זיך שלאָפֿן,
אויפֿן טיש די טאַבאַקערקע לאָזט ער אָפֿן,
און כל דכפֿין — שמעק דיר, פּאַצקע
דיר דאָס נעזעלע, די וואַנצעלעך...
צו געזונט... און זאָלן זיך דיר חלומען
גרינגע, זיסע שמאַנצעלעך
פֿון געמאַרענירטע קעז־און־פּוטער־קעצלעך און פֿון שלום און —
פּצי! אַפּצי! האַפּצי!
וואָלט דאָך זיס געווען דאָס לעבן, אַ צוקערקע —
דאַרף זיך טרעפֿן, אַז רב בערקע
פֿאַרט־אַוועק און נעמט זיך מיט די טאַבאַקערקע;
נישט רב בערקע, נישט די טאַבאַקערקע,ביידע נישטאָ הי —
צוויי און דרײַ און פֿיר מעת־לעת.
און רב מײַזל־מיזל דרייט זיך אום אַ מת —
נישט ער שלאָפֿט, נישט ער נעמט אין מויל אַרײַן אַ ביסן.
אַז ער חלשט, אַז ער וויל און קען נישט ניסן!
ס'איז אַן אומגליק, זאָלט איר טאַקע וויסן:
אויף שפּיץ־שפּיצל
פֿונעם נעזל זיצט אַ קיצל,
פּונקט ווי אויף שפּיץ־צינגל פֿון אַ לין — אַ חוזקל, אַ וויצל...

אָט־אָ שפּרינגט אַראָפּ עס! אָט־אָ —
ניין, סע האַלט נאָך נישט דערבײַ לעת־עתה,
עפּעס פּעלט דערצו, אַ פּיצעלע, אַ פּינטעלע, אוי־אוי —
חולם נאָז נוי,
גוט אַזוי און רעכט אַזוי,
נאָז איז דאָ — נו ווו־זשע איז דער חולם?...
זעצט רב מײַזל־מיזל זיך אַנידער,
קעגן אים דער גאַנצער עולם,
און מע ציטערט און מע וואַרפט מיט אַלע גלידער,
און מע טרייסלט און מע הייבט די פּיסלעך —
אָט־אָ גיסן טויזנט גיסלעך
זיך צונויף אינײנעם אין איין גרויסן נים,
אָט־אָ קומט זי, די דערלייזונג, אָט־אָ קומט דער גרויסער שים,
אָט־אָ ליכטיק אין די אויגן, אָט־אָט־אָ גייט אויף די זון —
און???

רעדער

ציט אַ וואָגן מיט פיר סקריפּענדיקע רעדער — אַ מוזיק.
אויפן וואָגן חברה קלעזמער — אויף אַ חתונה,
צי, מיר דאַכט זיך, פון דער חתונה צוריק.
פֿאָרן, פֿאָרן קלעזמערלעך געלאַסענע,
ס׳יאָגט אַ ווינטעלע אויף זיי אַ שלאָף —
אָפּגעשפּילט אַ נאַכט דעם רב
און דעם בעדער,
זאָלן שפּילן איצט די רעדער.
פֿאָרט מען, ביז מע קומט צום וועלדל. שטעלט מען זיך דאָרט אָפּ,
חברה קריכט אַראָפּ,
פֿערדלעך לאָזט מען פּאַסען, און דער עולם, ווי סע פֿירט זיך,
דער געלייגט זיך, דער געזעצט זיך, דער שפּאַצירט זיך.
און רב יעקב־עליע,
ער, דער ראש פֿון דער קאַפּעליע,
נעבן וואָגן זיך געזעסן און געטענהט
מיטן בעל־עגלה, און זײַן פֿידל גראָד
ער געלייגט בײַם וואָגן, האַרט בײַם ראָד.
רעדט דאָס ראָד צום פֿידעלע — פּאַר אַ בעלנות הערט זיך אײַנעט:
„הערסטו", זאָגט עס, „ברודערקע — (איך מיין,
דו וועסט מיך פֿאַרשטיין,
נאָר דו איינער — נישט אַזוי פֿאַרשטיין ווי פֿילן)
הײַנט אַ וועלט אַ פֿאַלשע, ברודער, אַ געניאַרטע —
פּויקן, טרובעס, טאַצן גיב זיי, דזשומדזשע ווי די מילן!
איך האָב פֿײַנט דאָס לײדיק־פּעסלדיקע, ליאַרעמדיקע שפּילן —
ליב האָב איך דאָס ווייכע, צאַרטע,
וואָס סע בעט זיך, גלעט,
וואָס גייט איבער אויפֿן בײַ־קול און פֿאַרפֿאָרט העט־העט...
זאָג, געהערט מײַן זיפֿצעלע, מײַן קרעכצעלע?

הײַנט מײַן איבערקאַטשען זיך, דאָס יעבצעלע —
קונציק, האַ? נאָר וואָס... אַ שטיקעלע חסרון —
(עך, נישטאָ קײַן מזל, דאַרף מען נישט קײַן יאָרן!)
ווער פאַרשטייט מיך און וואָס האָב איך פאַר אַ ווערט?
אַז איך שפּיל פאַר פערד!
פון דער שקאַפּע אָפּגערעדט, אַ גאָלע גאָרנישט —
שפּיל איך, זי גאָר ברוגז וואָס איך פאָר נישט.
און דער קאַשטן —
גאָר אַ גאַנצער ווערטל־זאָגער, קליגערט זיך: „וואָס רעשט'ן?
אַז אין העלדזל טריקנט, מיט אַביסל פאַקרע וואַשט'ן!"
מוחל! עט, אַ פערד בלײַבט פערד, איך זוך בײַ אים קײַן כיבוד.
ס'אַרט מיך נאָר — סע גייט דאָך מײַן טאַלאַנט לאיבוד!"
„זאָל ער!" זאָגט דאָס פידעלע גלײַכגילטיק, „קײַן סכנות!"
(ע, נישט איידל!)
אָבער נישט געפאַלן איז בײַ זיך דאָס רעדל,
„נאַריש!" זאָגט עס, „פרעגט נאָכוואָס געטון עס —
בײַ אַ קאָנקורענט געזוכט רחמנות!"

פליגן

מיר דאָס מעשהלע דערציילט אַ גרויסער שקרן
און אַליין געזאָגט: איך זאָג אַ ליגן.
איז אַ סימן, ס׳איז אַן אמת. — ביי די פליגן
גאָר אַ ווילדער קאָפּ באַוויזן זיך, אַ חקרן —
אויסגעפונען ער, אַן ליבע האָט דאָס לעבן נישט קיין זין
און אַ פליג מוז ליב האָבן אפילו אויך די שפין.
מיט זיין אייג׳נעם שכל ער דערצו דערגאַנגען. און אַ הויך
זיך דערגרונטעוועט צום שורש, וואָס פון אים די צרות גרינען:
פליגן טרייבט מען נישט אומזיסט, חלילה, זיי פאַרדינען.
אַז מע פליט-אום בטל! אַז מע ברענגט קיין נוץ!
אָט, ווען פליגן מאַכן האָניק ווי די בינען,
דעמלט, דעמלט —
און אַ נחתל אין הכמס אייגעלעך זיך פלעמלט.
נישט געוואַרט און דורכן פליגל „מיקל-שיקל"
ער צעשיקט אַ רוף אין ווי אַ געסל, ווי אַ ליקל,
אין די הויכע פּאַלעצן ווי אין די הייזעלעך די קליינע,
אין די שמוציקע ווי אין די ריינע-שיינע:
„מירטשעם פסח שני
אין אַלטן ביקור-חולים
אַן אסיפה. ווער סע קומט, אַז וויל אים!"
און דער אויפרוף אַ געשריי אין מדבר נישט געבליבן.
אַקוראַט צום טאָג אין הקדש זיך צונויפגעקליבן
מחנות זשומענדיקע, שוואַרצע.
דאָרט אין קיך דער חכם אָפּגעוואַרט זיי
און אַרוים מיט אַ געטאָקטער וויין-פאַרבראָקטער רעדע.
קוים געענדיקט, זיך צעוויגט די שוואַרצע עדה —
אַ געזשומעריי:
— האָניק מאַכן? יאָ, כדאַי!

— גרינג צו זאָגן: מאַכן... פרעגט, פון וואָס?
— ווייסט נישט? האָניק מאַכט מען דאָך פון גראָז!
— ניין, פון רויזן און פון אינדיקזאָמען!
— זאָל די שפין זיך אַזוי וויסן פונעם נאָמען!
האָניק מאַכט מען גאָר פון טרויבן! דאָס דער עיקר!
— יאָ, יאָ, טרויבן! טרויבנזאַפט פאַרטרייַבט דעם אומעט!
— ז־ז־זאָל גאָט היטן (זיך אַ היקעוואַטע פליג צעזשומעט)
טרויבנז־ז־אַפט מאַכט ש־ש־שיכור!
— פון וואָס דען־זשע? זאָג־זשע! בעבע!
— פ־פ־פון קעבעבעבע!
— טו אַ קוק! אַ היקעוואַטער רבי!
— עז־ז־זות־פּנים! ממז־ז־זר!...
און געווען איז דאָרט דאָס פליגעלע פון טיטום
(ס׳האָט אַ פּיסקעלע פון קופּער און מיט שטעכווערטעלעך שיט עס),
ליגט עס פּאַר: היות דער חכם זים גערעדט, באַטעמט זיי׳ר,
זאָל מען מאַכן האָניק פונעם חכמס זיסע ווערטער.
— שטילער, שטילער, זעצט זיך אויסעט אויף די ערטער!
— שרייַט נישט „שטילער”, וועט שוין שטילער זייַן ממילא!
— אוי, פאַרפאַלענע! אַ פאָלק פון גנבה־גזלה! — —
און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג אַ הסכם ערשט געבליבן,
אויף די הקדש־ווענט מיט פליגן־כתב פאַרשריבן:
„יאָר בייַ יאָר אסיפות צוויי פון פליגן פרומע, ווילע,
חוץ דעם אַן אסיפה גדולה
איינמאָל אין אַ שמיטה,
אויב נישט מיגלעך זייַן אין פּוילן, איז אין ליטע —
ביז געפינען וועט מען סוף־כל־סוף
גאָר דעם בעסטן האָניק־שטאָף.”
און פון דעמלט — קומט דער זומער,
הייבט זיך אָנעט מיט זשום־זשום ער:
פליגן זשומען, פליגן רעשן,
און מע האַלט זיך מיט די הינטערפיסלעך אין איין וואַשן —

שטורעמס אין די פלאַשן —
מע אסיפּהט און מע פּליט אַהער, אַהין, —
נו, און האָניק? גייט, זײַט מוחל, צו דער בין!

דער פּלי־פּיש

אַזוי ווי בײַ מענטשן, אַזוי אויך בײַ פּיש און בײַ חיות און עופות,
איז אויבעט אין וואַסער פּאַראַן אַ בעל־שם, אַ בעל־מופת —
דער פּלי־פּיש. דערמאָנט ער אין ריינקײַט דעם הייליקן שם,
און מיט די פּליס־פּעדערלעך פּעסטער אַ נעם,
און הייבט זיך אויף העכער צען טפחים פון וואַסער צום הימל אַרויף,
און טובלט זיך דאָרט אין אין־סוף,
און קומט זיך צוריק צו די פּיש,
און טובלט אין ים זיך, און פּראַוועט אַ טיש,
און זאָגט פּאַר די קאַרפּן־קעפּ תורה:
„אײַ, בורא מאורי
האש!
וואָס ווייס'מיר, וואָס זענען מיר — וואַסער און פליישׁ!
און בלינדע מיר גראָבן אין אָפּגרונטן ליִבער!
נאָר אָבער, אַז טוסט אַ טו־אויס זיך פון זינדיקן בויך, —
פון גאַנצן דעם גשמיות אויך,
און הייבסט זיך אויף העכער פון העכער —
פּאַראַנען מדרגות נאָך העכער פון הויך! —
נישטאָ דאָרט קײַן וואַסער, נאָר עפּעס אַ גאָרנישט,
וואָס איז כולו גאָר, און מע טאָר נישט,
מע קען אים נישט געבן קײַן בילד און קײַן נאָמען —
אַ נייַן, וואָס איז מערער פון יאָ, אַ „מסתם כל מסתמין”:
דו פּליסט דיר אַרום דאָרט אין ליכטיקער וואַרעמקײַט
און ציטערסט אין זיסער דערבאַרעמקײַט —
אַ גאָטס אַ רחמנות!
און זעסט אונטער דיר דעם שטאָק־חושך, וואָס הילט דעם אוקינוס,
און זעסט ווי נשמהלעך, דרייענדיק רינגען,
זיך באָדן אין גלאַנציקן נחת און זינגען

געזאַנגען זיס־זיסע,
און הייבן די פליגעלעך העכער צום כסא
פון לבנת־הספיר,
וואָס אַלע די פּערל פון ים
פון אים נישט אפילו קיין אָפּגלאַנץ קיין קנאַפּער!
און אָמן ואָמן — אַזוי דאָס! אַזוי דאָס! אַזוי דאָס!״
און ס׳הערן זיך אײַן מיט אַ דבקות די פיש אין די סודות,
און ס׳נעמט זיי אַרומעט אַ וואַרעמער שטראָם,
וואָס גלײַך ווי פון האַרץ פונעם ים ציט,
און שטיל שטיל אַ ניגונדל פישיש מע באָמצעט —
סע פלאַטערן בולבעלעך גרינגלעך אַרום זיי׳רע ליפּלעך,
די פרומע מיט תמימות פאַרזיגלטע קניפּלעך...
און איינער אַ פיש אַ היינטוועלטיקער דאָרט,
וואָס גלייבט אין דרײַ זאַכן נאָר: ווערעמלעך, ליבע און ספּאָרט —
ער הידושט זיך, הוזקט און לצט:
„די פינצטערע קרעפּטן, זיי ווירקן נאָך יעצט?!
אַז צוויי מאָל צוויי פיר שוין באַרעכנט די פיש־מאַטעמאַטיקער —
און נאָך עקזיסטירן פאַנאַטיקער!״

חי געלעבט

ווער רעדט?
צאַפּעס צוויי. מע רעדט, מע מעלה-גרהט!
— מע־ע! מה אָנו מה חיינו?
נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך, נאָך איינע און נאָך איינע,
נאָך אַ צווייטע, נאָך אַ דריטע —
און דערנאָך וואָס? סוף בהמה — צו דער שחיטה!
— בע?
שחיטה — מילא!... מע!
ס'איז אַ גורל —
מ'איז געגאַנגען און מע וועט ערשט גיין דורכן טוי'רל.
אינדערוויַיל וואָס מיינסטו טוט מען, וואָס?
אַז מע לעבט, איז לעבט מען און מע קײַעט גראָז.
— גראָז? מיט גראָז פאַרשטעקט מען אַלע לעכער?
— איז דיר ווייניק, שפּרינגט מען העכער,
און מע צופּט, מע קײַעט שטרוי פון דעכער!
קייען, ברודער, איז נישט הבל!
עי, וועל
איך באַלד שפּרינגען און וועל צופּן און וועל רײַסן, רײַסן!
— און מע וועט דיך כאַפּן! און מע וועט דיך שמײַסן!
שמײַסן? בע! אַזוי אָדער אַזוי,
איינמאָל לעבט מען — קײַ־זשע שטרוי!

צווײ אײזלעך

— גוט מאָרגן, רב אײזל! — גוט מאָרגן, גוט יאָר!
— װאָס הערט זיך עפּעס גוטס?
— עט, בע... נישט גאָר!
געמײנט, כ׳װעל עפּעס אױפטון, ברענגען נוץ
פֿאַר זיך און פֿאַר דער װעלט,
איך װעל צעאַקערן דאָס פעלד
פֿון אונדזער װיסנשאַפט —
אַז הפקר! אַז סע הערשט אַזאַ צעריסנשאַפט!
זאָגט דער אַזױ און נאָר אַזױ,
איז קומט דער אַנדערער און זאָגט קאַפּויר.
און בײג דיך צו, איך װעל דיר זאָגן אױפן אױ׳ר:
זאָל גאָט זײ מוחל זײַן, זײ קײַען אַלע שטרױ!
אַז מע רעדט זיך אײַן דער װעלט אַרײַן, השערהלעך,
בױך־סבֿראלעך,
מע שפּינט, מע דרײדלט און מע דראָטלט!
איך װאָלט זיך ערשט אַ נעם געטון, זיך אָנגעזאָטלט,
איך װאָלט אַרױסגעלאָזט אַ ספר „אבן־אזל" —
דער ערשטער חלק װעגן בלעמס אײזל,
און פעסטגעשטעלט, װי צװעקעלעך אין דער פּידקאָװע,
דאָס אײזל װיפֿל טעג געפּאַסט, און אױפגעפּאַסט נאָר מיט פּאָלאָװע,
און װיפֿל ס׳האָט געהאַט אין װײדל האָר,
און װען געבױרן, װען געשטאָרבן — ס׳יאָר,
דעם טאָג, דעם חודש,
אַפילו אױך די שעה —
עד היום װעגן דעם קײַן ריכטיקע ידיעות נאָך נישטאָ.
און אַז גערעדט יענץ אײזל לשון־קודש,
איז מוז מען װיסן אױף װאָס פֿאַר אַ הברה —
װאָליניש, אשכנזיש, אָדער ספרדיש מיטן פּתח;

בײַ מיר איז דאָס אַ זאַך אַ קלאָרע,
אַז בלעמס אײזל נאָר גערעדט אויף ספרדיש — אשכנזיש האָט
איך!

דערנאָך דער צװײטער חלק —
הײליק!
כ'רעד דאָרט װעגן אײזל פֿון ר' פּנחס
בן יאיר:
װי אין מדבר װאַסער פּרישם געפֿין איך עס,
אַז יענער צדיק נישט געװען קײן װײַסער, נאָר אַ גראָער.
דערנאָך ערשט נאָך און נאָך.
— איז װאָס־זשע שװײַגסטו, ברודער? — אָך, אָך, אָך!
אַז שטענדיק נאָר אין יאָך!
און װאָס אי'?
פּרנסה, זינדיקע פּרנסה! —
דאָ בײדע אײזלעך שטיל אַראָפּגעלאָזט די אױ'רן
און, שאָקלענדיק די מאָרדעס טרױעריק, באַדױ'רן:
צוליב אַ נאַרישקײַט אַזױפֿיל חכמה גײט פֿאַרלױרן!

דער ברוגזער דאַך

כּעס, ווייסן מיר דאָך, איז עבודה זרה;
אָבער מיטן דעכל פון רב שלמהס הײַזעלע אַ צרה —
בייז, סע גייט אַ רויך אַזש פון זײַן נאָז,
פונעם קוימען.
און פאַרוואָס?
טענות האָט עס צו רב שלמהן.
הערט אַ מעשה: שלמהס דעכל
האָט באַקומען ערגעצווו אַ לעכל,
אָדער צוויי, צי אַפילו דרײַ — און אַז פינעף, פופצן, זעכצן.
נו, באַדאַרף מען רופן שוין דאָס דעכל רעשעטע און קרעכצן?
און וואָס ערגער נאָך — דערציילט נישט קיינעם! —
קוים וואָס עפּעס, ווייסעך, אויפן הימל אַ יעריד,
בוידעם, קלאָץ, אַ כמאַרעלע — ווו טרעפט זיך ניט? —
ער אַוועק, ער ליגט שוין איבער בײַ די שכנים!
מעג ער זיך נישט שעמען?...
רעדט זיך אויס דאָס דעכעלע דאָס האַרץ. פאַר וועמען?
פאַר דער טויב, מיר דאַכט זיך.
הערט די טויב, פאַרטראַכט זיך,
און זי זאָגט: „אַ לעכעלע אין דאַך? דאָס מאַכט זיך —
נישט געפערלעך!
און רב שלמהלע? איך קען אים — פרום און ערלעך.
אָבער הער, צו זאָגן דיר איך האָב:
ווילסטו נישט, ער זאָל אַנטלויפן, וויין נישט אויף זײַן קאָפּ!"

דער האַרבסטטאָג און דער זייגער

אפשר ווייסט איר, זאָגט מיר, ברידער,
וואָס דרייט-אום זיך ווי אַ נעכטיקער אַ טאָג אַ מידער
אויף דער גאַס?
האַרבסטיק קויטיק, קראַנק, פּיטשנאַס,
וואָלט ער בעסער אויפגעהאַלטן זיך ווי יענער חכם אין אַ פּאַס,
אָדער ווי אַ דיבוק אין אַ ווייַסן בער פון קאַלטן צפון,
צי גאָר אויף אַ וואָלן כמאַרעלע געלייגט זיך שלאָפן
און ערשט אויפגעשטאַנען מיט די אויגן גלאָצן,
ווען אויף די דאַלאַניעס האָר וועט שפּראָצן —
ניין, ער וויל נאָך לעבן, לעבן וויל ער גאָר!
ציען נאָך אַזוי און ציען כאָטש אַ יאָר,
נאָך אַ יאָר מיט זיך אַזוי די וועלט פאַרגראָען!
און איז ברוגז אויפן זייגער, וואָס ער ציילט אים זייַנע שעהען:
„אין געציילטן'איז די ברכה דאָך נישט שולט —
שוין נישט איין טאָג אונדז דער זייגער אָפּגעקוילעט!
קיינער נישט ווי ער אַזויפיל שעדלעך!
פול מיט שפּיצעלעך און דריידלעך — רעדלעך,
רעדט ער שטיל, זים-אומעטיק, איינטאָניק —
טיק-טאַק, טיק-טאַק, טיק-טאַק, ווי די טראָפּנס האָניק,
ביז סע נעמט דיך שלעפערן און לאָזט-אַראָפּ די ברעמען,
ווייסטו נישט פונוואַנען און פון וועמען,
רוקט זיך אָן אויף דיר אַ שוואַרצע מחנה
און מע כאַפּט דיך, טראָגט דיך צו דער באַבע יאַכנע,
נעמט זי און פאַררוקט דיך אינעם טשאָלנט פון די אַלטע שקראַבעס
פון איר באַבעם באַבעס באַבעס —
בלייַבט די וועלט פאַריתומט, איז דאָס האַרץ דיר שווער,
ווייסטו שוין נישט וועמען צו באַדוי'רן מער,
צי די וועלט, צי זיך אַליין..."

ברומט דער אָסיען-טאָג, פֿאַרלירנדיק אַ טרער.
„הער!״
קלינגט דער זייגער, „אויב די וועלט דײַן עיקר-מיין,
זאָלסטו גיין!
גיין און שוין נישט קומען מער, געדענק!
און למען השם, נישט בענק,
ווײַל נאָך דיר אויך וועט נישט בענקען קיינער!
נאָסע האַרבסט-טעג עסן-אײַן זיך אין די ביינער,
און זיי מיינען
גאָר, די וועלט וועט נאָך זיי וויינען!

דער זאַק

אויפן גאַנצן דרויסן אויסגעצויגן זיך אַ טאָג,
און ער רירט זיך נישט פון אָרט, כאָטש הרגע, שלאָג,
צי אַפילו קוילע!
די ידים אין די ווײַסע העמד-אַרבל די הוילע
ער פאַרוואָרפן זיך צוקאָפן,
און צור באָרוועסשיקסע,
וואָס ביים וואַסער מיטן פראַלניק הילעכדיקע קיש אים שיקט זי,
טוט אַ זאָג ער: „מיר אין קאָפ נישט קלאָפן!״
אויפן שטערן הנדלט זיך אַ ׳שמייכלדיקער טראָפן
צי אַ לאָק פון זײַנע ממזרישע לאָקן.
שטיל ווי גאָרנישט. אין די אוי׳רן קלינגען גלאָקן.
וואַרפט ער, ליגנדיק, אַראָפ די זאָקן —
איין פוס העלפט דעם צווייטן פונעם זאָק זיך צו באַפרײַען.
נעמט דער ווײַסער זאָק צום הימל שרײַען:
„פאָטער, טאַטע!
זע, וואָס בין איך עס ביי אים — אַ נאַסע שמאַטע!
איך —
שעמען זאָל ער אין זײַן גראָבן פינגער זיך! —
מיך די זון מיט גינגאָלד-שפּיסעלעך געשטריקט!
און פון וואָס? פון שטראַלן-קנויל, וואָס גליקט
נאָר דער שטילער נאַכט אין שויס אים אויסצושפּינען
און זײַן נאָמען „שטערן פון באַגינען״!
און דערנאָך אין מילעך פונעם מילכוועג אויסגעוואַשן מיך
פונק-פונק!

ערשט — געפעל איך נישט דעם ווילן-יונג!
טאַ, וואָלט ווי אַ מענטש ער כאָטש זיך אָנגעבויגן
און פאַמעלעך, איידל מיט דער האַנט אַראָפגעצויגן —
נייַן, ער רײַסט גאָר מיטן נאָגל!

הימל! דונער, בליץ און האָגל!"
און דער הימל הערט די טענות פֿונעם זאַק
און ער קושט די פּיאַטעס פֿונעם טאָג.

***

סטײַטש? נישטאָ אין הימל קײַן גערעכטיקייט?
ווער זאָגט? ווער רעדט קעגן זײַן אַלמעכטיקייט?
וואָס-זשע דען? חן —
דאָס איז די גערעכטיקייט אַליין!

דער בעל־רחמים

נאַקעט, באָרוועס, אין איין העמד,
האַלב דערשראָקן, האַלב פאַרשעמט,
ווי אַ קינד,
וואָס, פאַרפאָלגט פון בעסטיע פון רויער,
זיך געראַנגלט ערגעצוווּ אונטער אַ מויער
און זיך אויסגעריסן אָקערשט פון דער נעץ פון זיינד —
די לבנה שווימט אַרוים אין בלאָע טײַכן טרויער.
סע צעשרויפט דיך, סע צענעמט.
דאַרפט איר מער: דער אשמדאי, אים אויך בײַם האַרץ פאַרקלעמט!
אײַנגעהילט אין זיבן נעכט און אָנגעשפּאַרט אויף שווערד,
שטייט ער פאַרן גיהנום־טויער און ער קלערט:
„צער, טרויער — דאָס דער גורל דער לבנהס,
און דער גורל מײַנער — קללות.
צער, טרויער היילט מען מיט רחמנות;
האָב רחמנות איך, באַוויַיז איך כאָטש איינמאָל עס —
און געבענטשט וועט זײַן מײַן נאָמען.
המן!"
טוט אַ גרילץ ער און אַ פּאַטש מיט שוועבל־פליגל,
אַזש דער גיהנום שפּרינגט שיר אונטער,
„המן! (דעם בעל־דברם גבאי, זײַן געטרײַער הונט ער)
תיכף אויפריגלען דעם ריגל
פון שוואַרציאַר! אַרויסלאָזן די מאַמע
פון בייזוווּנדער און פון ליקוי־חמה!
און אַ פּחד אויף דער זון שיק און אַ וויסטקײַט אין איר מינע!
זון, לבנה — גלײַך! אוים קנאה־שנאה!
נעבעך, נעבעך, די לבנה אַ פאַרשעמטע שכינה!"
„האַלט!"
הילכט אַ דונער אַ צערודערטער, יאָגט־אום און קנאַלט,
„רשע! וויפל נישט פאַראַן סכנות —
נאָר די גרעסטע, אַז דו ווערסט אַ בעל־רחמנות!"

דאָס פּאַרפּאָלק

גאַנץ קאַיאָר, ווען העכער הויז
זיך צעבליט די רויטע רויז,
וואָס די מענטשן רופן זון,
זאָגט דער האָן
„רויטער מאָן"
צו זײַן „ווײַסער ליליע", דער הון:
— קום, זוגתי קריינע!
דאָ דאָס לעבן דאָך אַ מוטשעניניע, לא עלינו,
גיין דאָ קען מען דאָך צו גרונט!
קיינער נישט קײַן פריינד דיר, נישט די קאַץ און נישט דער הונט —
אָפּגערעדט שוין פונעם קאָטער.
און די מענטשן — צוצולייגן צו אַ בלאָטער!
דאַכט זיך, וואָס? אַזוי זיך גאָר קײַן שלעכטע נישט, חלילה!
אדרבא!
— אַלע טאָג מיט זיסע ברעקעלעך אונדז שפּײַזט די באָבע!
— ווינטשן מיר איר עולם הבא!
נאָר דאָס האַרץ, סע שרעקט זיך, אוי, סע שרעקט זיך קעגן ווילן —
הערסט, דעם מענטשנס געטרײַשאַפט אַרגער מיר נאָך פונעם
כלבס בילן!
קום־זשע, קריינע, קום פונדאַנען! —
קום איז קום.
(אַנדערש ווי דער האָן די הון, חלילה, קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען!)
גייט מען, גייט מען, דרייט מען זיך אַרום
און מע זוכט דאָס לאַנד פון גליק,
ווו סע הערשט די קלאָרע ווײַסע ציג,
וואָס באַווײַזט אין חלום זיך צו יעדן פרומען קינד,
און קײַן מענטשן זעט מען דאָרט נישט און סע בילן נישט קיין הינט.
שפּאַנט מען, שפּאַנט מען. אינדערווײַל אַ ווערעמל אַ פּיק,

און פּאַוואָלינקע אַהין, אַהער —
נאָך אַ ווערעמל, נאָך אַ קער,
נישט געאײַלט זיך, פּאָרוים, פּאָרוים — אָט פאַרבלאָנדזשעט גאָר צוריק.

גוט און וויל. וואָס דאַרף אַזאַ פּאָר פּאָלק דען מער?
עסן ווערעמלעך און זוכן גליק,
ביז דער חלף קומט און — כיק!

דער האָן און דער אינדיק

„וואָס איז דאָס מיט דיר פאַר אַ צרה?"
געזאָגט האָט צום האָן בר־כּפּרה
דער אינדיק רב בלק בן־צפור —
אין קאַמער בײַם שוחט רב זיידע
געזעסן דאָרט זענען זיי ביידע,
און ווען? סוף סליחות־צײַט, ערב יום־כּפּור.
„נו, שטילער! נו, שווײַג!
וואָס קרייסטו, צעטראָגסט אַזש די שטײַג?
דעם שוחט גאָר וועקסטו? וואָס איז? ער זאָל אויפשטיין באַקוקן
זיין חלף, צי איז ער נאָך שאַרף
אַזוי ווי מע דאַרף?
זאָל שלאָפן דער קוילער! אין שלאָף נאָר איז ער נישט מסוכן!"
„אין שלאָף נאָר — אין שלאָף נאָר —" געשאָקלט דער האָן מיטן פײַ'ריקן מיצל,
און העכער צעקרייט זיך, מיט כּוח.
(דערהערט פון אַ שכנס אַ בוידעם אַ קריי און געטון אים אין העלדזל אַ קיצל,
נו, ווײַזט ער: איר קרייט דאָרט אַזוי מיר — איך קריי דאָ אַזוי אײַך!)
„דו שווײַגסט, דו בן־פּיקהאָליץ? איך זאָג דיר, נישט זינדיק!"
זיך בייזערט און פליקט אים דאָס מיצל דער אינדיק.
„לאַז־אַפּ! אוי, לאַז־אַפּ!" בעט דער האָן זיך, „נאָכוואָס־זשע מיט כּעס?
גאָר וועקן דעם גזלן? חלילה־וחס!
אַן אומגליק! אַ צרה! אַ חלף! איך וויל נישט, נו־נו —
קוקוריקו!"

די מיל

אומגעקוקט האָט זיך די מיל,
אַז נישט גוט — זי מאָלט צו פיל.
פּע, וואָס צו איז איבריק, ווייסט דאָך יעדער —
שוין אַ פּשיטא צו פיל מאָלן, דרייען רעדער.
אַז מע מאָלט אַ סך, איז מאָלט׳מען דאָך נישט שטענדיק ווייץ.
איר פאַרשטייטס!
פאָכט זי מיט די פליגל, טענהנדיק צו׳באַרג און טאָל:
„כ׳האָב געוויינט זיך שוין צו מאָלן, מאָל איך, מאָל.
וואָס, איך מאָל נישט וויניק קלייַען? יאָ, איך פיל עס.
וואָס־זשע זאָל איך טון? אַזאַ רגילות!
כאָטש, מיר דאַכט זיך, אַ רגילות נישט קיין ׳אײַזן, נישט קיין שטאָל —
אַ רגילות קען מען ׳ברעכן.
האַ? ווי מיינט איר? מיר אַמאָל געזאָגט אַן אַלטע מויז
(קײַעט ספרימלעך אין שכנס הויז):
„אַ רגילות איז אַ צווייטע טבע״. נו, איז וואָס? איך רעכן,
אַז אַ טבע קען׳מען אויכעט ענדערן.
פרעגט, זײַט מוחל, אונדזער מילנער סענדערן:
ר׳האָט געהאַט אַ מיאוסע טבע,
ז׳האָט געהייסן שרה־שבע —
ער גערופן זי „מײַן מילשטיין אויפן האַלדז״ —׳
פלעגט זי אויכעט מאָלן, קלאַפּן, קלאַפּן, שיטן
אויף די ווונדן זײַנע זאַלץ.
וואָס־זשע מיינט איר, וואָס? ער האָט זי נישט געביטן?
יאָ, געביטן. איצטער האָט ער שוין אַ נײַע,
הייסן הייסט זי שיינע־חיה —
נישט קיין מילשטיין, נאָר אַ טײַבל.
וואָס? דאָס נישט קײַן טבע, זאָגט איר, נאָר אַ ווײַבל?

רעדט נישט! טבֿע, טײַבל, װײַבל — סאַראַ חילוק?
איך אַליין געהערט, געזאָגט רב סענדערל צום שכן הילעק:
„הערסט, אַ װײַב אַ קליפּה — װי אַ מיאוסע טבֿע! װיליק צי נישט װיליק,
װעסט זיך מיט איר מאַטערן און מאַטערן —
מיטן טויט װעסטו זי פּטרן!”
נו, ׳איז װעט מײַן טבֿע אויכעט שטאַרבן מיט דער צײַט,
װי אַ װײַב אַ קליפּה שטאַרבט בײַ לײַט.”
שמייכלען, הערנדיק זי, בערג און טאָלן.
און די׳מיל זי מאָלט און מאָלט, װאָס מער זי קלאָגט זיך אויפֿן מאָלן.

פערדלעך

שטייען פערדלעך צוויי און מאָלנדיק בײַם זשאָלעב מיט די ציין
אײַנגעווייקט אין וואַסער. אַ שמועס מאַכן זיי — מע פּלאַפּלט.
„שוין! נישטאָ שוין קאַשטן, 'ניין!
ווי ער האָט געוואָרפן זיך, געציטערט און געצאַפּלט,
ביז אויף אייביק ער פון וואָגן זיך באַפרײַעט!"
זאָגט אַ פערדל קרעכצנדיק און קײַעט.
אָך, אָך!" זאָגט דאָס צווייטע און סע הערט נישט אויף צו מאָלן,
„אָך, ער שטייט מיר פאַר די אויגן, קאַשטן!
אָט אַזוי אײַנגעעם מיט אַ חבר לויפט'ן, רעש'טן,
איבער בערג און איבער טאָלן,
פלוצים נעמט ער, לייגט זיך גאָר אינמיטן וועג אַנידער —
טפּררר! און זײַט געזונט! און פאַרט אָן מיר שוין, ברידער!
נאָר וואָס זאָגסטו אויפן היי?" „געמיין, נאָר בעסער ווי אַ „ה"
אין סידור."
„יאָ, נו, פון אַ „ה" אין סידור ווערט דער קאָפּ דאָך האַרט —
דו געדענקסט דאָס מעשהלע, וואָס קאַשטן אונדז אַמאָל דערציילט?"
„פרעגסט נאָך? אָט־אָ שטייט ער, רעדט, די ווערטער ציילט.
„איינמאָל", זאָגט ער, „קום אין שטאַל איך, זאָגט באַלבאָס מיר:
וואַרט,
כ'וועל הײַנט ווײַזן דיר אַ „ה" אין סידור!
גייט־אַוועק, די טיר פאַרשפּאַרט,
און די גאַנצע נאַכט דאָס האַרץ מיר קידער־ווידער —
מעסערלעך אין בויך געשניטן!"
„נעבעך, וואָס בײַם לעבן ער זיך אָנגעליטן!"
קײַענדיק געזאָגט דער ערשטער,
„וויפל טעג געהונגערט, נישט געזען אַ גערשט ער!"
„און די בײַטש אין רעגן אַ פאַרהלשטן אים אַלץ געטריבן!"
מאָלנדיק און זיפצנדיק דער צווייטער צוגעגיבן.
און אַזוי באַדוי'רנדיק און קרעכצנדיק די פערדעלעך געקײַעט,
ביז דאָס היי אין זשאָלעב נישט געסטײַעט.

דאָס העמד און דאָס רעקעלע

שטילער, קלאַפּ נישט, צינגל פונעם גלעקל —
עפּעס רעדט דאָרט עמעץ!
ווער? דאָס העמד צום רעקל.
— איך בין, זאָגט עס, קלאָר! נישטאָ אויף מיר קיין שמוץ
פון קיין שמוץ, קיין שפּרענקעלע —
זאָל גאָט היטן! שפּרענקעלע איז קרענקעלע!
מעגסטו טאַקע, רעקעלע, זיך שעמען!
— איך? פאַר וועמען?
— נו, פאַר מיר, פאַרשטייט זיך! איך בין ווײַס, דו שוואַרץ.
נישט אומזיסט בין נעענטער איך צום האַרץ!
שוואַרץ איז בלאַטע, ווײַס — אַט דאָס איז, ברודערל, אַ פאַרבל!
— האָב איך דיך אין אַרבל!
(זאָגט דאָס רעקל) ווייס:
דו ביסט נאָנט צום האַרץ, זאָלסט אײַנזאַפּן זײַן שווייס!

רב בערלס הויזן

פאָרן דאַרף רב בערעלע קיין פויזן,
אָבער אַ מניעה. וואָס? מע טאָר נישט זאָגן,
סיידן אויפן אויער: אָפּגעטראָגן
ער די הויזן,
טאַקע שטאַרק!
גייט ער אַ מציאה זוכן אויפן אַלטן מאַרק,
און געטראָפן גראָד בחצי־חנם
פלודערן אַ פּאָר פון געוואַנט פון גרינעם,
שטייפע, שפּאָגל נייע. נאָר וואָס דען —
לאַנג, צו לאַנג. בכן?
לאַנג פון קורצן — נישט פאַר אונדז,
קורץ פון לאַנג — אַ קליינע קונץ!
קומט אַהיים ער, בעט זיין סערל:
„נעם, זוגתי־קרוין, דאָס שערל,
מיטן שערעלע די הויזן האַקן —
כאַפּסטו קיש איןביידע באַקן!"
מוז זי אָבער מאָרגן באַקן.
גייט זי צו דער שכנה ציפל
לייען דאָרט דאָס נייע זיפל,
און זי ווערט שוין דאָרט פאַרפאַלן —
זי צו פלאַפלען נישט קיין קליינער בעלן.
בעט זיין שוויגער ער, די אַלטע זלאַטע —
וויל זי שלאָפן לעת־עתה,
קען אים איצט נישט דינען.
פּרוּווט זיין טעכטערל ער בעטן, דינהן,
איז זי טרוד, זוכט דאָס קעמל,
האָט קיין צייט — מע שפּילט היינט „קוניע־לעמל".
וואָס־זשע טוט ער, בערל?

כאַפּט אַליין דאָס שערל,
שנײַדט־אַרום, באַזוימט די עקן,
מעשה חיט,
און געלייגט 'זיך, נישט געהײַעט —
מיט די זאָרעס קומט דער בעל עגלה וועקן.
ער נאָר אײַנגעשלאָפן — זי דאָ מיטן זיפּל,
בײַסט פּאַר בושה זיך דאָס ליפּל:
„בערל וועט 'דאָך נעבעך זײַן גערעכט —
נײַן מאָס רייד, דאָס מלבוש נישט פּאַרריכט!"
כאַפּט דאָס שערל, שנײַדט, אויף גיך מיט דריבנע שטעך
פֿאַרוואָרפֿן —
וואָס־זשע דען, זי קען נישט? וועלן דאַרף זי נאָר!
אָפּגעפּאַרטיקט און געלייגט זיך. (מיד, און אויפשטיין מוז זי
הײַנט קאַיאָר;
גוט וואָס דינהלען די טיר נישט עפענען באַדאַרפ'ן —
מיטגעגיבן איר 'דעם שליסל.)
נעמט עס נישט — אַזויפיל מיט אַביסל,
קומט־אָן דינה
און דערזעט די פלודערן די 'גרינע:
„יאָ, געבעטן עפּעס דאָך דער טאַטע..."
אַ געטרײַע טאָכטער — באַלד געכאַפּט, אַרומגעקערצט,
אַרומגעבויגן,
און דערנאָך ערשט שלאָפן — שוין געקלעפּט זיך איר די אויגן.
דינה איינגעדרימלט, שטייט שוין אויף די אַלטע זלאַטע.
(דינה ליב זיך צו באַרימען:
„קיינמאָל לייג איך זיך נישט שפּעט, אַ סימן —
גיי איך שלאָפן, שטייט די באָבע אויף, און זי
אויפשטיין שטייט זי תמיד פרי.")
זיך געוואַשן, אָפּגעזאָגט די אַלטע 'מודה
און צו דער עבודה —
שנײַדן!
(פּײַנט די אַלטיטשקע צו זיצן ליידיק, סײַדן

נישט מיט אַלעמען זי, חס ושלום.)
און רב בערעלע? אין חלום
האַנדלט, קויפט בזיל־הזול
בכל־מכל־כל!
און פון אַלע די חלומות און מציאות —
פלודערן גאָר ביז די קניעס!

צוויי פערעם

ערגעץ אין אַ פרעמדן געגנט
מיטן שוסטערפאָדעם זיך דער רויטער פאָדעמזייד באַגעגנט.
כאָטש דער שוסטערפאָדעם פאַר קיין גרויסן יחסן נישט געשמט,
זיך דערפרייט מיט אים דער רויטער — אין דער פרעמד
איז דער מינדסטער גרוס אַ שטרודל.
גערן
איז דער רויטע, פאָדעמזייד צו וויסן, עפּעס הערן,
וועגן דעם און וועגן יענעם:
„וואָס טוט שער־און־אײַזן, פינגערהוט, רב נאָדל?"
„וואָס? רב נאָדל? נישט איך קען אים!
איך וואָלט גערן וויסן, וואָס עפּעס דער יחוס דעם פאַרשווינס.
יאַקבע, זאָגט מען, ער ביי אײַך אַזעלכעס און אַזוינס,
כל־ולך —
איר אָן אים קיין שטאָך!
גייט ער פאָרויס,
שלעפּט איר נאָך זיך, נישט — איז צרות.
הערט איר, אַלע מעגט איר גיין צו מיר אין חדר:
איך וווּהין איך דאַרף — אַהין אַליין כסדר.
און איך שלאָג זיך דורך, ווי האַרט סע זאָל נישט זײַן די לעדער.
זײַ אַ בעריע, ברודערל, פאָלג מיך!
פּעסטער, שטײַפער דאַרף מען זײַן ביי זיך — אַ דראָטל,
און נישט ווערן בטל!
שווער דער וועג? איז אָן סכנות, קריך!"
„טאַ!" זאָגט פאָדעמזייד, „וואָס דען?
איך וואָלט אויך זיך דורכגעשלאָגן, ווען —
ווען איך האָב
אויך ווי דו אַ חזיר־קאָפּ!"

דער לאָך פֿון בייגל און מעשענע קנעפּלעך

זאָגט דער בעקער משה-מעכל:
„ווי אַזוי מע מאַכט אַ בייגל ווייסטו? נעם אַ לעכל,
קלעב־אַרום אַ טייגל,
האָסטו דיר אַ בייגל."
עסט מען אויף דעם בייגל, וווּ־זשע בלייַבט דער לאָך? אין קעשענע.
איז בייַ שלמהלען אין קעשענע אַ לאָך.
און וואָס נאָך?
קנעפּלעך צוויי אַזוינע שיינע — מעשענע.
ווילן זיי, די קנעפּלעך, נישט הויזן
אין דער קעשענע פֿון שלמהס אַלטע הויזן
מיט אַ לאָך פֿון בייגל —
קומט זיי עפּעס דען דערפֿאַר? צי זענען זיי דען חוטא בעגל,
אַז זיך גליטשן פֿון דער קעשענע זיי נעמען?
וואָס? וואָס איז דער לאָך פֿון בייגל? גאָרנישט שעבגעאָרנישט.
און בייַ וועמען האַלטן זיך? מיט וועמען?
ערשט — ער עפּנט גאָר אַ מויל דער בייגללאָך: „איר מעגט זיך שעמען,
איר מגושמדיקע! קיין פֿאַרשטאַנד נישטאָ בייַ אייַך דאָך אויף קיין האָר נישט!
עיקר איז בייַ אייַך דער בייגל, נישט דער תּוך?
איר פֿון רוחניות אַנטלויפֿט גאָר? דאָס איז דאָך דער עצם-מהות און דער כּל־ולך

פֿון אַ יעדן יש,
און אַפֿילו אויך פֿון גראָבן מעש!
נעמט פֿאַר אַ בעלנות און צעטיילט דאָס מעש אויף טיילן און אויף טיילעכלעך,
מער, אַלץ מער, פֿאַמעלעך און פֿאַמעלעכלעך,
און דאָס טיילעכל דאָס דינסטע ווי אַ האָר

הײַטער טײלט עס װי מע טײלט דאָס יאָר
אויף חדשים, טעג און שעהען, רגעס און סעקונדן —
קומט איר נישט צום בײגעלאַך, צום נול צום רונדן?
איר באַנעמט דעם ענין! טוט אַ קלער!
נעמט דאָס טיפער נאָר! נעמט טיף עס!"
און גערעדט דער לאָך פון בײגל שכלדיק חריפות,
רוחניות אַהין און רוחניות אַהער —
נאָר גערעדט צו װעמען? צו אַ רוחניות װי ער:
אויסגעװעזן די קנעפּעלעך די צײַט, נישטאָ זײ מער!

דער האַנטעך

ברודער-לעבן, האָסט אַ האַרץ, פֿילסט-מיט מיט יענעם —
רחמים בעטן גיי-זשע!
זינדיקע זיך פּײַניקן אין גיהנום —
קויטיק גרייט אין הייסער דייזשע.
אונטערדעקלעך, חוה-העמדער,
וואָס דו גייסט נישט אָן זיי כלומרשט, קערסט זיי אָן אַ פֿרעמדער,
און זיי וואַרפֿן פֿון באַהעלטעניש דיר ווײַסע בליצעלעך,
קוקעלעך מיט שפּיצעלעך;
איבערוועש און אונטערוועש — משרתים און אדונים —,
הויכע קעלנער און, צווישן אונדז גערעדט, תחתונים —
אַלע פּריען זיך איניינעם אין איין דייזשע.
מילא, נו, אַ מצווה! האָסט געזינדיקט — וויים-זשע!
ווילסט זיך שליטלען — שלעפּ דעם שליטן!
פּרי׳ר געזינדיקט — איצט געליטן!
אָבער וואָס-זשע טוט דער פֿרומער האַנטעך דאָ אינמיטן?
ער, דער פּרוש, וואָס פֿון טבילה-וואַסער נאַס —
ער ליגט אויך אין קוואַס?
נעמט צו אים זיך דאָס פֿאַרשײַטע אונטערדעקל:
„פּעטער, וואָס? איר אויך? אַהערצו פֿונעם הויכן פּלעקל?
איר, רב האַנטעך?
איַי, איַי, איַי, דערמאָנט אײַך:
פֿנימער פֿאַרוואַשענע געריבן און געווישט!
כשר, פּרום — צום סוף גאָר: ניין, ס׳אי׳ נישט!..
סײַדן הײַנט דער הימל ווי אַ ברודיק לײַלעך טריפֿה!
אָדער על פּי טעות אײַך פֿאַרשלעפּט אַהערצו די מכשפֿה
קאַטשקע- פּראַטשקע חיה-ראָסיע!"
„אוי, הטאתי!" זיפֿצט דער האַנטעך, „יאָ, חטאתי!"
„פּעטערל, וואָס רעדט איר?" „פֿרעג נישט, קינד — נישט גוט!

כ'האָב געלעבט פון פרעמדן שמוץ און ברוד!
ווי פאַרשעמטע פנימער — איך ראש-וראשון!
נישט געפרייט זיך מיטן קלאָרן, מיטן פרישן,
עיקרשט מיר דער שמוץ — צו רײַבן און צו ווישן!"

די באָרד

אויף דער מאָרדע טראָגט דאָס פערד די שפּיַיזטאָרבע די גראָע,
טוט אים ווילד הנאה.
און ווי דורכן אַרבל אַ פאַרקערטע זאַנג
פונעם עק צום קאָפּ לויפט אַ געדאַנק:
„אַז איך האָב אַ באָרד
דאָרט
הינטן
אויף צו טרייבן פליגן ווי די ווינטן,
נו, איז וואָס? אַזוינע בערד
האָבן אַלע דאָך, סיי נאַרישע סיי קלוגע פערד.
אָבער אַז איך האָב אַ באָרדע
פאַרנט אויף דער מאָרדע,
וואָס־זשע הייסט שוין דאָס?
ע, דאָס הייסט — איך וויים שוין וואָס!
וועד ס'איז שיין, איך קלוג — אויף שכל פאַל איך!
ע, ביַי קיינעם אַזאַ באָרד נישטאָ — ביַי מיר נאָר און ביַים גלח.
נישט קיין פלעדערוויש מיַין באָרד און נישט קיין בעזעמל — אַ
לאַפּעטע!
היינט־זשע, אַז מע קושט דעם גלחס האַנט, פאַרוואָס־זשע קושט
מען נישט מיַין קאַפּעטע?
טאָמער שווער זיך צו דער קאַפּעטע צו בייגן,
וועל איך זי דערלאַנגען, גליַיך אין מויל זי לייגן,
דאָס ביַי מיר קיין טרחה נישט קיין גרויסע —
קוקט!" און אומר ועושה —
מיט דער קאַפּעטע דערלאַנגט ער דעם באַלבאָס
גליַיך אונטער דער נאָז.
קומט די ביַיטש און קאַטעוועט און שניַידט —
הירזשעט עס, דאָס פערד, און שריַיט:

„גראָבער יונג, עם-הארץ דו! אַ גראָבער באָרד?"
נעמט די בייַטש ערשט און פֿאַרפֿאָרט
גלייַך אין פּיסק אים: „היט אונדז גאָט פֿון פֿערד,
וואָס זיי שפּייַזן זיך פֿון גראָע בערד!"

כשר

אויגן טויזנטער די נאַכט און דאָך אַזוי פאַרקוקט,
נישט געזען, ווי בלוט סע גיסט זיך אינגעהיים:
האָט דער וואָלף אַ באַרנדל פאַרצוקט,
אָפּגעדושעט אין דער פינצטער, מיט זײַן זינדל אָפּגעשיקט אַהיים —
פירט שוין אוים דער מזיק אַ שליחותל בשלמות!
און די שאָף די מאַמע, וואָס געפּרוּווט צו מאַכן אַ געוואַלד,
בעטן הילף בײַ הינט, בײַ מענטשן, בײַ בהמות —
אויך צעריסן זי, פאַרשלעפּט אין וואַלד:
„אַזאַ חצופה! רופט די הינט גאָר! וועקט דעם פּאַסטעך!
זאָל זי וויסן וויל:
קום צו גאַסט איך —
נישט קײַן שאָרך!
האָרך,
זע און טסס — האַלט ס'מויל!"
אָפּגעגעסן, אָפּגעפרעסן, מיט אַ האַזעלע פאַרביסן
(שוין געהאַלטן נאָך דער סעודה, בײַם באַלעקן,
ערשט — דאָס נפשל אַדורך, צעטומלט פון אומזיסטע שרעקן,
און צווישן זײַנע נעגל שוין געבליבן שטעקן).
בייז דאָס פרישע בלוט אין פּנים אים געשמיסן,
ער געזשליאָקעט דאָס ווי רויטן ווײַן ווי זיסן —
שענקט דיר גאָט אַ פעטע סעודה, שטעלט ער משקה אויך! —
און די שפּילפייגל צום עסן שפּילן־צו.
פּאַטשט דער וואָלף צופרידן זיך אין בויך,
עפנט ברייט דעם פּיסק און זאָגט זיך מיט אַ געניץ:
„איך מיין חוב, אַ לויב צו גאָט, איך טו.
נאָר אַלצדינג מוז האָבן דאָך אַ גרענעץ —
נאָך אַזויפיל אַרבעט כשר איך פאַרדינט דאָס ביסל רו."

דער אָדלער און דאָס זומערפֿייגעלע

איינמאָל זיך געיאָגט אַן אָדלער נאָך אַ זומערפֿייגעלע.
ס'ע פֿאַרשטייט זיך, נישט דעם הונגער אויף צו שטילן —
גלאַט אַזוי זיך, אַ קאַפּריז דאָס פֿון זײַן ווילן;
וויל אַמאָל אַן אָדלער מיט אַ באַבעטשקע זיך שפּילן,
יאָגט זיך נאָך איר, כאַפּט זי, ווי מע כאַפּט אַ רעגעלע.
אָנגעשפּילט זיך
און געפּילט זיך
מילדער, גרינגער פֿונעם פּרילינגווינט,
לאָזט ער אָפּ דאָס פֿייגעלע ג'רויסמוטיק
(מעג די זון פֿאַרגיין און אויפֿגיין בלוטיק —
ווען זי שפּילט זיך מיטן רעגנבויגן, איז זי דאָך אַ קינד).
זאָגט צום פֿייגעלע דער אָדלער: „פֿלי דיר,
פֿלי, מײַן פֿלאַטערבלימעלע, און בלי דיר
איבער אַלע בלימעלעך געזונטערהייט!
נאָר פֿאַרוואָלט זיך מיר אַ שפּיל טון, נישט געמיינט קיין שלעכטס!"
צאַפּלט עס, דאָס פֿייגעלע, איז אויסער זיך פֿאַר פֿרייד
און ס'ע ווענדט צום אָדלער זיך ווי עפּעס רעכטס,
און ס'ע רעדט אַזוינע קלוגע רייד:
„אָ, דו שטערנכאַפּער, הימלפֿליקער,
דו, וואָס טרינקסט זיך אָן מיט זונבלוט און דו ווערסט נישט שכור,
האָסט דאָך מיר דאָס חיות שיר אַרויסגעצויגן!
איך אַזוי דערשראָקן זיך, אַזוי דערשראָקן!
כי־כי־כי, געמיינט וועסט מיך צעבראָקן!
אָבער לייג, נו לייג אין מײַנע אויגן —
צי געפֿינסטו דאָרט אַ סימן פֿון פֿאַרדראָס?
איך בין מוחל יעדן, מוחל תמיד, נישט נאָר הײַנט —
איך פֿאַר מײַנע פֿײַנד
טרינק איך זאַפֿט פֿון יעדן בלומען־כוס.

איך — מיין האַרץ פֿאַרצייַונג פֿאַר אַ גאַנצער וועלט פֿאַרמאָגט!"
קוקט אויף אים דער אָדלער, קוקט, און זאָגט:
„הער־אויס מיך! הער, וואָס זאָגט צו דיר דער אַלטער
כמאַרעשפּאַלטער:
„איך בין מוחל, זאָל קיין נישטיקל נישט שרייַען!
ווער סע קען באַשטראָפֿן, דער נאָר מעג פֿאַרצייַען!"

דער אינדיק

זע נאָר: אָנגעטון אין ווײַסע קיטלען,
אויף די קעפּ שוואַרצבלאָע היטלען,
ריכטן ריזן אָפּ אַ סדר
מיט צען טויזנט גינגאָלד־קערות —
דאָס אַ שפּיל אַזאַ פון זון און כמאַרעס,
אײדער
אין די שוואַרצע גלח־קלײדער
אויף דער זון מיט שווערד און פײַער
פֿאַלט־אַרויף די פרומע נאַכט.
שטײט אַן אינדיק לעבן שײַער
און ער טראַכט,
וועגן וואָס בכלל סע טראַכט אַן אינדיק — וועגן גאָרנישט.
שטילער! חלום גיסט מיט וואָר זיך איבער —
איז דער חלום נישט קײַן חלום און דער וואָר קײַן וואָר נישט.
און פון פוסטע גריבער,
און פון קוימענעס, פון שטיבער
ציען זיך גלחים, שוואַרצע־חברהניקעס לויפן —
און דער שײַער נישט קײַן שײַער, גאָר אַ שײַטערהויפן!
בלאָזט זיך אָן דער אינדיק, גײט־אַוועק און אָלדערט:
„מעג זיך ברענען טויזנט מאָל דאָרט,
זאָל זיך טון אויף בענק און טישן —
נישט מײַן עסק! איך וועל זיך נישט מישן!"

***

מוז מען פרעגן שוין דעם פעטער מינדעק:
וואָס אַ שטײגער וואָלט געווען, ווען ס'מישט זיך יאָ אַרײַן דער אינדיק?

רייזנדער

רײַזנדער, פֿאַרשידענע פֿאַרשווינען,
אָרימע און רײַכע, גרויסע, קליינע,
דײַטשן און פֿראַנצויזן, טערקן, רוסן און אַחינו
בני ישראל — וואָס דען, סע וועט זיך לוינען?
אַלע פֿאָרן, מיר׳ן זיצן ווי מיר וווינען,
אויף די ערטער אויף די האַרטע?
פֿאָר־זשע ברודער, כי לכך נוצרת!
פֿאָרט מען: ווײַבער, קינדער, מענער,
לײַט געבילדעטע, ווילקענער,
סוחרים איידעלע און אַמעראַצים —
איינער אָנגעשטאָפּט, איך שאַץ אים
אין די הויכינקע אלפּים,
נאָר אַ דײַטש! אוי, רעדט ער! גאָטעניו, נישט שטראָף אים!
נו, אַ דור־הפּלגה, אַ מישמאַש פֿון שפּראַכן:
אַלע רעדן — ווער פֿון ליבע, מסחר, וועטער, פּוסטע זאַכן,
ווער פֿון פּאָליטיק און ווער סע זאָגט זיך גלײַכע־ווערטלעך.
ווי־זשע איז דאָס? ערגעץ אויף אַ שיף?
חס־וחלילה, ניין — אין בריוו־קאַסטן די בריוו!
רײַזנדער אין רײַזעמענטעלעך — קאָנווערטלעך,
און מיט רייזע־פּעסער אויך באַזאָרגט — פּאָסטמאַרקן,
מיט בטחון אויכעט אין אַ גאָט אַ שטאַרקן,
נו, פֿאַרשטייט זיך, איז מען זיכער,
פֿרי׳ר צי שפּעטער, צי פּאַוואָלינקע צי גיכער,
יעדער ווי אים אָנגעצייכנט, קומען וועט מען צו אַ ציל,
בעזרת שם יתברך —
וויל ער, זײַן איך, וויל ער, פֿאַר איך.
נישט אַיעדן אָבער איז באַשערט
אָט דאָס גליקלעכע געפֿיל.

זוי אַ בר־מינן, פֿאַרפֿינצטערט אין דער קרקע
נעבעך, ליגט אָן אָרים ברייזל אָן אַ מאַרקע.
(אָן אַ פּאַס וואָס האָט אַ רײַזנדער די ווערט?)
און איר הערט:
אין אַ ברייזל ליגט אַמאָל אַ מענטשלעך האַרץ,
אָפּטמאָל אַ פֿאַרביטערטס און אַן אָפּגענאַרטס.
קלאַפּט עס, קלאַפּט, פֿון זאָרג פֿאַרכאַפּט:
טאָמער, גאָט זאָל היטן, בײַ דער גרענעץ מע דערטאַפּט,
טאָמער טוט מען אים אַ פֿרעג, אַ נעם צום הומש —
ברודערל, סטײַטש, סטײַטש?
רופֿט זיך אָן צו אים דער אָנגעשטאָפּטער, דער וואָס רעדט נאָר
דײַטש:

„זי זינט, זאַג איך אינען, דומיש!
דומער נאָך פֿון אײַזן!
וואַס געוואָלט זי ווײַזן —
אָנע מאַרקע קאָן מען רײַזן?”
„חס־ושלום!” ענטפֿערט אים דאָס ברייזעלע אויף מאַמע־לשון,
„וואָס אַ ברייזל אָן אַ מאַרקע? נישט אַ גראָשן!
עך, מיר ווייסן, יאָ, מיר ווייסן: גליקלעך די וואָס רײַזן
מיט אַ מאַרקע און מיט גרײַזן!”

ווענט

דאַכט זיך וואָס — אַ וואַנט, אַ שטומע לעלע?
נישט קיין ליבע, נישט קיין שנאה, נישט קיין האָפענונגען העלע,
אָן באַגער און אָן אַ ווילן?
ניין, אַ טעות —איך קען שווערן ביי די תפילין!
אמת איז, אַ וואַנט האָט ליב זיך צו פאַרטרייען,
דאָך אַזוי קען טרעפן זיך, אַ שטיין פון וואַנט זאָל שרייען —
לייט דערציילן און אין ביכער קען מען ליינען.
איך אַליין פיר ווענט געהערט אַמאָל שוין וויינען,
ווייל אַ מאָדנע חשק, דאַכט זיך מיר, באַפאַלן זיי, די ווענט,
אומצוּוואַרפן זיך אַליין, און נישט געקענט,
ווייל — וויל יאָ, וויל נישט — געמוזט זיי שטיין און צוזען און באַדוי'רן,
וואָס צו גרויל און ווילדע סודות זיי געבוירן.
און ווער ווייסט נישט, אַז אַ וואַנט האָט אוי'רן?
פרעג איך: אַז אַ וואַנט קען הערן, זען און פילן,
נו פאַרוואָס-זשע זאָל זי אויך אַ ליבע שוין נישט שפּילן?
טאַקע! קוקן-איבער זיך צוויי ווענט —
אַ פרימאָרגנשטראַל אין פענצטער-אויג זיך ציטעריק צעברענט:
מזרח-וואַנט אַ צאַצקע דאָך, אַ חתן וואָס קאַטאָרע,
איינגעטונקט אין יחוס — הערצל, משה מאָנטעפיאָרע,
מלבי"ם, ווילנער גאון מיט די תפילין אויפן קאָפּ;
מערב-וואַנט אַ צנועה, רייטלט זיך, געהילט אין שוואַרצן שאָטן־צאָפּ —
מלא חן זי! היינט איר גאַרדעראָב!
פסס, אַ שאַפע פול מיט קליידער קיין נ'הרע —
אַטלעס, סאַמעט, זייד און ראַצעמאָרע.
און דערצו נאָך וועש אַ פולער קאַסטן. וואָס-זשע שטייט'ן?
איינס דאָך אָנגעמאָסטן פאַרן צווייטן!

ווי־זשע קענען אָבער ווענט פֿאַרליבטע ווי אַ פֿליג
איינס און צוויי אַ פֿלי צום גליק?
קלאַפּט דאָס האַרץ — דער וואַנטזייגער — טיק־טיק
און — נו, גאָרנישט!.. אָ, צו ליבע מוז מען האָבן פֿליגל —
כאָטש אַ סך מאָל אין אַ קלוגן שדכן גאָר געווענדט.
ווער־זשע איז דער שדכן, וואָס ער פֿירט־צונויף צוויי ווענט?
ווער? דער שפּיגל.
נו, אַ שדכן! פּאַסיק איז דער שידוך, צי נישט פּאַסיק,
ער צו אים אַ נעם זיך ווי אַ ווײַסער־חברהניק אַ מזיק
נעמט אַ ציג אָן פֿאַר דער באָרד —
מזל־טוב, סע פּאָרט!
שפּיגל בײדע ווענט צונויפֿגעפּאָרט:
מזרח־וואַנט טראָגט מערב־וואַנט אין זיך,
מערב־וואַנט אין מזרח־וואַנט צעשפּיגלט זיך — איין איך.
קומט דער שדכן, מאָנט שדכנות — ווייסעך, טענה צו די ווענט!
„ווער שדכנות? וואָס שדכנות? ס'אי' דאָך
גאָר אַ ליבע־שידוך!
פֿרעג די שכנים! נאָך פֿון קינדווײַז מיר באַקענט —
דאָ אינײנעם איינס געבוירן פֿאַרן צווייטן.
וואָס־זשע וויל דער שדכן? ער געקומען שוין צום גרייטן!"
און מע לייקנט שטיין און בײן, מע מאַכט צו גאָרנישט אים אינגאַנצן,
און מע לעבט צופֿרידן זיך אין זײַנע טיפֿע גלאַנצן.

***

קלאָגט ער זיך, דער שפּיגל, פֿאַרן רב, דעם מאור גדול,
פֿאַרן בליץ־לאָמפּ, וואָס אַדורך דעם אוי'רל פֿון אַ נאָדל
שלעפּט ער העלפֿאַנטן גינגאָלדענע מיט פּאָמפּ —
רעד צום לאָמפּ!

דער שפּיגל און דאָס בילד

אויב איר ווילט,
הערט זיך צו — צום שפּיגל רעדט דאָס בילד.
— אפשר וועסטו, ליבער שכן, מיר דערקלערן:
וואָס ביסטו? אַ קאַץ צי אַ לאָמטערן?
ערשט געווען אַ זיידע איבער דער גמרא,
שפּעטער אַ פאַרשלעפּטע קרענק, וואָס קושט זיך מיט אַ צרה!
אָן אַ שפּאַס, איך מיין עס:
ביסטו ראשית — וואָס-זשע ביסטו שנית?
ביסטו שמעון — וואָס-זשע ביסטו ראובן?
גיב מיר צו פאַרשטיין עס!
— איך וועל פּרוּוון:
איינס פון צווייטן אויף דער וועלט פאַרשידן,
און אי דער אי יענער בלײַבן מוז פון דיר צופרידן.
און כּפי,
ווען צוויי ליבן זיך, איז נישט זי אים און נישט ער זי,
נאָר זיי ביידע ליבן ביידע טאַקע זיך —
דו פאַרשטייסט? זיי ליבן ז י ך , איעדער נאָר זײַן איך! —
און זיי אַלע מוז איך ריכטיק שפּיגלען,
אין מײַן האַרץ געטרײַ זיי וויגלען,
מאַך איך עס אינגיכן —
טו זיך אָן אין איכן, טו זיך אויס פון איכן.
און דער כּלל איז: פּאַס זיך צו צו לײַט!
מיטן שטראָם גיי, מיט דער צײַט!
און דעריבער, אַלע מאָל זיך בײַט!
נישט, איז ביסטו אַ לא-יצלח און דו גייסט אין בראָך!
— אָבער דאָך!..
— ע, אומזיסט די רייד! דו האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען,

ביסט נאַיִוו און אָפּגעשטאַנען.
— אפשר יאָ און אפשר נישט. איך מיין נאָר,
דו ביסט דער און יענער און ביסט יעדער איינער,
ווײַל אַליין ביסטו נישט קיינער!

דער נביא

אויפֿן דאַך
שטייט אַ קראָ און שרײַט: „קראַך־קראַך!
קראַך און דונערן און בליצן!
קראַך־קראַך אויף די קלויסטערס מיט די שפּיצן,
וואָס זיי שטעכן, וואָס זיי בויערן
אין די הימלען לעכער!
קראַך אויף מויערן!
קראַך אויף דעכער!
קראַך! אַלצדינג וועט קראַכן, סע וועט גיין אַ רויך!
קראַך אויף נעסטן פֿון די הויכע ביימער!
אויף די ביימער אויך!
ווייסט, ביים אָנהייב פֿון דעם סוף שווין שטיי׳מיר!
הערט, סע בילן הינט
און סע ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין אין ווירבלראָד דער ווינט
ווײַנענדיק און דרייענדיק זיך ווי אַ שלאַנג!
ווייסט, זיי זינגען אײַך אײַ׳ר לעצט געזאַנג —
דאָס געזאַנג פֿון אונטערגאַנג,
דאָס געזאַנג פֿון שטראָף און זינד!
קראַך! וואָס קלאַפּן נאַסע ביינער
דאָרט אין שטיינער?
וואַרט, איך הער, איך הער וואָס —
אויף די חורבות, אײַ׳רע חורבות
טאַנצט דער טויט אַ נאַקעטער,
נאַסער, פֿאַרמאַראַקעטער!"

און נאָך לאַנג דער נביא קראַקעט. קראַקעט ער
און לאָזט-אויס: „געדענקט, איך חזר-איבער אײַך און חזר —
קראַך! קראַך! קראַך!"
און אַ מאַך
מיט די פליגל, און אַ פלי, אַ שטעל זיך אויף אַ חזיר.

***

פאָרט דער נביא איבער גאַס און געסל
אויפן טריפה-כשר פיסל-פעסל
און נאָך שפיגלט אין די אויגן דאָס נביאיש בליאַסקל.
שרייט אַ בת-קול:
„הם כל
בשר!
דאָס איז'ר נביא — דאָס ער!
אײַ'רער אויף שפּיץ דאַך ער,
אײַ'רער אויפן דבר אחר!"

דער אמת

אמת ווי דער רויטער מאָן ער בליט,
און אַמאָל אַ שוואַרצע קראָ ער, גאָט באַהיט.
פירט זיך אום אַ קוואָטשקע מיט איר פליד:
חנעוודיקע פיצעלעך,
לעבעדיקע עפעלעך,
מיט צוויי פיסעלעך, מיט קעפעלעך —
קעפעלעך מיט זיסע פישטשענדיקע שפיצעלעך.
און די קוואָטשקע היט די עפעלעך, זי היט,
און זי קוקט־אַרום זיך און זי ווערט נישט מיד
אַלע מאָל זיי רופן, אַלע מאָל זיי זאַמלען,
און דאָס האַרץ, סע קוועלט נאָר הערנדיק זיי שטאַמלען.
האָסטו דיר נישט, נאַ דיר — מיטאַמאָל אַ גאַסט איז דאָ!
ווער? די שוואַרצע קראָ.
— מאַרגנבלי און ווייַסע זון!
(מיט אַ ליבן גרוס באַגעגנט זי די הון)
נו, וואָס זאָגסטו אויף מייַן קליינוואַרג? (פרעגט זי איבער־גליקלעך)
נישט וואָס איך, אַ מאַמע — אַלע זאָגן דאָס: אַנטיקלעך!
אויסגעוואקסן קייַן נ׳הרע היפּשע.
— טפשה!
(ווי מיט קאַלטן טוט די קראָ אין פּנים איר אַ שפּריין
און מיט בייזן קראַקע איר אין האַרץ אַ קריץ)
אויסגעוואקסן... אַ גדולה, נו! אַ שמחה אויף איר קאָפּ!
מער זיי וואַקסן, וואַקסט דאָך די סכנה אוים אין שוואַרצן טאָפּ!
היפּשע... פּרייט זיך! בעסער
כאַפּ אַ קוק אין קיך — מע שאַרפט נישט דאָרט דאָס מעסער?
— שאַרפט מען יאָ, צי שאַרפט מען נישט — מייַן דאגה?
— מייַנע אויך נישט! נאָר אין קיך אַ קוק טון סייַוויסייַ גיי!

וואָס־זשע, ווייסט דען נישט, אַז רב אלישע
פֿייעלעך האָט ליב ער, יונגע, פֿרישע?
— ליב? לאַנג לעבן זאָל ער! ווער־זשע האָט נישט ליב אַזוינע?
אָבער מיטן מעסער וואָס האָט דאָס צו טון?
(כידעשט זיך די הון.)
— ס'האָט שוין! (זאָגט די קראָ) איך בין דיר נישט קיין שונא,
נאָר —
— שוואַרצע קראָ, רעד קלאָר!
— אישה,
דיינע קינדער מיט די ביינדעלעך וועט פֿרעסן רב אלישע!
— כאָטש ער האָט זיי ליב? — נישט כאָטש, נאָר ווייל!
כל־זמן זענען פֿיצלעך — אָן סכנות! פֿריי זיך נאָך דערווייל!
אָבער שפּעטער, שפּעטער — קראַך! השם ירחם!..
שרייט די קראָ דעם אמת אויס, פֿאַרטראָגט אַזש אויפֿן דאַך אים.
צינדט דער דאַך זיך אָן און שעלט מיט פֿייערדיקע צינגער
אי דעם אמת אי די קראָ. דער קוואָטשקע ווערט נישט גרינגער.

אַ טענה צו גאָט

דער פּרימאָרגן שפּיגלט שפּאָגלנײַ און פריש
און זים לעבן רינגט זיך אין דער מינדסטער דאַרער שטרוי.
וואַרפט זיך צו דער רויז דאָס זומער־פייגעלע און קושט אַזוי!
רויז און זומער־פייגעלע — צוויי קיש
פון זײַן ליבן נאָמען.
זיך צונויפגעקושט און הערצעלע צו הערצל דונערט: „אַדוני!"
זאָגט־זשע: ברוך הוא וברוך שמו —
אָמן!"
נישט געזאָגט? דערפאַר: ויבוא המן —
וואַקסט פון אונטער דר'ערד דאָ אויס,
ווי אַ גאַסט אַן אומגעבעטענער, די אַלטע מויז.
טוט דאָס זומער־פייגעלע אַ ציטער,
פלאַטער־פליטער,
און נישטאָ מיך — אויסגעווען די צייט!
און די אַלטע, ווי געוווּנלעך גוטע־פרומע לײַט,
נעמט זיך טענהן, מוסרן די רויז:
„שטענדיק", זאָגט זי, „צו דער רעכטער רגע שיקט מיך גאָט אַרויס!
גוט וואָס איך בין אָנגעקומען! און ווען נישט?.. נו, הער־זשע, טאָכטער, אויס,

הער, וואָס ס'זאָגט אַן אַלטע מויז דיר:
כל־זמן דו ביסט יונג, געדענק, די וועלט אַ פּרוזדור,
נאָר אַ קורצער דורכגאַנג און נישט מער!
און וואָס נאָך? ווּהין דו טוסט אַ דריי זיך און אַ קער,
אומעטום פאַרשפּרייט די נעץ —
שטײַגעלעך, כאַפּלאַפּערלעך און קעץ! אוי קעץ!
קעץ מיט טויזנט אויגן בלינדל־בלינדלענדיקע,
רעדל־ראָד־ און ראָד־ראָד־רעדל־רינדלענדיקע,
און משיח קומט נישט, און ווער ווייסט דעם קץ!

אַז דער דור איז זינדיק — זינד אויף זינד!
זאָגט, וואָס טראַכט איר זיך? דער הימל, חס-ושלום, בלינד?
צמאַטשקעט זיך מיט זומער פייגעלעך!
איַי, געדענק! געדענק די טויזנט אייגעלעך!"
הערט, די אַלטע רעדט דאָך צו דער זאַך!
אָבער וואָס פאַרשטייט אַ רויז אין מויזן-שפּראַך?
נו, צעשטראַלט זיך איר דאָס פּערל-אויג און טוט אַ לאַך —
זינד אויף זינד געכפּלט!
ווערט די אַלטע בייז און טוט אַ מאַך פאַרצווייפלט
מיטן עקל:
„נעם כאַטש הענג די גאַל אויף אויף אַ פלעקל!
גאָט באַשאַפן זיך אַ פּרוזדור מיט שרפ"ט אלפים שאַלעמויזן,
ווייניק — אויסגעפּעלט אים רויזן!"

דער חמור־אייזל

לאַנג דער זומער־טאָג צעשטרעקט זיך אויף דער נודנער גאַס.
מאַכט דער כּלב מיטן אייזל זיך אַ שפּאַס:
— איַי, דו חמור־אייזל, זאָגט ער, דו!
קוצעניו און מוצעניו גאָר מיט דער רויטער קו?
— גיי, וואָס רעדסטו? איך? וואָס הייסט? אַ טעות מן־הסתּם!
— מאַכט זיך נאָר נישט, פּעטער, פאַר קיין תּם!
איך אַליין מיט מיַינע אויגן דאָס געזען
און דער שוואַרצער קאָטער אויך דערביַי געווען —
לעבן טויער נעכטן!
נו, ווער וואָלט זיך אויף אַזוינעם ריכטן?
— שקר! (שריַיט דאָס אייזל) שוא־ושקר! ס'איז אַ בלבול!
זאָל אַ ציג איך ווערן! אַ צעטרעטן מילבל!
זאָל איך נעכטיקן אין דרויסן, ווען סע רעגנט!
(שווערט דאָס אייזל זיך און לייקנט שטיין און ביין.)
און אַ גאַנצן טאָג סע רוט שוין נישט, ניין, ניין —
וועמען נאָר באַגעגנט,
זיך פאַר אים געקלאָגט:
— האָט געהערט איר, וואָס מע זאָגט?
אַז דעם שכנס פּרה־אדומה
חיה־פרומע —
— נו?
— שריַיט צו מיר מו־מו!
— נו?
— נישט נאָר מו, נאָר מו־צע־ניו! —
און מע לאַכט שוין אין די פּויסטן, כאַדראַם די גאַס,
און מע טריַיבט דעם שלימזל מיט בעזעמער פון דערנער,
און די רויטע קו אים שיר נישט דורכגעלעכערט מיט די הערנער.

און אויך קולות פון אַ מאָנקאַלב אים געמאַכט אַ יברכך —
אַז די גאַנצע גאַס נאָר כאַ־כאַ־כאַ און כע־כע־כע!
און סע וואָלט געווען דאָך נאָר אַ קליינער שפּאַס,
ווען אַליין צעפּויקט ער נישט ווי מיט אַ האַמער אין אַ פּאַס.

די נאָז-פּאַטשיילע

וויפל קולות, וויפל שטימען,
פונעם דונער ביזן ביימעלע צעגרינטן
וואָס סע שמוסט זיך איבער מיט די ווינטן,
ביז צו דער פּאַטשיילע, וואָס רב שמעון
טראָגט זי אויפן אַלטן שטייגער הינטן
אין דער טיפער קעשענע,
און ער ניצט זי צו די ברילן צו די מעשענע,
און צו דער אפילו, וואָס די ברילן אויף איר רייטן —
זי רעדט אויך, די נאָז-פּאַטשיילע. וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?
נישט קיין גוטער סימן,
קאָפּ-ווייטיק האָט הײַנט רב שמעון —
נישט פּאַר תענוג: טעכטער פיר, פּרנסה קוים זיך ציקעט,
און דער שדכן טויבלעך, פּאָנפּעט, היקעט...
ציט רב שמעון די פּאַטשיילע אַרום קאָפּ זיך שטײַפער, ענגער,
גיט שוין די פּאַטשיילע לשון, רעדט זי פעסטער, שטרענגער.
„דאָס איז,” זאָגט זי, „אַז מע מאַכט דעם חלום לענגער
פון דער נאַכט!
האָסט אַ קאָפּ, ווילסט טראַכטן — טראַכט!
אָבער מיט אַ שעור, מיט מאָס —
שפּרינג נישט העכער פון דער נאָז!
ווי געזאָגט אַמאָל אַ שטעקן:
ווער סע קען, דער מעג זיך שטרעקן,
אָבער יעדער נאָך די עקן!
(ער געהאַט אויף זיך אַ גאַלקע, נישט געווען קײַן למדן!)
שאַ, וואָס דאַרפסטו מער? אָט בין איך אַ פּאַטשיילע,
און במילא
גרעסער פון דײַן קאָפּ — איך נעם-אַרום אים נעם איך,
און יאַקאָש

בלײַבט אַ קנופּ נאָך הינטן ווי בײַ דיין של־ראש,
און אפילו ווען די לענדן
מיט געבעט צו מיר זיך ווענדן,
נעם איך אויך אַרום זיי מיט גענאָד;
אָבער ווייסן ווייס איך, נישט פאַר מיר אַרײַנצונעמען אין אַ ראָד
נישט די שול און נישט דאָס באָד
און אפילו נישט דאָס מינדסטע שטיבעלע אין שטאָט".
זאָגט רב שמעון: „זאָלן מײַנע שונאים ריידן!
זויפל גאווה אין אַ נאָז־פּאַטשיילע, ווען זי ווערט באַשיידן!"

דער בראַוווער קערל

ציטערט אויפֿן מיסט אַ טרערל,
טרעפֿט עס זיך דאָרט מיט אַ ווײַנשל־קערל —
ביידע קײַלעכדיק, איין וווּקס, אַ פּאָר.
נוּ, צערעדט מען זיך: — גוט־עלף! — גוט־יאָר!
— שוועסטערל, ווי רופֿט מען דיך? — מע רופֿט מיך פּערל.
— און פֿון וואַנען קומסטו? — פֿון אַ ווײַסן האַלדז,
אַזש פֿון אונטער פּעטן גוידער.
נישט פֿאַרטראַגן איך דעם ריח פֿונעם שווייסיק שמאַלץ —
פֿי, חלשות! איך דערמאַן זיך, כאַפּט מיך אָן אַ שווידער!
נו, זיך אָפּגעריסן סוף־כּל־סוף און אַ באַלייטע
פֿון אַ ליבן שומר מיטן נאָמען בעזעם
(לעבן זאָל ער! נישט אָקעגנקומען זאָל קײַן בייז אים!),
איך פֿאַרקליבן זיך אַהער, געמאַכט אַ פּליטה.
— גאָט מיט דיר! וואָס רעדסטו? בעזעם? ער,
דער רוצח? הער, איך בעט דיך, הער —
אויב דו ביסט קײַן שטיין נישט, וועסטו מיך באַדויערן —:
אין אַ פֿרישן גאָרטן אַ צעבליטער בוים אין פֿרילינג מיך געבוירן
און געוואַקסן איך דאָרט — ווער מיר גוטס גינט... אָן מײַן שאָדן...
ליבער טוי געוואַשן, פֿרישער רעגן מיך געבאָדן,
פֿייגעלעך מיט לידעלעך אַנטשלעפֿט מיך און געוועקט,
זיסע זון מיט שטראַלעכלעך געקושט מיך און געלעקט
און מיט מיר געשפּילט זיך, מיך געקיצלט, איך געלאַכט.
שפּעטער־צו אַ זײַדן העמדעלע אַ רויטס די מאַמע מיר געמאַכט —
איז דאָס מיר געגאַנגען! האָט דאָס מיר געקליידט!
אַז די ווײַנשעלעך די גילדענע אין הימל
דורך די נעכט צו מיר גערעדט, געוווּנקען פֿונעם דרימל!
— יאָ? געוווּנקען? אָט אַ מזל! אָט אַ פֿרייד!
אָבער, יאָ, אַ הידוש: אויך אַנטלאָפֿן? אויך אַהער?

— וואָס אַנטלאָפֿן? וועך?
איך ווי דו? חלילה! פֿאַל נאָר נישט אַרײַן מיר אין די רייד,
לאָז זיך דינען!
איינמאָל, בלעטער גרינען,
זון און זומער־פֿייגעלעך און בינען —
מיר נישט, דיר נישט, קומט־אָן דער נישט־גוטער
און רייסט־אָפּ מיך — ווי מיר! — פֿון מײַן היים און פֿון מײַן מוטער!

מיט די ציין די ווילדע מיך געביסן,
מיר דאָס העמדעלע דאָס זײַדענע צעריסן
און דערנאָך ערשט מיך צום בייזן בעזעם ער געגיבן,
האָט ער מיך, דער רשע, אָט אַהער פֿאַרטריבן.
— נו, און דאָ וואָס? — זעסט דאָך: פּסולת,
אָפּפֿאַל, בראָכוואַרג! ווײַל איז
דיר, וואָס ווייסט נישט און פֿאַרשטייסט נישט ווי דו ביסט!..
זיפֿצט די פּערל:
— נעבעך, נעבעך, ווערט פֿאַרפֿאַלן דאָ! אַ בראַווער קערל
און ער וואַלגערט זיך מיט מיר איניינעם אויפֿן מיסט!

**
*

פּערל, פּערל, ערגערסט זיך אומזיסט —
נישט כדאי, אַ פּערל זאָל באַדוי'רן מיסט!

די נאָז-פּאַטשיילע און די נאָז

— זאָל דאָס זײַן אַן אמת, שיינע-ריינע?
(צו דער נאָז-פּאַטשיילע זאָגט די נאָז.)
— וואָס?
— נישט קײַן שלעכטע מעשה, כאָטש אַ קליינע.
אָנגעשמעקט אַ נײַעס איך: רב איציע
קומט פֿון טראַסקעוויצע,
בליט דאָרט, זאָגט ער, נישט אַ בוים אין גאָרטן, נישט אין גראָז אַ בלימל,
נאָר אויף אַלע קעפּ, אויף אַלע דעכער שימל,
און אַ נאָז-פּאַטשיילע איז דער הימל —
טוט אַ נאַסער ווינט אַ בלאָז,
ווישט זיך מיטן הימל גאָט די נאָז;
גיסט אַ רעגן, ווערט אַ בלאָטע,
האָט פּרנסה ביזן גאַרטל די קאַפּאָטע.
— ווייס איך וואָס, רב איציעס מעשיות! קענסט אים נישט, דעם קרומען?
גלייב נישט! דאָס וועט זײַן ערשט, ווען משיח וועט קומען!

**
*

וואָס וועט נישט זײַן, ווען משיח וועט קומען?
פֿרעגט אַ בלינדן, פֿרעגט אַ שטומען,
פֿרעגט די קרעציקע, די פֿאַליקע,
פֿרעגט אַ יעדן וויסטן קאַליקע,
פֿרעגט דאָס שטרײַמל, דעם צילינדער, אַלטע שיך —
פֿרעגט, זײַט מוחל, זיך!
נישט אומזיסט אַ צדיק לאַנג געטון אַ שפּיי:
„זאָל ער קומען און איך זאָל נישט זײַן דערבײַ!”

די דערוואַכונג פונעם וואַלד

מזל־טוב, אַ יום־טוב אויף די שאָף!
אויפגעכאַפּט דער וואַלד זיך פונעם שלאָף
און אַ זאָג געטון: „גוט־מאָרגן!
שוין גענוג אין מײַנע שאָטנס ווי אַ גזלן זיך פאַרבאָרגן!
ליכטיק — אויף מיין קאָפּ גייט־אויף אַ נײַע זון!”
מיינט נישט, פּלוצים דאָס געשען — גענוג זיך דאָרט געטון:
פריער אָנגעהויבן נײַע ווינטן בלאָזן,
פרישע,
און קײַן האָז שוין זאָגט נישט מער „שלא עשני אישה” —
וואָס „שלא עשני” עפּעס? ווײַבער נישט קײַן האָזן?
שפּעטער־צו געגומען שושקען זיך די בלעטער
און דער ווינט געפּליקט זיי און געשיקט לעזאזל.
נאָכדעם גאָר —אַן אַלטן פּוקם אין פּנים שפּרינגט אַ האָזל:
„איך בין עלטער! דרך־ארץ, פעטער!”
און וואָס נאָך? די פייגל זיך צעזונגען מאָדנע האָפערדיק
און דער וואָלף גייט־אום דערשלאָגן, שוכן־עפרדיק.
ערשט, אַ דונער — קנאַל נאָך קנאַל!
נעמט דער לייב זיך וואַקלען, צו דער ערד אַ פאַל —
דעמאָלט אויפגעציטערט שוין דער וואַלד
(קוים זיך אָנגעשטויסן, ווי סע האַלט),
מיט דער טשאַפּרינע אַ טרייסל, גבורהדיק זיך אַ צעפּאָך.
און דערנאָך
קומט דער האָניק־חודש, ליכטיקע פיר וואָכן:
„נישט געקוילעט! נישט געביסן! נישט געשטאָכן!
אויסקומען מע קען מיט האָניק, גרינסן און געוויקסן —
זאָגט דער בער, דער פרישער פּוסק, נײַער רב;
אויף די אַלע פליייש־פרעסערם אַרויפגעלייגט אַ שטראָף:
„גיין אויף צוויי און מאַכן קניקסן

ווי די מענטשן, וואָס זיי שיסן זיך מיט ביקסן,
קוילען זיך מיט שווערדן —
חיות נישט קיין מענטשן אויף גאָטס ערדן!
חיות זענען ברידער — אַלע איינס, איין פלייש-און-בלוט!"
גוט?
זאָגט דער פוקס, מע דאַרף נאָך מאַכן בעסער —
זיצט און פלפולט דריַי מעת-לעת ער,
נאָכדעם אויף אַ בערגל וואַקסט ער אויס און רעדט בזה-הלשון:
„איך אַמאָל בין יונג געווען און איצטערט גראָ שוין,
כ'האָב אַ סך געזען, געהערט, געביסן דראָטן —
הערט-זשע, וואָס סע רעדט צו אײַך אני הקטן:
אַלע מיר די טובה פון די שאָף און רינדער זעמיר אויסן —
זיי גאָר הערנער אויף די קעפּ! נאָך וואָס? זאָל זײַן אַז נישט צום שטויסן;
אָבער דאָס טיילט-אָפּ זיי, מאַכט זיי פרעמד אונדז, רייצט דעם צאָרן!
גלײַך איז גלײַך! נישט זיי, נישט מיר — מע טראָגט נישט מער קײַן האָרן!
הערנער טראָגן שטרענג פאַרבאָטן!
און זאָל לעבן אונדזער וואַלד און זײַנע גלײַכע קינדער,
שאָף און בערן, וועלף און רינדער!"
און פון דעמאָלט ליב דער וואָלף דאָס שעפּעלע — ער וויל נישט מער נאָר
אָפּרײַסן דעם שלימזל די הערנער.
און וואָס איז ער שולדיק, אַז דערבײַ ווערט אויך אַ תל
אי דאָס קעפּל אי די פעל?

דער צוג

טוט דער צוג אַ תּקיעה־פײַף צום הימל
(ער, אַ שטימעלע, אַ שטימל!)
און צעלאָזט זיך אויף זײַן שפּראַך:
„פּוך־פּוך־פּאַך!
וואָס איז דאָס? אַ מאָדנע זאַך!
כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, אַ געלעכטער —
אַ ויברח מאַכט דער דראַנג, נאָך אים דער וועכטער!
קוקט,
ווי דער באַרג, ער רוקט זיך, רוקט זיך, רוקט —
אויך דערשראָקן זיך! אַזאַ געזונטער!
און דער טאָל, ער שלעפּט זיך נאָך אַרונטער!
שטייט נאָר, שטייט נאָר! גאָט מיט אײַך!
אָט, פון גרעבליע אָפּגעריסן זיך דער טײַך,
און אָט לויפט אים נאָך דער וואַלד!
כאַפּט אים, כאַפּט אים! האַלט!
לויפט אַ שטיבעלע אים כאַפּן, לויפט דאָס צווייטע —
אינדערוויַיל גאָר, כאַ־כאַ־כאַ, זיי ביידע מאַכן פּליטה!
שטייט, וואָס בין איך? אַ מחבל? אַ צעשטערער?
סדום־עמורה־איבערקערער?
צי גאָר אַ פאַרשאָלטענער איך, פון די ריזן די געפאַלענע,
די פאַרפירערס די מעטאַלענע,
פון געברענטער תּאווה און פון בראַנדז געקנאָטענע,
וואָס געזינדיקט מיט די מענטשן־טעכטער די געראָטענע?
וואָס איז דאָס אַנטלויפן? ס'איז נישט צום פאַרשטיין —"
הידושט זיך דער צוג, אַנטלויפנדיק אַליין.

דער אָדלער און דער מוילוואָרף

צוויי, דער אָדלער און דער מוילוואָרף, הויך געפלויגן,
ווײַט געצויגן —
איינער, ווי געוועגלעך, מיט די פליגל
און דער צווייטער מיט דער מאַכט פון מלך שלמהס זיגל.
זיבן טעג געפלויגן, אויפן אַכטן
אָנגעקומען צום גן־עדן־תחתון.
(אָנגעזאָגט זיי שלמה: „דעם גן־עדן מיר באַטראַכטן!
פאָרשטן, אויסקוקן מיט שאַרפן בליק!
דאָרט דער זין פון לעבן, דאָרט דער סוד פון גליק,
דאָרט דער פתרון פון מיין חלום, וואָס איך מוז אים ערשט באַשיידן!”)

אָנגעקומען ביידע צום גן־עדן,
עפנט זיך פאַר זיי אַ וועלט, אַ וועלט שכולה וווּנדער.
און אַ יעדער וווּנדער איז אַ וועלט פאַר זיך באַזונדער,
און אין יעדער וועלט אַזוי פיל און אַזוי פיל שפּיגלען,
און אין יעדן שפּיגל ריגלען־אויף זיך און פאַרריגלען
טויערן־טירן,
וואָס זיי פירן
דיך אין נײַע וועלטן זיך פאַרלירן.
טראַכט דער אָדלער זיך: „אָבי
כ'האָב געמיינט, איך פלי
און איך קוק מיך צו צו יעדער קליינִיקײַט, צו איטלעכס פּיצעלע באַזונדער.

יאָ, איך זע שוין, נישט געבוירן פאַר דער זון דער,
ווער זיך יאָגט נאָך יעדן איינעם פון די שטראַלן —
לאָז־אַראָפּ זיך דו צו איינציקייטן, ווערסט אויף אייביק דו פאַרפאַלן
אין איין טויער, אין איין שפּיגל;
העכער מוז מען הייבן דאָ די פליגל,

איבער אַלץ און איבער אַלעמען זיך שטעלן
און זיך באָדן פּונדערוויַיטנס אין די גלאַנצן
פֿונעם גאַנצן —
אַלדינגס אַרומנעמען, באַנעמען מיט אַ קוק אַ העלן!
אַ, דאָס מוז מען קענען, וויניק נאָך דאָס וועלן!"
איז דער אָדלער דאָך אַ פֿליער אַ געניטער,
פֿליט ער,
פֿליט ער און סע שפּרייטן־אויס פֿאַר אים זיך אונטן,
אין אַ פֿאַנטאַזיע־וווּנדער אין אַ בונטן,
לאַנדשאַפֿטן און שלעסער, שלעסער איבער שלעסער —
שלעסער פֿון קרישטאָל
און מערמלשטיין און העלפֿאַנטביין. און וואָס אַמאָל
זונען שפּאָגל־נייע, אָקאָרשט פֿון די פּוטער־פֿעסער,
ערגעץ אויף אַ קופּאָל, אויף אַ טורעם אויף אַ רונדן —
אַט געשפּיגלט זיך אין רעגנבויגנס, אַט פֿאַרשווּנדן.
און אַרום און איבער אַלץ אַ שבת־רו אַ שטילע.
און דער וווּנדער וויקלט זיך, צעוויקלט זיך ווי אַ מגילה
איבער ווערסטן, איבער מײַלן: יעדעס וואָרט מיט זיבן מיינען,
יעדער מיין מיט זיבן חנען —
און דער אָדלער קוקט פֿון וויַיטנס, קוועלט, און קען נישט לייענען —
און דער מוילוואָרף איז באַשיידן און ער זאָגט: „פֿאַרקערט!
גראָבן דאַרף מען אין דער ערד,
אין דער טיפֿקייט, און נישט פֿליען הויך אין הימל —
זיך דערגראָבן מוז מען צו די וואָרצלען פֿון די זאַכן!
זאַכן? זאַכן אָן אַ שיעור, אין ווייס־איך וויפֿל פֿאַכן!
גאַנץ געווּג אַ זאַך: אַ בוים, אַ ביימעלע, אַ בלימל —
זיך צום וואָרצל־שטענגל פֿון איין בלימעלע דערשלאָגן!
נאָר דעם אמת מוז מען זאָגן,
אַז דאָס גאַנצע וואָרצל־שטענגל
ליגט זיך אויבעט אויפֿן שכל ווי אַ קלעצעלע, אַ דרענגל —
אויך צו פֿיל! דער וואָרצל האָט ערשט פֿעדעמלעך און הערעלעך,
שפּיץ־ און היונה־רערעלעך —

איינס אַ הערעלע אַזאַ צעברעקל און צעפיצל
און געפֿין־אַרויס דאָס שפּראָצלינגל, דאָס שפּריצל,
ווו צווישן יאָ און ניין, דאָרט ערגעץ אין אַ קריצל,
ליגט דער אָנהייב און דער סוף פֿון גרויסן רצון
און דער סוד פֿון גליק, פֿון לעבן און פֿון שפּראָצן.
נאָר דאָס הערעלע, דאָס רערעלע איך זע פֿאַר מיר אַצינד,
פֿאַרן גאַנצן איבריקן איך בלינד,
אַלץ פֿאַרזונקען אין אַ ים פֿון טויטע ראָבן,
און די ראָבן דאַרף איך אויך נישט האָבן —"
זאָגט דער מוילוואָרף און ער נעמט זיך גראָבן, גראָבן —
זוכט די אוצרות, וואָס זיי ליגן
טיף פֿאַרבאָרגן אין גן־עדן
ערגעץ אינעם שאַרבן פֿונעם זיידן
פֿון די פֿליגן.
און דער סוף? וואָלט שיין געווען אפֿילו פֿאַר אַ ליגן,
ווען ער איז קיין וואָר נישט:
אי דער אָדלער, אי דער מוילוואָרף דאָרט געפּאָרשט, געפּאָרשט אַ יאָר,
און דער שפּיץ — דער אָדלער ווייסט נישט גאָרנישט וועגן גאָר
און דער מוילוואָרף אַלדינגס ווייסט ער וועגן גאָרנישט.

דער טאַנץ (די פּויק)

אויף איר מזל זיך די פּויק אַמאָל געקלאָגט
און אַזוי האָט זי געזאָגט:
„גאָט אַ פּאָטער, סע פאַרשטייט זיך —
איינעם נחת שענקט ער, איינעם מכות־רצח.
זעט די טרובע! אָט אַ לעבן, פּיסק צו פּיסקל —
כאָטש אַ קעלכל, צווישן אונדז זאָל בלײַבן, פון אַ שור־הנסקל.
און דאָס פידעלע, אוי זעט נאָר, ווי רב איציק
גלעט עס מיט די פינגער, מיטן סמיטשיק,
אַזוי האַרציק, אַזוי זיס,
ווי ער טוליעט — צו פיל, כ׳לעבן! פע!
זאָגט אײַך וואָס איר ווילט — פאַר לײַטן פשוט מיאוס!
מאַלע, נו — נאָר שאַט נאָר, שאַט! עהע,
גאָר אַ פּעלטש געטון דאָס פידעלע! בכן? אַ דריי בײַם אוי׳רל
און געשפּילט שוין ווידער! נו וואָס דען, ווי איך? אומשטיינס־
געזאָגט, מײַן גורל —

קלעפּ אויף קלעפּ, אַ האָגל!"
„כע!" אַ ברום געטון דער באַס, „אַ זקן איך, אַ רגיל,
איך אין שפּילן בין געניט,
און איך זאָג דיר: קיש צי קלעפּ — דאָס זעלבע ליד,
קולות פון איין קלאָגעדיקן ניגון!
דאַכט זיך אויס אַמאָל אַ פריילעכס — אויך אַ ליגן!
ס׳איז אַ שפּיל גאָר פאַרן טײַוול:
הוליע, קבצן! טאַנץ, רב פּײַוול!
הייב די פּיאַטעס! רײַס די שיך!
האַרגן כאַפּט דער רוח דעם פידל אָדער דיך!"
„באַס!" זאָגט־נאָך דאָס פּײַקל, באַס!"
אײַנפאַרשטאַנען מן־הסתם.

דער רעגנבויגן און די פיש

פון אַ ווײַטער פאַרבן־וועלט געצויגן,
ווי אַ יונגע מאַמע איבער וויגעלע פון קינד געבויגן —
איבער טײַך אַ רעגנבויגן.
שטייט און שטייט — דאָס קינד זיך נאָך געניג נישט אָנגעזויגן
מיט די זיבן־פאַרביק זיסע מילכן,
ס׳מאַכט זיך מיט דער מאַמעס ברוסט אַ שפּילכן.
זעט — אַ שווײַגנדיקער דונער, נאָר מיט פאַרבן טוט ער הילכן!
ווערן שטומע ריידעוודיק, באַקומען לשון פיש —
מע באַוווּנדערט און מע הידושט זיך: — פּש־פּש!
— פּי!
— שטייט שוין פון גאַנץ פרי!
— פּלאי־פּלאים!
— איך באַטראַכט שוין פון אַ שעה אים!
— פאַרבן!
— איינמאָל זען און שטאַרבן!
— ע־הע־הע!
— בע!
— אײַך געפעלט נישט? — עט!
— ממ... אַ קאַרפּנקאָפּ און ווייסט נישט וואָס ער רעדט!
אַלצדינג ער מיט עט און בע מבטל!
(מיטן עק דעם אַלטן קאַרפּ אין פּנים פאַטשט אַ יאַטל.)
— שטום, יונגאַטש!
— אַלטער קוואַטש!
— שטאַרב!
(וואַרפנדיק זיך אויפן עזות־פּנים, שרײַט דער קאַרפּ.)
אויפן קאַרפּ זיך וואַרפט דער העכט,
נעמט זיך אָן די קריוודע פונעם יאַט —
אַז דער קליינער פאַרט גערעכט!

נאָר דער קאַרפּ האָט אויך אַ צד.
און ווי צד און צדדים,
הייבט זיך אָן די מעשה פונעם רויטן פאָדעם,
וואָס ער ציט זיך דורך אַלע צרות, אַלע ווונדן.
לאַנג דער רעגנבויגן שוין פאַרשווונדן,
לאַנג די פּיש אין אים פאַרגעסן —
און מע האַלט זיך אין איין עסן!

קע־קו־אָק

זיך צעהוליעט קוואַקי־קוואַק,
דאָס באַרימטע פּרעשל, און סע גייט אַ קע־קו־אָק
(ס'איז אַזאַ מין מאָדנע טאַנץ דאָרט אין געמויזעכץ,
וואָס ער הייבט זיך אָן מיט פויזעכץ
אויפן בויך
און גייט־איבער אין אַ שפּרינגען אין דער הויך).
שפּרינגט דאָס פּרעשל העכער גרינעם שימל
(דאָרטן הייסט עס ביזן הימל),
מיטן פּיסקעלע ביי יעדן שפּרונג אַ צמאָק,
און די זשאַבעס פּליעסקען און זיי שרייען: קע־קו־אָק!
דאָס אַ טאַנץ, זאָג איך איַך, עף־און־פוף!
זעט דאָס דער געמויזעכץ־וואָרעם „שלענגלגוף",
דרייט ער מיטן עקל,
מאַכט־אַוועק: „אַ שיין מין קע־קו־עקל!"
„דו קענסט בעסער?" זאָגט אַ זשאַבע,
„נו, באַווייז־זשע, אַדרבא!"
נעמט דער וואָרעם טאַנצן, ווייזט זיך באַלד אַרויס:
וואָס ס'איז שייך פויזען אויפן בויך —
גאַנץ נישקשהדיק! דאָס קען ער אויך,
אויסגעצייכנט, יאָ, אין פויזען איז ער גרויס;
אָבער אַז סע קומט צום שפּרינגען ביזן הימל —
נעבעך, פאַלט אויף אים אַ דרימל.

דער חתן

איינמאָל שטעלן האָט געוואָלט אַ חופּה —
ווער? דאָס הייפּטל קרויט אין גרינער יופּע.
קען אָבער דער חתן זיך נישט צוקלויבן קיין כלה.
און אין אמתן, נו וועמען? זאָגט, איך פרעג אײַך אַלע!
— אפשר דאָס אַרבוזיקל? — אַביסעלע געפּערלעך:
אַ פּאַרמאַכטס, אַרײַנקוקן אין אים איז שווערלעך,
גאָט ווייסט וואָס אין אים דאָרט טוט זיך,
ווײַסע צי גאָר שוואַרצע קערלעך!
— און די דיניע? — געל און פירט נישט גוט זיך,
איז אַ פליאָטקעמאַכערין, אַ צרה!
— אפשר גאָר די פּאָמעדאָרע?
— ע, אָן זאַלץ, אָן טעם!
— פרײַלין רעטעך?
— לאָזט געמאַך, איך בעט אײַך!
אַ מרשעת, פײַ׳ר־און־פלאַם!
— שאַ נאָר, שאַ, די פּיטשערישקע?
— מוחל אײַך די אַלטע פּריצה!
— ווייסטו וואָס, די אוגערקע? — צו גרין!
— נו ווער דען־זשע? (פרעגט די בין —
דאָס די שדכנטע, וואָס פליט אַהער, אַהין.)
— כ׳ווייס? איך מיין — איך טראַכט — דאָס קעפּל קרויט
וואָס שפּאַצירט דאָרט אויבן — ליכטיק דאָס און רויט —
ווען, ע —
— וואָס מיר נישט געחלומט זיך נישט די נאַכט און נישט יענע!
(זאָגט די בין) נו, טו אַ קוק:

טראָגט אַ יופּע אויף אַ יופּע און איז שיין בײַ זיך און קלוג —
אָקערשט קומט די זון און טוט אַ כלה-קוש אים!
און פֿאַרוואָס? אין זכות פֿון די מלבושים?
זאָג מיר נאָר, דו חתן מײַן — איך מוז דאָס וויסן, איידער
אין שדכנות צו דער זון איך גיי דיר — :
דו אַליין וואָס ביסטו, דו און אָן די קליידער?
ניִשט אַ גאָלע גאָרנישט? נישט אַ הוילער קאַטשן?
ליג-זשע ווי מע קען דיך, נישט פֿאַר דיר זיך ווײַט צו קאַטשען!

דאָס שלעכטע מאכל

לאַנג, צוריק מיט יאָרן,
איידער מ׳איז נאָך מיט דער באַן געפאָרן
און די וועלט אין גלות
נאָך געווען ביי בעלי־עגלות,
דעמאָלט בעלי־עגלות זיך אין אַלדאָס גוטס געבאָדן
און שטאָט ברויט געגעסן פלאָדן.
מער פון אַלע — טאָלע:
אין דער מאַמעס בויך נאָך ער געווען אַ בעל־עגלה,
פונעם בויך, דערציילט מען, ער אַרויסגעפאָרן מיט אַ וויאָ.
און איר מעגט עס אויף אים גלייבן, יאָ!
איינמאָל ער אין שטאַל געשטאַנען,
ליב אַרומגעגלעט דאָס פערדל פאַרן שפּאַנען,
און אַרויסגעבראַכט אַהינצו
זיין געטריישע שפּרינצע
אים אַ גרויס שטיק פלאָדן וויסן,
פאַרן פאָרן צו פאַרבייסן.
נעמט ער, טאָלע, זאָגט צום פערדל: „ליבער,
אפשר גייט דאָס האַרץ דיר איבער,
פלאָדן דאָך ביי דיר אַ נייעס —
האָסטו אויכעט אַ כזית!
מערער טאָרסטו איצט נישט נאַשן,
זויל צו פלאָדן דאַרף אַ פערד זיך וואַשן —
ס׳שטייט אַזוי אין גראָבן קרבן־מנחה־סידור!"
און ער לייגט אַ שטיקל פלאָדן פאַרן פערד אַנידער.
נאָר דאָס פערדל אַ מפונק, נעמט עס שמעקן
און דאָס זיסע שטיקעלע באַלעקן:
„וואָס מיר דאָס?"
און דערנאָך ערשט מיט דער נאָז

באַלד פון זיך אַ בלאָז.
„פע, חלשות!” זאָגט עס, „דאָס־אַ עסן? ווי אַזוי?
עסן עסט מען האָבריק, קײַען קײַט מען שטרוי —
גיב אַ פולן זשאָלעב, וועסטו זען ווי איך וועל מאָלן!
אָבער פלאָדן? פוי! אויף וויסטע בערג און טאָלן!”

⁂

פערדלעך — פערדישע מאכלים!
פלאָדן פאַר די פערד גאָר? חס־ושלום!

דער הונט און דער ים

אויפֿן ים געעפֿנט האָט אַ הונט אַ פּיסק,
אַ געפּילדער אַזש פֿון פּאָרטוגאַל ביז בריסק —
אויפֿן גישטער האָט געטון אַ נעם ער!
„דווקא, דווקא!" שרײַט ער, „דווקא!
דווקא ווי די ווײַסע שאָף און ווי די טאַנצנדיקע לעמער!
דווקא, דווקא! גלײַך קײַן נפקא-
מינה
פֿון אַ שאָטן ביז אַ סטינע!
און צעוואָרפֿן דווקא זיך אַהין, אַהער, אויף אַ מדינה!"
(זיך צעדאַווקעט אונדזער כלב.)
„גלייבט מיר, ווען דער ים איז לויטער חלב,
וואָלט שוין אויך געווען צו פֿיל! וואָס צו,
זאָגט די וועלט, איז איבעריק — חוץ פֿלייש און ביינער!
אָבער ווו איז חלב, ווו?
נישט קײַן לעמער, נישט קײַן חלב, גאָר אַ שווינדל אַ געמיינער —
גאַל און זאַלץ!
טפֿע! סע קריכט מיר נישט אין האַלדז!
עך, עך, וויפֿל איבריקס אויף דער וועלט פֿאַראַנען:
קעז און געסט און ים און פֿליגנקיצל,
שטעקן, בײַטש, לבנה, אויסגעהוילט שקאַרמיצל —
ס'טראָגט עס אונטער דיר דער ווינט, דו ווייסט גאָר נישט פֿון
וואַנען!"

און דער ים?
וואָס מער עמוק, מער פֿאַרגינט ער זיך צו זײַן אַ תם:
שיפֿן אויפֿן האַרץ און פּערל אויפֿן גרונט,
פֿרעגט ער נישט, וואָס טויג אַ הונט!

קדוש-לבנה

אויף אַ זילבערשיפעלע געקרויזט מיט פּערלשוים,
שיפט זיך די לבנה אין אַ בלאָען טרוים,
און זי שמייכלט קוים.
ערשט — אַ כלב זיך צעבילט
אויף אַ קול מחוצפדיק און ווילד:
— עי, הער בילער,
זײַט־זשע מוחל, שטילער!
(זאָגט צו אים רב יונהלע, אַ טויב
פונעם נאָענטן טויבנשלאַק.)
— אי, נו, מפסיק, שקאָץ! כאַפּסט באַלד אַ פּסק!
כ׳בין מחדש די לבנה דאָך! איך זינג דאָך איר אַ לויב!
— וואָס? וואָס רעדט איר? איר באַזינגט דאָס שיינקייט דער לבנהס?
איר, הער בילער? ניין, איר טרײַבט לצנות!
— נאַ דיר גאָר לצנות! הערסט נישט? דו ביסט טויב?
— הערן הער איך, זאָגט די טויב,
נאָר — נו זאָגט אײַך וואָס איר ווילט:
לויבט אַ כלב, דאַכט זיך גאָר, ער בילט!

דער חוקר

די רגלים אונטער זיך פֿאַרבויגן,
אויפֿגעשטעלט די אוי׳רן, האַלב פֿאַרמאַכט די אויגן,
ליגט דאָס אייזל און סע הייבט געדאַנקען.
(וויפֿל חקירות האָבן מיר חמורים צו פֿאַרדאַנקען!)
„אָ! גוט מאָרגן!" די געדאַנקען אומגעריכט שלאָגט־איבער אים דאָס פֿערד,
„נאָר איר טראַכט, מײַן שכן, נאָר איר קלערט!
וואָס איז עפּעס ווידער?"
זאָגט דאָס פֿערד און לייגט זיך קעגן אים אַנידער,
„הערט, געדענקט מײַן וואָרט:
טראַכטן — אי פֿאַר זיך אי פֿאַר דער וועלט אַ מאָרד!"
„כ׳ווייס! נו, מילא, ס׳טראַכט זיך אָבער פֿאָרט!
ס׳איז אַזוי, מײַן פֿרײַנד, די טבֿע פֿון אַ חוקר —
די געדאַנקען־משא טראָגט ער ווי דאָס קעמל טראָגט דעם הויקער.
אָט למשל איך פֿאַרטיפֿט זיך אין נגינה:
שלאָף איך, צי קײַ שטרוי איך,
וויל איך יאָ, צי וויל איך נישט — סע אַרבעט שוין דער מוח!
ס׳איז, פֿאַרשטייט איר מיך, אַן ענין נישט ווי גראָזן גרינע,
נישט אין איין כהרף־עין
וועט איר דאָס צעקײַען!
נעמט דעם סאָלאָווײ אַ שטייגער — וואָס? אַ וועוורקל, אַ ברעקל!
און סע קלינגט מיט אים אַ וועלט — אַ גלעקל!
זאָגט, וווּ שטעקט זײַן גבֿורה, וווּ? אין פֿליגל צי אין בויך?"
„כ׳ווייס? מע זאָגט, אַז זינגען דאַרף אַן אוי׳ר."
„שטותים!" שאָקלט מיט די אוי׳רן רב חמור,
„אוי׳רן האָב איך אויך!"
„אפֿשר איז געווענדט אין קול? אין האַלדז?"
„אי, מע דאַרף דאָך ווי דער קו אײַך גיבן לעקן זאַלץ!

וואָס-זשע, כ'האָב קיין קול חלילה? ווילט איר שרייען, שריי איך!"
און דאָס אייזל ציט דעם האַלדז און טוט אַ הירזשע.
„וואָס-זשע דען? זאָגט איר-זשע!"
בעט דאָס פערד.
„הערט!
איך אַז קיי אַ זאַך, צעקיי איך,
על פּי שכל!
זינגען איז געווענדט אין מוח'ל, ברודערציו, אין מוח'ל!"
„גאָר אין מוח'ל? וואָס איז שייך?"
„שייך, שייך, זאָג איך אייך, רב פערד,
נאָר דאָס שייכות איז פאַרקערט:
ס'איז אַ כלל,
וויסן זאָל פון היינט די שטאַל —
וואָס דאָס מוח'ל קלענער,
אַלץ דאָס זינגען שענער!"

רש״י

רויק, שטילער, טומלדיקע גאַס —
רש״י שרײַבט זײַן פּירוש אויף תנ״ך און ש״ס!
קורץ דער טאָג, די אַרבעט גרויס, מע טאָר קײַן רגע נישט
פאַרלירן —
וואָס־זשע פּלוצים אָפּגעשטעלט זיך, וואָס־זשע?
עפּעס רש״י קשה,
קען זיך פונעם אָרט נישט רירן.
זיצט פאַרטראַכט ער, ברומט זיך אַ גמרא־ניגון.
וואָס־זשע זאָלן טינט־און־פעדער טון? מע נעמט דערווײַל זיך קריגן:
— דו, רב פעדער, גרויס בײַ דיר נאָר זײַ נישט!
(ס׳טינטערל סע טענהט)
שכל שעפּסט פונוואַנען דו? פון מיר!
איך אַ ים פון חכמה בין איך, מײַנס אַ יעדעס טרערל
דאָך אַן אבן טוב, אַ פּערל —
אַ שוואַרצאַפּל אין דעם אויגן־וויסל, וואָס מע רופט פּאַפּיר! —
און אַקעגן טינטערל די פעדער:
— וואָס? וואָס רעדט ער דאָרט, דער שוואַרצער בעדער?
אויב דער טינטער ים, בין איך דער שטעקן וואָס איך שלאָג אים!
זאָג איך אים און זאָג אים:
וואָס ביסטו? אַ מקווה, ווו צו טבילה זאָל איך גײן,
איידער קלוגע פעפערלעך אויף ווײַסן פעלד איך נעם פאַרזייען —
דאָס אַ הייליקע עבודה, נישט קײַן שפּילעכל חלילה!
מוז פאַר יעדן שורהלע איך האָבן טבילה!
(זאָגט די פען.) און רש״י קנייטשט דעם ווײַסן שטערן הויכן,
קוקט אויף טינט־און־פעדער און באַדויערט זיי: „כאן בוכין!״
וואַרטן אויף אַ תיקון אָרעמע צוויי זאַכן —
רש״י ווייסט נישט וואָס מיט זיי צו מאַכן.

מרימס ברונעם און דער עמוד אש

האָט אַ פֿאָלק באַפֿרײַט זיך פֿון מצרים,
מאַכט דער ים אַ וועג אים, מדבר איז געטרײַ אים.
שטיין, קענסט גיבן וואַסער אים? איך קאָן!
און דו, קופּערהימל, דו וואָס שענקסט אים? מן!
בערג, פֿון אייביק אָן באַזונדער זיך געשטאַנען,
דער אין מואב, דער אויף באָדן פֿון זכות־אבות,
און אַ יעדער זיך אין אייגענע מחשבות —
זיי דערזען נאָר די באַפֿרײַטע מחנות שפּאַנען,
קאָפּ צו קאָפּ געבויגן, זיך צונויפֿגעשלאָסן
און הכנעהדיק געבעטן:
„זאָל אויף אונדזער פּלייצע אונדזער חלום טרעטן,
אונדזער חלום, וואָס באַקומען בלוט־און־פֿלייש!"
און דער מרים־קוואַל, וואָס נאָך די מחנות נאָכגעפֿלאָסן,
גלײַך אַן אויג פֿון מוטער ערד, מיט חסד אָנגעגאָסן,
שטיל געמורמלט און גערעדט צום עמוד אש,
צו דעם פֿײַערזײַל, וואָס פֿאַרן פֿאָלק געגאַנגען,
אים דעם וועג געלויכטן און געברענט די מדבר־שלאַנגען.
— ברודער, זאָגט דער קוואַל צום פֿײַער, וואָר דאָס צי אַ חלום?
זע נאָר, בערג געשלאָסן שלום!
אפֿשר צײַט שוין, פֿײַער זאָל מיט וואַסער גיסן זיך צוזאַמען?
קום, אַ ברודער, שפּרינג מיט דײַנע פֿלאַמען
אין די אָרעמס מײַנע קילע!
— זאָל גאָט היטן! חס־וחלילה!
— נו פֿאַרוואָס־זשע? — פֿײַער זאָל מיט וואַסער זיך גאָר שפּילן?
— מערק
די בערג!
— סאַראַ גלײַכן? בערג פֿאַרשיידן טראַכטן, מיר פֿאַרשיידן פֿילן!

די קראָ און דער קוקוק

„קום אַהער, מײַן ראָבעלע, געקומען שוין די שעה
לערנען זיך נביאות זאָגן!"
צו איר זינדעלע געזאָגט די אַלטע קראָ,
„מאָרגן, ווען דאָס ערשטע פרילינג־ווינטעלע זיך טראָגן
איבער נאָנטע, ווײַטע וועגן,
קומען לײַט צו דיר שוין עצות פרעגן,
בוקן זיך און כּיבוד לייגן — ווערסט בר־מצווה!
נישט געלאָזט ביז הײַנט זיך לערנען, איצט וווּ
ווערסטו נעמען שׂכל און ווי וויסן וואָס צו רעדן,
ווי באַגיין זיך און וואָס ענטפערן איעדן?
הער־זשע כאָטש איין כּלל: מע גיט דיר — נעם!
אָבער זאָג נישט וואָס דו ווייסט — געדענק, למען־השם!
ביטער איז דער אמת, ביטער,
און מיט צאָרן הערט מען אים, מיט שוידער און מיט ציטער —
נו, איז מאַך אַביסעלע אים שיטער!
דו פאַרשטייסט? סע רעדט זיך נאָר אַזוי „אַביסל" —
צײַט דו זאָלסט צעפּיקן שוין דאָס ניסל...
קיצור: וואָרט וואָס שענער — אמת בלייכער,
אָבער לאָזן מוזטו דאָך פון אים אַ סימן, כאָטש אַ זכר!
און דעם אמת ליבן זאָלסטו, ליבן!"
„יאָ? נאָך וואָס?" „כּדי מע זאָל דיר גלויבן!"
און פון דאָרטן אָפּגערוקט העט־העט
זיצט זיך אויף אַ בוים דער קוקוק און ער רעדט:
„הער זיך צו, מײַן זון!
מאָרגן, ווען אין מיטן הימל שטייט די זון,
וועט געשען, דער רוח־נבואה וועט אויף דיר אָניאָגן —
זאָלסטו וויסן, זון, נישט שרעקן זיך, נישט שרעקן!
קלאַפּן זאָלסטו! קלאַפּן! וועקן!

און דעם אמת זאָלסטו זאָגן,
אמת!
זאָג זיי, ווו די צרה, ווו דער סמך־מם איז —
פון דער מאַמעס איי באַלייט זיי דאָך דאָס בייז!
אָבער יאָ, וואָס וויל איך זאָגן? ווייס —
(ביסט דאָך נאָך אַ קינד, און מאריך זײַן וואָס טויג?
ריין און לויטער ווי דער פרילינג־טאָג דײַן אויג...)
נאָר איך זאָג דיר, כאָטש דו וועסט מיך נישט פאַרשטיין:
ווי דער אמת זאָל נישט שיין זײַן און דערהויבן,
גיב אים צו אַ שקר־ווײַמפּערל, אַ חן!"
„יאָ? נאָך וואָס?" „כדי מע זאָל דיר גלויבן!"

גוטע־ברידער

אויפן שפּיץ פון הויכן, גרינעם באַרג,
וווּ די ווינטן בלאָזן שטאַרק,
זיך דער פעטער ירחמיאל
אויפגעשטעלט אַ נײַע מיל.
נו, אוודאי, פאַר אַ ווינטמיל דאָרט
אי דאָס העכסטע אי דאָס בעסטע אָרט.
נאָר אַ צרה: שווער, מסוכן שווער אַהין צו קריכן.
וואַרט ירחמיאל אויף קונים, וואַרט ווי אויף משיחן.
נײַ די מיל, דאָס ווינטל פריש —
און ער זיצט ווי שבת נאָכן טיש.
שרעקלעך!
איינמאָל, ווי ער הערט — אהאַ, סע קלינגען גלעקלעך!
שטעלט ער אויף זיך, קוקט זיך צו גוט מיט איין אייגל,
זעט ער, באַרג־אַרויף דאָרט מיטן שטעגל
פאָרט אַ פערד־און־וועגל,
און דאָס וועגל אָנגעלאָדן פול מיט זעקלעך.
„אָ, רב אָרן!" רײַבט זיך רב ירחמיאל פאַר פרייד די הענט,
„אָרן (רב ירחמיאל פונוויַיטן אים דערקענט)
פאָרט אַ פריינט! פאַרלאָזט נישט! קומט צום פעטער מאָלן!
אָט אַ קונה! נישט צו דינגען זיך און שיין באַצאָלן!
אָרן —
ע, אַ גוטער־ברודער נאָך פון קינדער־יאָרן!"
און רב אָרן,
ער פאַמעלעך באַרג־אַרויף געפאָרן
און געטראַכט:
„ווּו אַ מענטש אַ מילעכל זיך מאַכט —
וווּ דער טײַוול זאָגט אַ גוטע נאַכט!
יאָ, אַהין מיט זעקלעך זיך צו שלעפּן נישט קײַן נחת —

נאָר אַ ברירה? אַז די מילנערס זיך געמאַכט יד־אחת,
שניידן פּאַסעס און קיין חילוק
סײַ אַ פרעמדער סײַ אַ שכן! יאָרן, יאָרן!
שלעכטע צײַטן, און אַ גראָשן מוז מען שפּאָרן!
שווער אַרויפצושלעפּן זיך, דערפאַר וועט קאָסטן ביליק,
צי אומזיסט גאָר אָפּמאָלן דאָס ביסל קאָרן —
ע, ירחמיאל אַ גוטער־ברודער נאָך פון קינדער־יאָרן!"

די גאַנצע וועלט

שאָקלט זיך דער בוידעם, וואַקלט זיך דער דאַך,
אָט אַבאַלד־אָ — קראַך!
מויערן
ווי די קעמלען אויף די קניעס וועלן הויערן!
עפּעס סקריפּעט דאָרט אין שטאַל ווי זעכציק בייזע טויערן —
קינדער זיך באַהאַלטן, ווײַבער זיך דערשרעקן.
קומט צו לויפן מיטן שטעקן,
אַ פאַרסמטער, דער באַלבאָס:
„ע, וואָס איז דאָ, וואָס?"
ערשט — דאָס אייזל רײַסט דעם גאָרגל,
רעוועט, פּרוּווט אַ ניגונדל מלאכה׳ן,
און די פערדלעך שטייען זיך און שמאָכען.
„מזל־טוב!" צעלאַכט זיך דער באַלבאָס, „אַ חזן מיט אַן אָרגל!
שטיל! גענוג שוין!" שרײַט ער, „שטילער!"
„הערט נאָר," זאָגט דאָס אייזל, „הערט! וואָס וויל ער?
אים, מיר דאַכט, מײַן זינגען נישט געפעלט!
עי, באַלבאָסל,
מיינסט, אַז דיר געפעלט נישט, איז דער ניגון פּסול?
קליגער דו גאָר פון דער גאַנצער וועלט?
אַז אַ גאַנצע וועלט זאָגט גוט, זאָגט ער פאַרקערט!"
„אייזל, ווער די גאַנצע וועלט?" „די פערד!"

שיכל, ביכל, טיכל

נישט איניינעם בלויז צוליב די גראַמען,
נײַן, אַמאָל די דרײַ געטראָפן זיך צוזאַמען.
זאָגט דאָס שיכל:
„איכ׳ל
אײַך דערציילן ווו איך בין געווען,
וואָס איך האָב געזען —
נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז איר וועט דערלויבן.”
„אָך, זיי׳ר גערן!
רעד, אַבי זאָל זײַן נאָר וואָס צו הערן!”
„אויב אַזוי, מוז איך אַליין אַביסעלע זיך לויבן:
איך בין שיכל, „וואַנדער־וואַנדער”,
אויף זײַן פוס געטראָגן מיך דער מלך אַלעקסאַנדער,
אַלעקסאַנדער מוקדן — איר געהערט פון אים אוודאי —,
און דער ערשטער הייליקער מיקאַדע,
און דער כישופמאַכער פון גראַנאַדע —
האָב אַ כוח איך: איך טרעט אויף עגדעשן און שלענג!
איך געדענק,
איינמאָל אין אַ מדבר איך זיך אָנגעשלאָגן אין אַ באַרג:
טו אַ שפרונג איך — בין איך אויפן קאַרק
פון אשמדאי!
קלאַפּ איך מיטן קנאַפל, איינס, צוויי, דרײַ —
איז דער אשמדאי אַ כמאַרע!
נאָך אַ טופע — אויס, אַ גאָרנישט, שפּענדלעך־ביינדלעך דאַרע!”
„באָווע־מעשיות!” זאָגט דאָס ביכל, „טויזנט און איין נאַכט!
זעט איר, איך — איך האָב אַ מאַכט!
אויסגעמאָסטן איך דעם גאַנג פון שטערן, זון, לבנה,
און די קנייטשן פונעם ים און זיי׳ר באַהאַלטענע כוונה!
זאָג אַ וואָרט איך, אַ באַפעל די בליצן,

איז געפֿלויגן און באַוויזן זיך ווי שדים
דורך שפּילקע־קעפּלעך, נאָדל־שפּיצן!
און איך פֿאַר דעם בליץ מיט שטורעם און צעשייד אים!
נו, און דו וואָס?" טוט אַ דריי זיך אוים דאָס ביכל
און אַ פֿרעג דאָס טיכל,
„האָב נישט קיין פֿאַריבל, עפּעס זעסטו־אוים מיר ווי אַ פֿליכל
אויף אַ שוואַכן קאָפּ!"
„איך? איך האָב —
איך האָב אויפֿגעטון נאָך עפּעס מער!"
„וואָס איך הער!"
„יאָ, יאָ, איך האָב אויסגעווישט פֿון אויג אַ טרער!"

חקירה

צו פיל חקרענען איז שעדלעך,
דאָס ווייסט, דאַכט זיך מיר, אַ יעדער;
נישט געוואָלט דאָס וויסן נאָר דאָס קלענסטע פון די רעדלעך
אין מײַן אַלטן זייגער און כסדר
נאָר געחקירהט און געוואָלט דערגיין
אי די סיבה אי דעם תכלית פונעם דריי׳ן
פונעם גאַנצן זייגער-גאַנג.
„לאָמיר", זאָגט עס, „דאָס נאָר גוט פאַרשטייען, מיט געדאַנק:
ס׳דרייט איין רעדל מיטן צווייטן — אמת,
דאָס פאַרשטיי איך, איך באַנעם עס!
און מיט אַלע רעדער
דרייט דאָרט, זאָגט מען, גאָר אַ דינע פעדער —
אויך אַ סברא! און ווער דרייט די פעדער, ווער?
דאָס צו זאָגן איז שוין שווער.
שמוסן שמוסט מען, אַז פון יענער זײַט קאָפּערטע דאָרט
ליגט אַ ראָד אַ גרויסער און ער דרייט מיט אַלע —
מיגלעך! איז דאָך אָבער אַלץ די אייג׳נע שאלה
ווידער אויף איר אָרט:
און דאָס ראָד דאָרט ווער באַוועגט?"
און געפרעגט
און געטראַכט, געטראַכט
האָט דער חקרן זיבן וואָכן מיט אַ נאַכט
און דערנאָך געטראַכט ערשט נאָך
דרײַ חדשים מיט אַ וואָך.
און צום סוף האָט ער דערקלערט —
אויב איר ווייסט נישט וואָס, טאָ הערט:
יענעם ראָד דעם גרויסן,
וואָס ער דרייט זיך דאָרט אין דרויסן,

דרייט אַ ראָד נאָך איינער
און, פאַרשטייט זיך, נישט אַ קלײנער,
און אויך יענעם דרייט אַ דריטער — און דעם דריטן?
וואָס־זשע האַקט איר איבער אין דער מיטן?
און דעם דריטן דרייט אַ פערטער, און אַזוי אַלץ ווײַטער, ווײַטער —
צו פאַרטיפן זיך האָט צײַט ער.
נו, און סוף־כל־סוף?
מזל־טובֿ!
אויסגעקלערט דער פילאָזאָף
נעכטן גראָד
נאָך אַ נײַעם ראָד!

דער זייגער און דער ווילנער גאון

ווער האָט נײַן מאָס רייד?
ווײַבער? גייט שוין, גייט!
ווײַבער, אמת, ליב צו רעדן, ווי דער שטייגער,
אָבער מער פון זיי דער זייגער.
ער קען קלאַפּן, רעדן אַ מעת-לעת אײַך דורכאַנאַנד,
און ער וויל, מע זאָל אים הערן — פײַנט צו רעדן צו דער וואַנט.
הערט מען נישט, איז נעמט ער קלינגען, שרײַען,
נאָר בכלל ער רעדט זיך ווי אַ גריל סע גרילט —
מיט אַ קאַלטער לעבער קען ער שעהען-לאַנג אײַך ברײַען.
ציט נאָר אָן אים, רעדט ער וועגן וואָס איר ווילט!
ווילט איר פילאָסאָפיע — ער האָט אײַך אַ באַווײַז,
אַז דער גלײַכסטער אמת קרום
און די צײַט אפילו אויבעט נאָר אַ קרײַז,
ווי אַ קײַלעכדיקער גול זי נעמט די וועלט אַרום.
און דאָס לעבן וואָס? אַ גיי, אַ קום,
גיי-אַהין און קום-אַהער —
און דער סוף? איין אייביק גרויסער ווידערקער!
אויך אין פּאָליטיק ער האָט נישט ווייניק פּראַקטיק:
ווייסט דעם סוד פון דרייען און פון טאַקטיק,
און דאָס אויך אַביסעלע —
ווי אַ רעדלפירערל אַ קליינס, אַ ליידיק שליסעלע,
קען אַ גאַנצן מעכאַניזם אַנדריי'ן און באַוועגן.
און אין מעדיצין —
דאָ אוודאי ער אַ בקיא, נאָך אַ מין!
דען פאַראַן אַ חולה, וואָס בײַם זייגער זאָל נישט פרעגן,
ווען וואָס צו געזונט און צו רפואה זאָל ער נעמען?
און אין קליניקייטן אויך באַהאַוונט —
ווייסט ער, ווען מע עסט און ווען מע דאַוונט,

װען מע דאַרף זיך אױסטון און װען אָנטון און פֿאַרקעמען.
און אַ שאלה פּסקעט אױך ער — װײסט, צי טאָר איך
עסן מילעכיקס שױן לױטן שולחן־ערוך,
כאָטש געגעסן פֿלײש הײַנט.
קלאַפּט ער, קלאַפּט, דער זײגער, פֿיר און פֿינף שעהען —
צו זײַן שכן רעדט ער עס, צום בילד פֿון װילנער גאון,
װעגן דעם, װאָס הײַנט די זון אונדז װילד און בײז שײַנט
און די שטראַלן מיט אַ ציטער.
שיט, שיט, שיט און שיט ער,
און דער גאון, װי אַ תּלמיד־חכם, נישט פֿאַרלירט די רו,
הערט געדולדיק, שלאָגט נישט איבער,
ענדלעך שטעלט ער אױך אַרײַן אַ חצי־דיבור:
„נו?"
ערשט — דער זײגער זיך צעקלונגען מיט אַ בײז געקלאַנג:
„אַז מע לאָזט נישט רעדן, האָט דער שמוס נישט קײַן געדאַנק!"

באַלעבאַטים

פֿאַר די אויגן מיר אָט שטייט ער,
ווו אַ זומפּ זײַן הסב־בעטל,
אַ באַלבאָס אַ יוסטער, ברייטער,
ער שפּאַצירט זיך אין מײַן שטעטל.

נישט באַלבאַטיש

קומט דער חזיר אין אַ פּריציש הויף,
טוט זײַן חוב,
נישטערט מיט דער מאָרדע,
און ער כריאָקעט אומצופרידן: „נישט מײַן אָרט דאָ!
נאָר מטריח זיך געווען אומזיסט!
קײַן טאַזיק נישטאָ, קײַן בערגל מיסט —
גאָלע שטיין!
נישט באַלבאַטיש, פֿע! צו ריין!”

באַלעבאַטים

אפשר קענט איר זיי, רב פיסל־פעסל
און רב עסל־פרעסל,
ביידע באַלעבאַטים אַלט־געזעסענע,
צוויי חזירים אויסגעפרעסענע,
קײַלעכדיקע בײַכלעך, נאָר די מאָרדעלעך פאַרצרהטע.
(אַז נישטאָ קײַן אייג׳נע דאגות, זאָרגט מען פאַרן כלל!)
ס׳איז נאָך מוילצײַט, אויסגעליידיקט שוין די קאָרעטע,
און כדי דאָס עסן וואויל באַקומען זאָל,
ליגט מען און מע רעדט פון וועלט־זאַכן, פון אַלץ, פון יעדן —
און, פאַרשטייט זיך, רעדן הייסט באַרעדן.
פרי׳ר באַרעדט די שקאַפע, וואָס האָט ליב צו טון אַ דריגע.
און דערנאָך דעם שכן: יאָ, אַ שוטה ער ווי אַלע היגע —
זיך געעפנט אַ געוועלבל
און ער טרײַבט די קונים, לאָזט נישט צו קײַן חזיר צו דער שוועל!
נישט פאַרגעסן זיי די קו אויך מיטן קעלבל —
ברענען זאָל אויף זיי די פעל!
ווי דאָס מאַמעלע, אַזוי דאָס קינד!
איצט באַרעדט מען שוין די הינט:
— אַז נישט דורכצוגיין דאָס געסל!
(זיך צעהיצט רב פיסל־פעסל)
האַווקעט איינער — האַווקען אַלע! וועכטער!
איז נישט אַ געלעכטער?
אַלע טאָג דער שטעקן זיי די ביינער ברעכט ער,
נישט מסתם פאַר תשובה־תפילה —
און די גאַנצע וועלט בײַ זיי גנבים!
אַלצדינג האָט אַ שיעור, נאָר נישט די העזה פון די כלבים —
קעגן דער לבנה בילן זיי אַפילו!
— הוצפּה קעגן הימל?

— איך אַליין געזען דאָס, ווי מיר האָבן הײַנט יום גימל!
— וואָס-זשע שווײַגט מען? ווו האַווורילע
מיטן שטעקן? וואָס? לית-דין? לית-דיין?
גוואַלד אין אַלע גאַסן וועמיר שרײַען!
אויפהייבן אַ ליאַרעם, אַלע הינט אַרײַנלייגן אין חרם —
און זאָל וויסן די לבנה, אַז סע לעבן נאָך חזירים!

דער אומגליק

זומער־לעב אין דאָרף. די לופט איז אומבאַוועגלעך.
שבת אָנגעיאָגט אום מיטוואָך? מעגלעך!
אַ פֿאַרחלומטקייט, און זון, און ריינע פֿאַרע.
עפּנט־אויף דער הימל ערגעץ דאָרט אין עק אַ שפּאַרע,
לאָזט־אַרויס אַ קראָ,
נעמט די קראָ זיך אויסצי׳ן ווי סע ציט זיך אוים אַמאָל אַ שעה.
ווען מע וואַרט, מע קען זיך נישט דערוואַרטן. אָט אַ בליץ!
נאָך אַ רגע — פֿרישער רעגן טוט אַ שפּריץ!
אוי, אַ ברכה אַזאַ רעגן נאָך דער גרויסער היץ,
אַ דערקוויקונג! די נשמה עפֿנט אַלע פֿאַלדן
און מחיה ווויל איז.
אָבער הערט אַ קוויטשען, קולות —
די חזירים טראָגן זיך צעטומלט און מע מאַכט געוואַלדן:
„כאַר־כאַר, כמאַרעס! כאַר־כאַר כמאַרעס! כאַר־כאַר־כמאַרעס!"
„עי, כריאָקאַרעס!
עי, וואָס איז אייַך?" פֿרעגט דער הונט,
„הערט נאָר, הערט אַ גרילצן! גלייַך סע גייט די קיך צוגרונט!
כמאַרעס? נו, איז כמאַרעס! וואָס־זשע האָט מען דאָ צו רעשן?"
„אוי, געוואַלד, זיי באָדן! אוי־אוי־אוי, זיי וואַשן!"
שרייַען די פֿאַרשמירטע בריות,
„אוי, אַ צרה! אוי, אַן אומגליק! מיר געפֿילט נאָך פֿון דער פֿרי עס!
פֿון דער פֿרי!
ברי!!"
ס'האָט געטון אַ רעכטן וואַש די לייַט און מיטאַמאָל אויף זיי אַ גיס,
און מע לויפֿט, מע לויפֿט אויף אַלע פֿיס,
גיך אין זומפּ אין אַלטן
פֿאַרן פֿרישן רעגן זיך באַהאַלטן.

די מורא

אומעטיק, פאַרכמורעט, מיטן קאָפּ צו דר'ערד,
גלײַך אַ בייזע בשורה ערשט געהערט,
צי אַ חולה, נעבעך, אַ געפערלעך שוואַכער —
דרייט זיך אום רב דבר־אחר.
— וואָס מיט אײַך, הער חזיר? (פרעגט דאָס פערד)
נאָך קיין פריילעך קול פון אײַך איך נישט געהערט!
אויף מי־יחיה ווײנט איר? וואָס?
— חס־ושלום! ניין, נישט דאָס!
— וואָס־זשע דען? — אַ צרה, ברודער! שלעכט!
אוי, סע לאָזט נישט רוען דורך די נעכט!
שטאַלן, שפּײַכלערס, אוצרות אָן אַ שיעור —
און פון וועמעס וועגן? אַלץ פון מײַנעטוועגן דאָך, פאַר מיר!
און איך קען זיך נישט צערײַסן, כ'וויים נישט ווהין פרי'ר —
מורא, עפּעס וועט נאָך בלײַבן דאָרט פאַר דיר!

דער תם

„גוט יום-טוב אײַך! איך גיי הײַנט אום גוט יום-טוב ביטן.
איר מיינט, כ׳האָב אײַך פֿאַרגעסן? זאָל גאָט היטן!"
דערזעענדיק רב זלמנען בײַם טויער,
שרײַט-אויס מיט שמחה רב לאַנגאַוויער.
„אַהוטש, אַהוטש! צו אַלדי שוואַרצע יאָר!"
פֿאַרהאַלטנדיק די נאָז, הייבט זלמן אָן צו שרײַען,
צו שעלטן און צו שפּײַען.
„וואָס עפּעס", פֿרעגט דער גאַסט, „די רוגזה גאָר?
מה-רעש? באַדאַרפֿט צו קומען פֿרי׳ר?
בכבוד גדול, גלייבט מיר, ווען — ווען איר
זענט איינער נאָר בײַ מיר!
איך האָב דאָך אָבער נאָך דעם רב, דעם דיין,
און כּעסל
דעם דרדקין, וואָס וווינט אין הינטערגעסל,
דעם חזן און דעם שוחט
אויבעט,
און גאָדל בעל-עגלה, אַ בן-עיר,
אַ מכניס אורח און קײַן נ׳הרע
מיט אַלדאָס גוטס דאָך אָן אָבאָרע —
מע קען זיך נישט פֿאַרקריגן! ווי זאָגט איר?
אי דאָ אי דאָרט צו זײַן איז נייטיק.
הײַנט זײַ אַ בעריע, נישט פֿאַרשפּעטיק!
איז האָט מיר קײַן פֿאַריבל נישט, מע מוז
געפֿינען יעדן דאָך אַ זכות
וואָס זאָל מען — "
געפֿונען אָבער האָט גאָר זלמן
אַ שײַטל האָלץ און פּוק — געטרײַ אים
אין זײַנע כּשרע רגלים!

דער חזיר — גיך, צוואַליאָם-צוואַליאָם!
און מאָרגן די חזירים
דערציילט די מעשה אונדזער תּם
און שמאָכעט: „ווי געפעלט אײַך דאָס, חברים?
אַ כעסן! נישט געהאָלפן קײַן תּירוצים
אַ שײַטל האָלץ גאָר פּלוצים!
נאָר פאָרט נישט שולדיק —
מסתּם געוואַרט שוין, נעבעך, אומגעדולדיק.
דערפאַר פאַרזאָגן וועל איך ביזן צענטן דור:
גוט יום-טוב ביטן — גאַנץ קאַיאָר!"

עק וועלט

חזיר חזיראָוויטש ערגעצוו: אַ גאַסט געוואָלט זײַן צו אַ ליבער,
האָט מען, בטלנדיק חלומות, אויסגעגאָסן
אויף זײַן קאָפּ — זאָל פֿאַלן דאָס אין וויסטע גריבער!
וואָס-זשע מיינט איר, זיך באַליידיקט? אים פֿאַרדראָסן?
בע! איר קענט אים נישט! מיט כּל-טוב אָנגעלאָדן,
גייט, שפּאַצירט ער זיך, דער אדון,
כריאָקענדיק, געלאַסן,
איבער אַלע גאַסן.
וואָס,
עפּעס זידלט מען זיך? מע פֿאַרשטעקט די נאָז?
מילא! נישט געפֿאַלן ער בײַ זיך חלילה —
ס'איז דאָך דאָ אַן עצה: טבילה!
דרך־ארץ! רוקט זיך אָפּ לעת-עתה!
ער איז ער! און אָט-אָ
שוין געפֿונען, וואָס ער דאַרף — אַ בלאָטע.
אויסגעוואַלגערט כדבעי, איצט שפּאַצירט ער ווײַטער,
פֿריילעך, ס'שמעקט די טבילה וויל אים —
נאָר אַ פּלא, עפּעס רוקט זיך איצט נאָך מער פֿון אים דער עולם,
און אָט פֿליט אַ שטיין גאָר! אַרט דאָס אים שוין, שרײַט ער:
„עק וועלט! מער דו טובלסט זיך און מאַכסט זיך ריינער,
מערער וואַרפֿט מען אין דיר שטיינער!"

דער חזיר און די וואַראָנע

מאַכט אַ וואָרע, קינדער! אָט־אָ גייט ער,
שפּאַנט ער, דער באַלבאָס דער ברייטער!
און וואָס ריטשעט ער, וואָס מאַכט אַזאַ געוויש ער?
אויף דער וועלט ער ברוגז — אַז נישטאָ קיין יושר!
„ווער אויף ריינקייט", שרייַט ער, „גיט השגחה? איך!
ווו אַ בלאָטע, ווו אַ צרה — קריך,
נישטער, באָברע! ס'העלפט דאָך נישט — אַ חוב!
און צום סוף גאָר: קום איך אין אַ הויף,
באַלד אַהוטש, אַהוטש, אַ וויסט געיעג,
און — אַ חרפּה! — אָפּטמאָל אויך געשלעג!
כפוי־טובהניקעס! זאָגט, פאַרוואָס־זשע? אפשר קאָרג
הייַנט געריי֗ניקט אויפן מאַרק?
נו, בכן? דעריבער?
אדרבא, זאָגט מען: „זייט־זשע מוחל, גייט אייַך איבער!"
וועט איר זען צי פאָלג איך נישט. מיך אַרט נישט,
אַז מע ווייַזט מיר אָן, און וואַרט נישט,
מע זאָל בעטן מיך — גענוג נאָר זאָגן!
אָבער שלאָגן גאָר? וואָס הייסט עס שלאָגן?"
„טאַקע, טאַקע!"
שרייַט רב קראַקע
ער געפלויגן איבער טאָל און פעלד זיך —
אויפן חזיר אָפּגעשטעלט זיך),
„אויסוואָרפן! רשעים! אָ, ווי
מיך באַהאַנדלען זיי דאָ, מיך, זיי'ר נביא!
וואַרפן זיי נישט שטיינדלעך מיר שטאָט ברעקלעך?
שרעקלעך, שרעקלעך!
פאָלג מיך, ברודער, פאָר מיט מיר קיין ארץ־ישראל,
וועמיר הערן, וואָס אָן אונדז וועט טון דאָ קהל!"

דער חזיר און דאָס פערד

הערט!
אינדערפרי דער חזיר מיטן פערד
שמוסן זיך ווי ליבע שכנים איבער:
— אַ גוט-מאָרגן דיר אין זשאָלעב, ליבער!
— אַ גוט-יאָר דיר אין דײַן צעבער, אין דײַן קאָרעטע!
פון קאַיאָר אַ זון הײַנט אַ צע׳יצר-הרע׳טע
זיך צעקאַטשעט ווי אַ יונגע שקאַפּע אויף די וועגן,
וועט שוין זײַן אַ רעגן!
— כריאָק? אַ דאגה איז דאָס, נאָר נישט מײַנע —
גאָט ברוך-הוא פאַרלאָזט נישט די חזירים זײַנע.
זאָל זיך רעגענען! דאָ וואַשט דער רעגן, דאָרטן וואַקסט די בלאָטע!
— אָט-אָ!
(טוט מיט ביידע נאָזלעכער דאָס פערד אַ שמאָרע)
אָט אַדאָס איז דאָך די צרה!
אײַ, די בלאָטעס! אײַ, זיי ליגן דאָך מיר אין די זײַטן!
— אין די זײַטן דיר די בלאָטעס ליגן?
וואָס-זשע שרײַסטו? פערד, דיר ווייניק פאַרגעניגן?
— פאַרגעניגן זאָגסטו? פאַרגעניגן, אַז די זעל פון זיך אַזש שפּײַט׳ן?
אָך, אָך! איך דאַרף מאַכן הײַנט אַ וועג אַ ווײַטן!
— מאַכט מען!
— יאָ, פאַרשטייט זיך! וואָס, אַ ברירה? אָבער טראַכטן טראַכט מען:

ס׳ע פאַרכאַפּט אַ רעגן,
און די וועגן — אוי, די וועגן!
— וועגן? וואָס די וועגן? — זומפּיק, חזירעניו, זומפּיק!
— עט! אַוווּ אַ פערד-קאָפּ, איז ער שטומפּיק!
— ווּ אַ חזיר, איז אַ חזיר! פּאָר!
— קוק אים אָן נאָר, כעסט זיך גאָר!

האָסטו אויפֿן ניכטער־האַרץ דיר אַ צוזאַמענשטויסעכץ!
(זאָגט דער חזיר און גייט זוכן אַ געמויזעכץ.)

***

שפּעטער־צו צום פֿערדל רעדט דער וואָגן:
„הערסטו, וואָס איך וועל דיר, ברודער, זאָגן —
פֿאַר אַ חזיר אויף קײַן בלאָטע זיך נישט קלאָגן!”

דער חזיר און דער סאָלאָוויי

נישט קיין שאָרך! אַ פּיפּס צו טון נישט וואַגט!
שאַ! דער סאָלאָוויי, ער שפּילט, ער קנאַקט:
„קוויק דאָס האַרץ, קוויק, קוויק עס, קוויק עס
און באַגליק עס!
ס'איז אין לעבן דאָ מתיקות!
קוויק!
בליק נאָך בליק
פלי'מיר דאָך צוריק, צוריק, צוריק!
בליצט אַ בליץ, פאַרבליצט ער!
וועך-זשע אַז נישט איצטער? איצטער, איצטער, איצטער!
פלאַטערדיק, צעהיצטער
פלאַקער! פלאַקער!"
הימל עפן זיך! וואָס וויל ער, אָט דער קנאַקער?
שטילער, שטילער! לאָזט אַליין אים!
שוין, ער שפּילט שוין נישט פאַר קיינעם,
נאָר פאַר זיך, פאַר זיך אַליין אַ מזמור:
איז מיר,
ווי אין אַ געפענקעניש אַ פייגעלע זיך פיעסטעט,
ענג אים און די לופט פאַרפעסטעט,
און סע קען נישט מער —
סע פאַרגייט זיך און סע בעט זיך, בעט זיך רחמים
ביי זיין אייגענער נשמה, זאָל זי לאָזן זיך פאַרקייכן אים
און אויף אייביק זיך פאַרכליסנען אין אַ טרער!
הער נאָר, הער!
ווידער שוין גענומען שטאַרקער, העלער —
טאַנצט אַ שטערן אויף אַ טעלער!
הללויה! ערגעצווו קלינגט-אָפּ אַ סטרונע
פון בטחון, פון אמונה!

טסס! אַ כרוב איז דורכגעפלויגן
אויף אַ ציטער־שטראַל, די טרעלן
אים געפעלן,
און ער קלויבט זיי און ער טראָגט זיי העכער, העכער,
אין אַ פֿײַערדיקן בעכער. —
און געמיטלעך, אַ באַלבאָס אַ יוסטער, האַלב פֿאַרמאַכט די אויגן,
דרימלט זיך רב בולפֿאַס, כשר־פּיסל או׳סגעצויגן,
געגעצט, הייבט בנעימותדיק זיך אויף,
און די מאָרדע שאָקלענדיק אַראָפּ, אַרויף,
פֿרײַכט ער און זאָגט גרעבצנדיק: „בריאָק, כריאָק!
העי, דו סאָלאָוויטשיקל, אַ רוח דײַן באַבען, זאָג,
ווו זיך אויסגעלערנט אַזוי קנאַקן?
כריאָק! (שוין לאַנג געטון אַ גרעבץ אַזאַ געשמאַקן!)
שפּיל, שפּיל, ממזרל, איך וועל דיך נישט פֿאַרגעסן!
שפּילסטו, קאָכט דער מאָגן אַנדערש גאָר דאָס עסן!״

רב סווינִיאַקע

רב סווינִיאַקע —
יאָ, אַ חזיר איז ער טאַקע,
נאָר אַ חזיר אָן אַ גאַל.
מעגסט אים זידלען, שעלט אפילו אים אין טאַטן,
ווייסט ער, פון קײַן קללות ווערט מען נישט בדל
און אַ זידל־וואָרט צום מאָגן קען נישט שאַטן.
און דעריבער: קומסט־אַרײַן אין הויף, אין שטאַל —
הער נישט גאָרנישט, טו דיר דײַנס, געניס!
וואַרט נישט אויף כּיבודים, מאַניעפאָרגעס,
וואָס געפעלט דיר, נעם, צי באָרג עס,
סײַדן, גאָט באַהיט, מע שלאָגט איבער די פיס;
אַז מע גיט, הלילה, דיר צו פילן,
טאָר מען מיט קײַן שטעקן זיך נישט שפּילן —
שוין צי־אָפּ! אָן טענות! מאָרגן מעגסטו קומען ווידער.
גייט נישט איין מאָל, פּרוּווט מען נאָך אַמאָל, נישקשה.
פּרוּווט ער, טרעפט ער: בײַ דער טיר ליגט יאַכנע־דוואָשע
די מכשפה, זי, די שוואַרצע קאַץ, און וואַרעמט זיך די גלידער.
וואַשט זיך, גלעט דאָס כּשר־פּיסקעלע, אַ גלעטל נאָך אַ גלעטל.
— מיאָ, אַ גאַסט אין שטעטל!
מיאָ, ווי גייט עס, פּאַניע „וואָס מע גיט אים קײַט ער"?
(מיאָקעט זי, גרינגרינדלט מיט די אייגעלעך און שטעכט.)
— גוט, נישט שלעכט!
וואָלט געווען נאָך בעסער, וואָלט געווען דאָך בעסער,
ווי אין פּסוק שטייט עס! (זאָגט דער חזיר און ער לאָזט זיך
ווײַטער.)
— שטיי! (פּאַרלויפט דעם וועג זי) שטיי! בראש האָט קײַן צײַט ער!
זאָג, וואָס שטייט אין פּסוק, אַלטער פרעסער?
— שטייען נאָך אין קאַמער דאָרט די פעסער

מיטן — מיטן —
— מיטן קרויט?
(שפרינגט זי אונטער) ברענען זאָל אויף דיר די הויט!
דײַן געביין זאָל זיך צעשיטן!
מאַרש! אַוועק!
פון חזירישן עק
מאַכט מען נישט קײַן פּײַלנבוֹיגן!
(און אַ גראַבל אים אין פּנים, שיר נישט אויסגעריסן אים די אויגן)
איך אים פּסוק, שרײַט זי, ער מיר קרויט! —
רב סוויניאַקע פילט דעם טעם פון טויט,
אַזש די קאַץ, די שוואַרצע, געל און גרין און רויט.
טראָגט ער אָפּ זיך, וואַרטשעט, שעלט — די קאַץ? הלילה!
אויפן פּסוק
אים פּאַרדראָסיק!
און געפינענדיק אַ פּעטע בלאָטע און אַ קילע,
מיטן פּיסק אין איר אַ פּליאַסק ער:
„פּסוק — הם מלהזכיר!”

דער פֿאַרצווייפֿלטער חזיר

האָט דער חזיר הײַנט געהאַט אַ טאָג!
נישט קיין טאָג — אַ פּלאָג!
(נישט פֿאַר קיין שום חזיר דאָס געזאָגט געוואָרן!)
ס'ערשטע אויסגעלאָזט אויף אים דעם צאָרן
חיה־ביילע.
און פֿאַרוואָס? אומזיסט־אומנישט. געשטאַנען אויפֿן הויף אַ כּלי —
ער געדענקט נישט, צי אַ צעבער, צי אַ שיסל,
זאָל עס זײַן דאָרט, וואָס סע איז זיך — כּשר איז זײַן פּיסל!
נישט זיך צוגערירט, איך שווער אײַך!
חזיר גייט זיך מיט זײַן דרך:
וואָס איז כּלי? נאָר אַ טפֿל!
עיקרשט איז דער תּוך — די פּאָר קאַרטאָפֿל!
האָסטו דיר 'נישט, נאַ דיר — חיה־ביילע מיט דער קאָטשערע!
און זי קאָטשערעוועט, קאָטשערעוועט,
כאָטש ער קוויטשעט, כאָטש ער רעוועט.
העלפֿט נישט. ציט ער אָפּ. ער זוכט אַ זומפּ, אַ מאָטשערע,
אָפּצוקילן — נישט אַזוי זײַן כּעס ווי זײַן רוקן.
(אַז סע ברינט, סע ברינט מסוכן!)
טראָגט עס אים גאָר און פֿאַרטראָגט אים אין רב שמריהס גאָרטן.
שאַט נישט, באַלד געפֿונען ער אַ טרייסט זיך דאָרטן —
צו באַאַרבעטן אַ גאָרטן, האָט איר דען אַ תּענוג אַ געשמאַקערן?
נעמט דעם גאָרטן ער צעגראָבן און צעאַקערן
מיט דער נאָז און מיט זײַן פּלאַטשיק־פֿרומען פּיסקל,
צען מאָל בעסער ווי רב שמריה מיטן ריסקל.
ווי ער שטייט אַזוי פֿאַרטון אין סאַמע רעכטן גראָבן,
ערשט —רב שמריה מיטן שטעקן מיטן גראָבן!
גיי־זשע אַרבעט, אַקער מיט דער נאָז,
אַז רב שמריה איז באַלבאָס,

ער דער גאָרטן־היטער!
לויפֿט דער חזיר ווײַטער, פֿליט ער,
צוויי מאָל שוין אַן אָפּגעבריטער —
שטייט אַ פֿערדל איבער פֿולן גערשטן־זאַק.
זאָגט דער חזיר: „כ'ווינטש אַפּ'טיט!"
„ביטע מיט!"
ענטפֿערט אים דאָס פֿערד, „נאָר עסן נישט!"
„עסן נישט? פֿאַרוואָס? דער גערשטן נישט געשמאַק?
לאָמיך אָקערשט נאָר פֿאַרזוכן! נאָר פֿאַרזוכן!"
און ער שטופּט דעם פּיסק און כאַפּט אַ דריגע.
איז דער חזיר אויסער זיך און נעמט מיט טויטע קללות פֿלוכן:
„דו פֿערדאַטש דו איינער! פֿליאַסקעדריגע!
שלאָגט! נעכײַ וואָלט דיך אַ פֿײַער־רעגן אָפּגעקרעלט!
וואָלט אַ בלאַטע־ים פֿאַרפֿלייצט אי דיך, אי שטאָט, אי פֿעלד!
אַלץ פֿאַרדאָרבן, אַלץ! קיין חזיר קען נישט לעבן אויף דער וועלט!"

איבערן צעבער

שטייט אַ צעבער פול מיט ווייס־איך־וואָסן, שאַלעמויזן —
סע פאַרשטייט זיך, קוים אַ צעבער, שוין מסתמא נישט קיין רויזן.
איבער אים ווער מיט זיך? דער מפונק
חזירונעק,
כשר־פיסל, טריפה־בייכל.
שטייט און קײַעט און ער וואָרטשעט: „פֿע, אַ מאכל!
נישט קײַן טעם, נישט קײַן ריח!
איצט פאַרשטיי איך:
ווער דער בעסטער,
ס׳אַרגסטע עסט ער.
יאָ, דער קו, דער שטויסערקע, די בעסטע קלײַען
און דעם פערד, דעם דריגאַטש, האָבער גיט מען קײַען!
מיר וואָס? דאָס! אַבי אַ פולער צעבער! נישט געקאַרגט!
איי סע קריכט אין האַלדז נישט? איי סע וואַרגט?
(כראַק! סע קערט די גרינע גאַל זיך איבער!)
אַרט אים, מײַן פרנסה־גיבער?
שטייט און רעדט דאָרט! גלײַך ווי גאָרנישט! נישט זײַן עסק!״
און אַזוי־אָ וואָרטשענדיק, אָן חשק,
כאַפנדיק די זעט,
ער דעם צעבער אויסגעלײדיקט ביז העט־העט.

דער חזיר און דער האָן

איבער פולער קאָרעטע אַ חזיר שטייט אַ דיקער
און ער אַכלט. ניכר,
אַז ער האַלט זיי׳ר פונעם פּסוק: „כבד את —
ערלעך האַלט דעם פּרעס!
למען יאריכון —
ווײַל אין זכות פון עסן לעבט מען, מע דערלעבט משיחן.״
אין דעם קומט צו פלי׳ן דער רויטער קוקוריקער
און געוואַלדעוועט: „סטייטש, סטייטש? וואָס טוסטו? האָב רחמנות!
ווייסט נישט, הײַנט אַ תענית?
אויפן הימל זיך באַוויזן הײַנט אַ ווילדער בעזעמשטערן,
זאָגט מען, ער מיט פײַער וועט די וועלט אויסקערן
און דערנאָך ערשט איבערקערן,
שוחטים ווײַנען און ווי בלוט חלפים גיסן טרערן —
ער דעם ראש אין קאָרעטע! ווי קיינמאָל גאָרנישט! וואָס? ער
נעמט זיך עפּעס דען צום האַרץ? און איז אַ צדיק! חזיר-פּיסל כשר!״
„נאַרישקייטן!״ זאָגט דער חזיר, „מיך וועסטו נישט שרעקן!
זאָל די וועלט זיך איבערקערן, מעג זיך אַלדינגס עקן —
חזיר תמיד נאָך געפינען זיך אַ בלאָטע ווו זיך אויסצושטרעקן!״

אותיות

אותיות מהכימות.

א, ב

צו דער אלף זאָגט דער בית:
— ווער איז בילכער? איך צי דו? — איך ווייס?
דאַכט זיך, איך! פאַרשטייט זיך: ראשית
איך דאָס ערשטע אין „בראשית״,
שנית
איך מיט „חכמה־בינה״ בין אין שכנות.
פרעג איך, זײַ נישט בייז,
וואָס גראָד דו דער ראש־וראשון פונעם אלף־בית,
און פאַרוואָס נישט איך דערצו בין זוכה?
טאַקע דו דאָס ערשטע בײַ „אנכי״!
— נישט נאָר ביי „אנכי״, אויך ביי „אתה״!
(קומט אַ קלאָרע תשובה און אַ גלאַטע.)

ג.

ווייסט איר, ווער אַמאָל פֿאַרזינדיקט זיך אין הימל?
גימל!
זי איז דאָך דאָס חנעוודיקע יצר־הרע־פּיסל,
נו, פֿאַרגלוסט זיך איר, אַ שטיף צו טון אַביסל —
טוט אַ שטויס די סמך.
„אָט דאָס רייפֿל”, זאָגט זי, „קײַקלען לאָמיך!”
שליידערט ווי אַ קײַלעכל די יוד.
און וואָס נאָך די גימל טוט?
שטייט רב צדיק אײַנגעבויגן, אין כוונות הייליקע פֿאַרטיפֿט —
און דאָס פּיסעלע סע שטיפֿט,
טרעט אים אָן, אומגערן כלומרשט.
טוט רב צדיק דאָך אַ ציטער. קוים ערשט
ער צו זיך געקומען, ער דערפֿילט אַ ברי —
אָנגעשפּאַרט אין אים זי גרינגלעך מיט דער קני:
„נעמט נישט פֿאַר אומגוט! זיך אויסגעגליטשט אַביסל, גליטשיק!”
און זי בייזערט אויף דער לאַנגער נון זיך: „סמיטשיק!
זעט, איך פֿאַל — אים אַרט נישט! רירט זיך גאָר נישט!”
און רב צדיק ווערט מבֿולבל, שטאַמלט: „גיטע! נע! מע טאָר נישט!”
און ער פֿילט און גלוסט דעם תענוג פֿון נ׳עבֿירה.
אַלע שטערנדלעך — אַ ווינק זיך איבער, אַלע אותיות אַ מימל,
און דער מלאך־דומה זיך אַ לאָז, געכאַפּט די גימל,
צוגעבונדן צו דער פּיאַטע איר צוויי רעדעלעך — אַ צירה,
און אַ ברומבאַס, ווילד געשריי,
אויסגערופֿן: „צירה גימל — גיי!”
און פֿון דעמאָלט גייט דאָס פּיסל, בלאָנדזשעט ווי אַ שרעטל,
ווי אַ שטאָט און ווי אַ שטעטל,
אונטער טישן, אונטער בענק,
על פּי רוב דאָרט ווו ס׳איז ענג,
טאַנצט אויף שמחות און אויף קבֿרים,
און אפֿילו צווישן שורהלעך פֿון ספֿרים.

דער מיוחס

ווּ די מעשה זיך געטראָפן? ווער וועט זאָגן, ווער?
ביין, ׳איר וועט נישט טרעפן, קינדערלעך, איך שווער!
נישט אויף דר׳ערד, נישט אין הימל, נישט אין שלאָף —
גאָר אין סידור אויפן קעפּל פון דער וואָוו.
איינמאָל איז אַרויף אַהין אַ חיריק על פּי נס:
ער זיך, זאָגט מען, צוגעשטעלט אַ בענקעלע אַ חית
און געטון אַ שפּרונג אַהינצו; אַנד׳רע זאָגן,
אים אין מויל אַ פליג פאַרטראָגן,
אויסגעשפּיגן
און געלאָזט דאָרט ליגן —
אָט אַזוי דערהויבן ווערט מען על פּי מקרה!
תחילת ער געפילט זיך אויבן פריקרע.
וואָסזשע? גאָרנישט! עפּעס האָט זיך נישט געלוינט.
נאָר אַז סוף־כל־סוף זיך צוגעוווינט
און באַקומען גאָר אַ נײַעם נאָמען: חולם,
ער געוואָרן גרויס בײַ זיך און לעבעדיק און מונטער —
ווייס איך! גאָר נישט דער! דערקענט שוין נישט דעם קליינעם עולם,
קוקט פון אויבן אויף אינגאַנצן דעם דערונטער:
אי דער פּתח אי דער סגול, זײַנע ברידער
זואָס מיט אים אין סידור,
אי דער צירה אי דער קמץ
אַלע זיי נחות־דרגאס, חמץ!
און אפילו רב מלופּם — כאָטש דער לעצטער
אויך, מיר דאַכט, דער אייגענער בעל־צורה,
נאָר אַביסל נידעריקער פון אים ער אין דער שורה —
אויך אַ גאָרנישט! איינס אין אים נאָר שעצט ער:
פירט זיך סטאַטישער, געזעצטער.
„און אַ סברה”, זאָגט ער, „גאָר פאַראַן אַזוינע ערטער,

ווי קיין סימן נישט, קיין זכר פון דער חברה דער געערטער!״
(הער נאָר, רעדט גאָר דײַטש שוין! שיינע ווערטער!)
ציט אַהין, אין יענע הייליקע מקומות —
אוי מוז
זײַן דאָרט ריין און שיין! אַ תענוג נאָר אַ ליבער!
איינס אום איינס געקליבענע! און דאָ? איך בעט אײַך איבער —
חיריק־מיריק־שורוק! שטייט נישט אָן אים, מיאוסלעך.
הערט מען און סע ווערט פּאַרדריסלעך.
„אַהאַ! געזאָגט אײַך!״ שרײַט דער פּתח,
„לאָזט קיין חיריק אויבן! איצטערט נאָט אײַך!״
און דער רב מעלופּם?
געבעך, ס׳טוט בײַם הארצן אַלע מאָל אַ צופּ אים!
„נו!״ מאַכט ער, „נו־נו!
טפו!״
און אונטער אַ יודל אײַנגעקאָרטשעט,
ליגט דער קמץ און ער וואָרטשעט:
„יאָ, יאָ! דערלעבט זיך! גוט דערלעבט זיך! שיינע צײַטן,
חיריק זאָל פון אויבן רײַטן!״
און דער קרומער סגול
קוקט קעסאָקע און וואַרפט ממזריש אַן אייגל:
„עהע, מע קען אײַך, פּעטער! איר פון אונדזער עולם!
ווי מע טרײַבט רב חיריק, דאַרף מען נישט רב חולם!״

דער וויכוח

אַ וויכוח פֿאַר כל עם ועדה.
ביידע,
אי די פּראַקטיש־קלוגע בית,
וואָס אין אַלדאָס בייז,
אי די צדיק, וואָס אין פֿעלן —
בעלי־טובֿות זיי דער וועלטס.
און זיי וואָלטן לאַנג פֿאַרזאָרגט זי, ווען נישט דער וויכוח.
„אַז איך צאָל אַ טובֿה פֿאַר אַ טובֿה,"
שרײַט די צדיק, „וואָס־זשע טו איך?
טוט אַ גרויסן חסד דעם דער לווה,
אַז ער צאָלט זײַן חובֿ?
ניין, דעם ש ו נ א פֿאַר אַ ברודער קויף —
דו פֿאַר שטיינער צאָל מיט לעקעך!"
„אָ, פֿאַר שטיינער צו אַ הויכער מקח!"
פֿאַלט־אַרײַן איר אין די רייד די בית,
„איך בין ערבֿ דיר, נישט איינער
קומען קויפֿן לעקעך וועט ביי דיר פֿאַר שטיינער.
וועסט שוין אָפּלייזן — נישקשה, לייז!
איך זאָג, האָדעווען דאָס שלעכטס מיט לעקעך און מיט פֿלאָדן —
אי פֿאַר זיך, אי פֿאַר דער וועלט אַ שאָדן!"
„שאָדן?" בייזערט זיך די צדיק, „וואָס? באַצאָלט צו טייער?
פֿרעג איך דיך: נו, לעשט מען פֿײַער דען מיט פֿײַער?
מיטן שלעכטן ווילסט דאָס בייזע דו באַזיגן?
ניין, אַ שקר, שוא־ושקר! ליגן!
בוימל אויפֿן פֿײַער גיסטו, וויים!"
„יאָ, איך וויים — וואָס צו איז איבריק!" זאָגט די בית,
„און מלאכים טרעפֿט מען נאָר אין הימל!"
„ווייסטו וואָס־זשע, פֿרעגן מיר די גימל!

זי די ערשטע איז ביַי גאָט,
ווייסט אוודאי זי פֿון גוטס און שלעכטס דעם סוד.״
גימל? נו, איז גימל. גייען זיי צו גימל פֿרעגן
פֿונעם שלעכטס און פֿונעם גוטס די וועגן.
הערט זיי אויס די גימל, טראַכט און טוט אַ קרעכץ.
„וואָס־זשע זיפֿצטו גאָר? וואָס קרעכצטו?״
פֿרעגט די צדיק, „אונדז דאָס האַרץ צעברעכסטו!״
זאָגט דאָס גימעלע: „איך קוק אויף לינקס, אויף רעכטס,
און איך טראַכט מיר: גוטס פֿאַר גוטס, צי גוטס פֿאַר שלעכטס,
דאָס אַ שאלה איז א הויך.
איַיך וואָס בעט איך — צאָלט דערווײַל נישט שלעכטס פֿאַר גוטס!״

דער פֿראַגעצייכן און דער אויסרופֿצייכן

דער אין דרײַען
אײַנגעהויקערטער הער פֿראַגעצייכן
און דער אויסגעשטרעקטער גדלן, וואָס צו שרײַען
ליב אפֿילו, ווען ער רעדט מיט ווייכן,
אדון אויסרופֿצייכן — ביידע
פֿאַר דער חשובֿער, בכּבֿודיקער עדה,
פֿאַר די קלוגיטשקע דרײַ פּינטעלעך געאַמפּערט זיך, געלאָדן,
איבער אמת זיך געשפּאַרט.
„איך בין אמת!” שרײַט דער לאַנגער אדון,
„אמת שרײַט נאָר, ווײַל אים אַרט!
אמת איז אין קולי־קולות, אין געשריי,
ווײַל ער פֿילט, ער איז גערעכט, סע טוט אים וויי!
אמת איז בײַ מיר, בײַ מיר!”
„אמת איז בײַ דיר?”
פֿרעגט דער פֿראַגעצייכן, היתּכן?
אפֿשר גאָר א טעות, ליבער שכן?
וואָס איז אמת, פֿרעג איך, נישט אַ שאלה אין אַ שאלה?
נישט אַ צווייפֿל־רייפֿל, וואָס סע שליסט זיך אויף אַ ווײַלע,
נאָר כּדי זיך הינטערווײַלעכץ צו פֿאַרשליסן אין אַ בייגל?
צי דער אמת גאָר אַ רעטעניש, פֿאַרבאָרגן אין אַן אייגל
פֿונעם מענטשעלע, וואָס מענטש טראָגט אין זײַן אויג עס?
אמת פֿילט גערעכט זיך? אפֿשר גאָר אַליין אויף זיך ער ברוגז
און ער מאַטערט זיך אַליין און בויקערט,
אײַנגעהויקערט
אונטער נאָגנדיקן ניגונדל, וואָס נישט צעפּויק עס, נישט
פֿאַרשווײַג עס?
אמת — רוען דען נישט שטילע טרויער־פֿראַגעס, טאָמער־דאגות
אויף זײַן פּנים אויף זײַן בלייכן?

און די וועלט אינגאַנצן — נישט אַ פּראָגעצייכן?
קען דער אמת דען באַגיין זיך אָן אים?״
און די דרײַ דיינים
ביידע צדדים אויסגעהערט
און געיִשובט זיך אַהין, אַהער, געקלערט,
נאָכדעם זיי אַרויסגעזאָגט אַ פּסק,
און אַ פײַערדיקע האַק
אויסגעהאַקט אים אין דער רעכטער באַק
פונעם גרויסן קלויסטער־גלאָק
און געהייסן קלינגען אים בײַנאַכט פון הויכן שטאָק:
„אויסרופצייכנס צו אַ סך —
שוין מסתם דער אמת שוואַך!״

* *
*

ווילט איר מיר נישט גלייבן — סײַ־ווי־סײַ
שטייען די דיינים דאָ אָט אַלע דרײַ...

דער חלום

פייגל דאָך פֿאַראַן מכּל המינים!
איך וועל איצט דערציילן פֿון אַ גרינעם,
וואָס געקומען איז אַ ווײַסער אים אַקעגן.
אָבער פֿריער מוז אַ רעטעניש איך פֿרעגן.
הערט: אין הימל דאָ,
אויף דער ערד נישטאָ,
נאָר איר טרעפֿט עס בײַ רבֿ מעכעלע מלמד —
וואָס איז דאָס? — אַ ׳למד.
— יאָ, געטראָפֿן!
איצט דער וועג צום משל אָפֿן.
כ׳האָב אַמאָל געכאַפּט אַ דרימל,
ווי איך זע: אַ ווײַסער בושל פֿליט פֿון הימל;
אים אַקעגן פֿונעם שטיבעלע פֿון מעכעלע מלמד,
דורכן קוימען, אויף אַ טישטעכל פֿון סאַמעט,
פֿליט אַ היי, אַ יוד, אַ מם, אַ למד.
נאָך אַביסל
און די למד גאָר אַ גרינער בושל אויף איין פֿיסל!
— וואָס? אַ גרינער בושל גאָר? — אַ שאלה אויף אַ חלום!
און די ׳ביידע בושלם אָפּגעשטעלט זיך אויפֿן דעכל
פֿונעם אַלטיטשקן רבֿ מעכל
און מע נייגט זיך און מע גיט זיך שלום:
„ס׳קאָצל קומט! פֿונוואַנען איז גאָטס דינער?״
שטרעקנדיק דעם רעכטן פֿליגל, ׳פֿרעגט דער גרינער.
„פֿונעם הימל איבער וועלט דער גאַרער!״
זאָגט דער קלאָרער.
„וואָס? ׳פֿון הימל? אויבעט דאָרט געווען?
און פֿאַרוואָס־זשע איך דיך נישט געזען?
לאַנג אַפּנים דו אַ וואַנדערער!״

„ניין, מײַן הימל איז אַן אַנדערער!"
„דהיינו?"
„פּשוט, איך בין נישט פון דײַנע!
איך — מײַן הימל איז אַ בלאָער, הויכער, ברייטער,
אַ צעשפּרייטער,
און מיט כמאַרעס שוואַרצע, און מיט בליצן רויטע!
און דער הימל דײַנער — אותיות גאָר טויטע!"

* * *

דאָס דער חלום.
ווער-זשע ווייסט נישט, אַז חלומות קערן-אַן זיך מיט משלים?
זאָל זיך דאַכטן אײַך: דער חלום, איך געזען גאָר אויף דער וואָר
אים,

איינמאָל, ווען מיט עקל
איך אַ טרעט געטון אומגערן אויפן עקל
פון אַ לאַנגן ביכער-וואָרעם.

קוצו של יוד

איך וויל עפּעס אײַך דערציילן — זאָל זײַן רו!
עפנט־אויף אַ ביכעלע,
זוכט דאָרט אָפּ אַ יודעלע און קוקט אײַך צו:
האָט עס אויפן קעפּעלע אַ שטריכעלע,
אַ פּיצפּיצעלע
ווי אַ קיצעלע,
וואָס סע טוט אַ פליגל מיטן פיסעלע אין שפּיצעלע
פונעם נעזל פון איר זינדעלע, איר טעכטערל,
אויף אַרויסצורופן אַ געלעכטערל.
הייסט עס, אָט דאָס שטריכעלע, אָץ־קוצל,
אָדער קוצו־של־
יוד.
טרעפט זיך שפּעט בײַנאַכט, מע שלאָפט, מע רוט,
טוט אָץ־קוצל אַ מורמל: „אָץ, אָץ, קוצין,
קאַלעפּויץ עס
און פּאַרקלויץ עס,
אָץ, אָץ, אָץ,
בוידעם, קלאָץ!"
הייבן־אָן די אותיות אין ביכעלע זיך וויגן —
שוין, אַן איבערקערעניש, מע נעמט זיך קריגן:
קיינער, שטייגער, וויל נישט שטיין, נישט ליגן
לעבן בית.
בעבעט! וואָס נאָר עפּעס — „בע!"
פּע!
זאָל זי גיין צו אַלדאָס בייז!
און די גימל דריגעט מיטן פיסל,
טרײַבט דאָס אַלפל. „געהערט אַביסל?
שטופּט זיך," שרײַט זי, „אָט דאָס שמשל!

ניִשט געזען אַזוינס נאָך — אַ קאָראָמיסל
מיט צוויי קענדעלעך!"
און די ריש פון „רענדעלעך"
וויל ניִשט שטיין איניינעם אין איין שורה מיט דער דלת.
„ווי קומט ער אַהערצו", שריַיט זי, „אָט דער דלות?"
וואָס מע בעט זי: „שווייַג! אָן ציצית נישט קיין טלית!"
ניין, סע העלפט נישט! פּעך־און־שוועבל! סמאַלעט!
און די לאַנגע צדיק וויל נישט אייַנשטיין לעבן „האַר".
סטייַטש, פאַרוואָס? פאַרווען? „דערפאַר!
ווייַל ער איז אַ רשע! ווייַל ער האָט דאָך נישט קיין האָרץ!"
און דאָס למד־וואָוול שלעפּט דאָס פּיסל, ענג דעם פּיסעלע און שמאָל אים —
ווו? אין „שלום".
„גאָט מיט אייַך! פאַמעלעך! שלעפּט נישט, וואַרטס!"
„סאַראַ שלום, סאַראַ ווערט,
אַז זייַן שין געפינט מען בייַ דער שווערד
און זייַן מעמעלע אין קלעם
גאָר בייַם סמך־מם!
און איר קענט עס טרעפן אין נקמה
און אפילו אין מלחמה
(כאָטש אביסל אַנדערש דאָרט געשלייערט)."
און די שין צעבלאָזן זיך, צעפּאָכעט, צעווייערט
ווי דער ווייער פונעם אינדיק,
רוקט זיך פון דער קוף — די קוף איז זינדיק:
„ס'איז דאָס חזיר־פּיסל כשר פונעם שקר —
זאָל זי גיין צום דאָקטער, צום אַפּטייקער!"
אָט אַזוי־אָ רייַסן זיך די אותיות, די ווערטער,
און אַנטלויפן פון די ערטער
אין די צענדליקער, די מאות,
און סע פעלן נישט קיין העצער —
קעגן אים, זאָל לעבן, קעגן גרויסן בחור־זעצער.
(הוצפה! אים גאָר זאָגט 'מען דעות:

„אָט אַזוי צעשטעל! אַזוי צעשטעל!״)
פרעגט נישט, קינדערלעך, נישט גוט!
אוּן אַז ס׳איז באַשערט, איז קומט עס פון אַ קוצו־של־
יוד.

אי

צדיקל, מײַן צדיקל, דאָס ערשטע פונעם שטייסל
אין מײַן ליבן אַלף־ביתל!
כאַטש געהויקערט און געבויגן,
טובלט זיך עס אַלע מאָרגנפרי אין רעגנבויגן,
קומט־אַרויסעט שלאַנק און אויסגעצויגן,
און אַ לאָז זיך אויף אַ גילדן בלעטל
גלײַך צו מיר אין בעטל —
שפילן מיר אַביסל זיך אין קיצל־גלעטל.
נאָכדעם פרעג איך עס: וואָס הערט זיך עפּעס נײַסעלעך?
שמייכלט עס, דערציילט מיר מעשהלעך.
איינס פון זיי דערצייל איך איצט: חיריק
אָנגעשמעקט זיך ערגעצוו מיט ליריק.
ס'איז אַזאַ מין מאַנגעלעניש, אַ נאָגעניש,
וואָס גייט־איבער אין פאַרחלומטקייט, פאַרטראָגעניש
און אין שטילן זאָגעניש,
וואָס מע רופט השתפכות:
עפּעס וויל זיך, עפּעס בענקט זיך, עפּעס — עפּעס —
אוי, ווו נעם איך עס? ווי כאַפּ איך עס?
כאַפּ אַ ווינטל אין די כטעפּעס!
„אי!!" צעגיסט זיך שטיל דער חיריק, „אי!
אי, אַז ס'טוט אין סאַמע פינטעלע אַ ברי
און אַ צי
ערגעץ ווײַט, אַהין, אַהין —
וואָלט איך אויפגעכאַפּט זיך אויפן קעפּל פונעם פּתח־שין
און אין שטילקייט פון דער מוטער נאַכט,
דורך לבנה־סוד און ציטער־פּראַכט,
וואָלט איך מיט מײַן בענקשאַפט מיר געפלויגן
ביז צום העכסטן פינטעלע, צום חולם,

וואָס צווישן דעם און יענעם עולם,
צום שוואַרצאַפּל פֿון גאָטס אויגן,
וואָס ער איז פֿאַרזונקען אין אַ דרימל,
ווי פֿאַרטאָג דער טויטראָפֿן אין בלימל,
וואָלט מײַן בענקשאַפֿט אים געוועקט, געוועקט,
ווי סע וועקט דעם פֿונק אַ בלאָזאַק,
וואָלט ער אויפֿגעכאַפּט זיך מיט דער גבורה, וואָס אין אים פֿאַרשטעקט,

און צעבליצט זיך אין אַ דגש־חזק,
אינעם דגש־חזק פֿון דער וועלט,
וואָס ער ברענט און ברענט נישט אויס אין פּײַן,
וואָלט איך זיך אויף אים געשטעלט,
זאָל איך איינס מיט אים אויף אייביק זײַן —
איינס, אחד און שאַ!
אָדער ניין! וואָס זאָג איך, האַ?
אפֿשר, וואַרפֿנדיק זיך אויף דער שין פֿון שטורעם,
זאָל איך טראָגן זיך צום הויכן טורעם,
ביזן סאַמע שפּיץ,
צו דער וואָו דער שטאָלענער, וואָס ציט צו זיך דעם בליץ,
און פֿון דאָרטן, טועדיק זיך אַ צעגלי,
זאָל אין בליץ און שטורעם איך אויסדונערן מײַן „אי"?"
אָט אַ לשון, אָט אַ שפּראַך!
אָבער פֿון וכך
היה אומר
ביז וכך היה עושה
רעגנס, פֿרעסט און ווינטן גרויסע.
אינדערווײַל גאָר שבֿועות־צײַט, אַרום ל"ג־בעומר,
ווען סע טאַנצן אותיות גיין־גאָלדענע צווישן ביימער,
ער שפּאַצירט זיך אויפֿן גרינעם פֿעלד דעם פֿרײַען
און דערזען אַ חיריקל, וואָס זיצט אונטער אַ זײַן.
דאָ דאָס שיטערע פֿון דער געשיכטע
דורך אַ זיפֿל וועל איך זײַען

און איך לאָזן דאָס געדיכטע:
ער און זי
זינגען שוין אַן אַנדער לידעלע — נישט „אי",
נאָר וואָס דען גאָר „איי"!
צירה זײַנען זיי —
ער מיט איר ווי אַנד'רע צוויי!
און סע נעמט, פאַרשטייט זיך, נישט קײַן שמיטה,
קומט שוין צו דאָס דריטע.
ווער געבראַכט עס? פרעגט די פייגל!
ווייסן וויים איך, פונעם צירה ווערט אַ סגול.
און דער סגול? עהעהע!
אַנדערע דיבורים: ליריק־שמיריק — בעֵ!
דאָס פאַרגעס! געווען אַמאָל אַ חיריק,
איצט צוויי אייגלעך מיט אַ בערדל — איז דאָס גיריק.
— גיריק? — יאָ! — נאָך וואָס? — נאָך וואָס, אַז נישט נאָך געלט?
דאָס דער פּופּעק פון דער וועלט!
און אויף וואָס איז זי, די ליכטיקע, געשטעלט?
אויף דרײַ זאַכן: זעט און פעט און בעט!
ווײַטער גאָרנישט, עט!
און צום סוף פאַרקויפט עס זיך צום שד
פאַר אַ בייגל!
דאָס די מעשה פונעם חיריק, וואָס געוואָרן איז אַ סגול.

קלינגט דער זייגער דריי

קלינגט דער זייגער דרײַ,
ליג איך מיט די אויגן אָפֿן,
טראַכט מיר אויס אַ משל -- סײַ ווי סײַ,
ווען סע שלאָפֿט געשמאַק זיך, קען איך ערשט נישט שלאָפֿן.

דריי

זיצט ביַי זיך אין צימערל ר׳ לייזערל דער קלייכער,
רעדט מיט זיך אַליין ער.
פרעגט ער ביַי זיַין אומעט:
„וואָס איז איינער?"
הערט ער ווי אַ פליג אין אויער זשומעט:
„איינער איז דאָך קיינער!"
זאָגט די שאַרפע ספקות־ווייִ,
וואָס צעשיידט אים: „איינער איז גאָר צוויי!"
פרעגט ער: „וואָס זשע פיל איך עמעצן אַ נישט־געזעענעם דערביי?"
קלינגט דער זייגער דריַי.

דאָס בלימעלע

שפּילעכלעך פֿאַרשידענע:
מיט אַ קאָשיקל אַ יידענע,
מיט אַ העמערל אַ שמידערל,
און אַ הענדעלע וואָס קוקט אין סידורל,
אַ פּאַיאַצעלע, אַ בערעלע, אַ ביבערל,
און אַ זעלנערל אַ גבורל,
אויף זײַן בריסטעלע אַ ׳בלעכל —
און צווישן אַלע אין אַ קריגעלע אַ בלימל.
און כאָטש שפּעט שוין, צײַט צו טון אַ דרימל,
פֿירט דאָס בלימעלע אַ שטיל געשפּרעכל
מיטן זעלנערל, וואָס שטייט דערנעבן.
בלימעלע דערציילט אים פֿון איר לעבן:
ז׳איז אַמאָל אַ זומער־פֿייגעלע געווען —
שוין געמעגט זי דעמאָלט זען!
נישט אַ פֿייגעלע — אַ ׳ציטערל!
ניין, וואָס רעדט זי — גאָר אַ שפּליטערל,
יאָ, אַ שפּליטערל פֿון רעגנבויגן!
צאַפּלדיק אַרום אַ שטוביק־נאַכטיש זונעלע געפֿלויגן,
עפּעס זי די זיסע וואַרעמקייט געצויגן —
אָפּגעברענט די פֿליגעלעך! אַ ברירה?
איז אַרויס אַ גזירה
פֿון די שטערנדלעך, די בלימעלעך פֿון הימל:
ווערן זאָל פֿון פֿייגעלע אַ בלימל.
נו, אַ בלימל, איז אַ בלימל. צווישן פֿלאַקסן
זי אין פֿעלד געוואַקסן,
זיך מיט פֿליגעלעך און ווינטעלעך געשפּילט,
גאָר נישט שלעכט זיך דאָרט געפֿילט.
נאָר אַ צרה, נעמט עס צו די שטערנדלעך זי ציען!

איז כאַטש בעט דעם שטורעמווינט, ער זאָל זיך פֿאַר דיר מיען —
צוגעבונדן צו דער ערד זי מיט אַ שטרויעלע!
הלשט זי און קוויקט זיך מיט אַ טויעלע,
אַ טרייסטעלע: איר דערלייזער, ער וועט קומען נאָך, וועט קומען,
שמעקן וועט ער איר גערוך איר פֿרומען
און באַפֿרייַען זי, באַפֿרייַען...
נו, אין קורצן, יאָ, נאָך וואָס אַ סך דאָ ברייַען —
ר׳איז געקומען! יאָ, געקומען איר דערלייזער,
אָבער אוי און ווי ז׳איר —
בעסער וואָלט זי אין איר בענקשאַפֿט שוין געבליבן!
האָט באַפֿרייַעט און קייַן פֿליגל נישט געגיבן!

***

שפּעט. סע קלינגט דער זייגער דרייַ.
קלאָגן זיך? פֿאַר וועמען? נישט כדאַי.
שטיל — סע שלאָפֿט דאָס זעלנערל פֿון בלייַ.

דער שרעקלעכער געדאַנק

נאַכט.
שוין די וועלט איר אויג פאַרמאַכט
און אַ שטילער, זיסער שלאָף
איז געפאַלן אויף די שאָף.
נאָר אַ שעפּעלע דאָרט איינס נאָך וואַכט,
און סע פלאַטערט און סע ציטערט,
וויינענדיק פאַרביטערט,
זיין רחמנותדיקער מע.
— טאָכטער לעבן, פּע!
(זאָגט צו אים אַ שכנה)
עפּעס תנועות האָסטו אין דיר גאָרנישט שיינע!
מעקען ווען מע שלאָפט שוין? וואָס דאָס פאַר אַ גאַנג?
צי דו ביסט, חלילה, קראַנק?
טוט דיר עפּעס וויי, האַ? זאָג!
— ווייס איך? כ׳וואָלט ׳געוואָלט, סע זאָל שוין ווערן טאָג.
ס׳איז שטאָק־חושך, ס׳וויינט דער ווינט —
פאַלט אַ פּחד... אוי, גאָט, העלף!
אין אַזוינע נעכט נישט רוען דאָך די וועלף!
— גיי שוין, גיי! דו רעדסט דאָך ווי אַ קינד!
מיינסט, סע שלאָפן אפשר איצט די הינט?
ק׳מורא נישט, זיי ליגן ביי די טויערן
ווי ׳די בערן, מיט געבוי׳רטע אויערן,
כאַפּן־אויף אַ ליאַדע שאָרך, אַ מינדסטן ריר!
— בע! מע! (מאַכט דאָס שעפּעלע) די כלבים... בילערס פיר...
— וואָס־זשע, סערדצע? רעד!
— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? זען דעם גראָען שד —
נישט פאַר דיר און נישט פאַר מיר;
ס׳איז מיר אָבער אַ פאַרדראָס, אַ ווייטיק — קראַנק
מאַכט מיך דער געדאַנק:
איך וועל שולדיק זיין אַ הונט אַ דאַנק!

צווייַ רויזן

כ׳האָב אַ משל פון צוויי רויזן אויסגעטראַכט.
איינע
זיי׳ר אַ שיינע,
נאָר געמאַכט
פון פּאַפּיר און דראָט,
און די צווייטע — געל, פאַרשמאַכט,
כאָטש פון גאָרטן ערשט געבראַכט.
און זיי ביידע גראָד
ליגן אויף איין טישל. „טײַ׳רע שכנה,"
זאָגט די ערשטע מיט אַ קרעכץ,
„זאָג, וואָס האָסטו אַזאַ פּנים אַזאַ שלעכטס?
ביסט אַמאָל געווען דאָך גאָר אַ שיינע,
מע דערקענט נאָך אויף דײַן פּנים
פון דײַן שיינקייט די סימנים —
נו, דערצייל-זשע וואָס דיר פעלט,
וואָס דו ביסט אַזוי פאַרגעלט
אויף סכנות!
בנאמנות,
כ׳קען נישט קוקן פאַר רחמנות!"
„גאָרטן — הייסע שטראַלן — פרישער טוי —"
שטאַמלט יענע, „אוי, סע בענקט זיך מיר אַזוי!"
„ס׳בענקט זיך? פּסס, אַ צרה! וואָס אַ בלום זיך גלוסט!
שטראַלן, גאָרטן,
פרישער טוי — ווי רופסט עס דאָרטן?
גלייב מיר, פון די נאַרישקייטן קיינמאָל נישט געוווּסט
און איך לעב, און דאַנקען גאָט!
הערסטו, שוועסטער, איך וועל זאָגן דיר אַ סוד:
דאַכט זיך, סערדצע, דײַנע נערוון שוואַך,

און דערפֿאַר, זײַ מוחל, רעדסטו מיר נישט צו דער זאַך,
הוריות, חלומות זיך דיר ווײַזן.
וואָלסט געהאַט דו נערוון אָט ווי איך, פֿון אײַזן —"
„ניטע, ניטע! אוי, וואָס רעדסטו?"
מיט די כוחות מיט די לעצטע
האַקט זי איבער די פֿאַרשמאַכטע,
„זיבן וואָכן איך געבליט, מיר דעם טויט געבראַכט די אַכטע.
אָבער נישט מסוכן, נישט מסוכן!
איידער אייביק טרוקן
און נישט וויסן קיינמאָל
נישט פֿון טױ און נישט פֿון הייסע בליקן —
שטאַרבן און כאָטש איין מאָל
מיט אַ טראָפּן טױ זיך קוויקן!"

דאָס שוועבעלע

טשיק —
אָנגעצונדן זיך אַ שוועבעלע, צעפּלאַקערט, און מיט גליק,
מיט אַ ברען אַ קוש געטון דעם ליכט.
(פּלוצים, פּלוצים איז געשען דאָס, אומגעריכט.)
ווערט דאָס ליכט-נשמהלע, דער קנויט,
לעבעדיק פון טויט —
זעט: צוויי העלע פלאַמען
גיסן אין איין רגע זיך צוזאַמען!
נאָר דאָס אמת גרויסע גליק,
וואָס איז דאָס? אַ בליק.
באַלד
פאַלט
אונדזער שוועבעלע צו דר׳ערד,
אויסגעלאָשן און פאַרצערט
און פאַרקוילט.
— נו, דו היצקאָפּ, וואָס געפּועלט
מיט דײַן ברען און ׳מיט דײַן פלאַם?
(זאָגט אויף דר׳ערד צו אים דאָס מיסט)
נאָר צעפּלאַקערט זיך אומזיסט!
איצט מסתם
דיך מיט ׳פיס דאָ וועט מען טרעטן
און מיט אונדז אין דרויסן בעטן!
— ניין, אביונים!
(זאָגט דאָס שוועבעלע) אַ סוף אַזוינעם
און צו אײַך ניִשט גלײַך!
איך בין רײַך
אומגעהײַער —
איך אַ רגע האָב געגעבן און גענומען פײַער!

פּעסלעך

ווײַן מאַכט ריידעוודיק אַפילו טויטע געסלעך,
נו, פאַרוואָסזשע זאָל נישט גיבן לשון ער די פּעסלעך?
האָבן זיך אין ווינקעלער די פּעסעלעך צערעדט:
איינס, אַ מזיקל, אַ ספּרית, מע רופט עס „שפוך-המתך“,
שפּעט,
אויפן צימבל נעמט דעם „וצדקתך“ —
ס'איז אַ פּעסעלע מיט גוטן, פרומען ווײַן,
נאַרט זיך שטיל צו דיר אַרײַן,
גלאַט, מחיה זיס,
פּלוצים, ווײ, ער וואַרפט דיך פון די פיס!
און אַן אַנדערס, אַ מה־יעשׂהניק — סע וויל נאָר וויסן,
צי פאַרקויפט מען קוואַס אויך אין קפּריסין;
נישט — פאַרוואָס־זשע יענער פאַס
רופט זיך אָן קפריסער און איז אָנגעשמעקט מיט קוואַס?
דאָס אַ שאלה! און פאַרוואָס די זאַך ביז הײַנט נישט אויסגעפאָרשט?
„רויטער באָרשט!“
שרײַט באַליידיקט דער קפריסער, „כ'הער, איך הער!
נאָר איך וויל מיט דיר נישט טענהן, איך — איך בין נישט אַבי
ווער!“

נאָר נאָך מער
קאָכט דאָס פּעסעלע „לחיים“ —
פול איז דאָס מיט פרישן ווײַן מיט נײַעס,
רעדט עס, שיט אויף וואָס די וועלט שטייט, על השם ועל משיחו!
אים געפעלט נישט קיינער, אים קײַן זאַך נישט ניחא —
אַנדערש דאַרף עס זײַן אין קעלער! ס'איז נישט דאָס!..
נעבעך, עפּעס וואָלט געוואָלט עס, נאָר סע ווייסט נישט וואָס.
„הערסטו?“ זאָגט רב וצדקתך צום קפריסער,
„ווייסטו, וואָס איך וועל דיך בעטן, זיסער?

פרעג ׳דײַן שכנדל, זײַ מוחל,
וואָס סע בורטשעט דאָרט אַזוי אין אים און רעדט,
גלײַך אַרײַן אין אים אַ דיבוק, גאָט באַהיט, אַ שד!״
„ווייס איך, מעשה קונדס! אַ יונג כוחל,
זיך צעשפּילט די בלוטן — ערשט געקומען פונעם קעלטער.
וואַרט אַביסל, קומען וועט די עלטער,
וועט ער ווערן שטיל, געלאַסן. איך אַמאָל געווען קונדסים — איצט
אויף די הייוון אָפּגעזעצט זיך און מע זיצט.״
„ניין, מע זיצט נישט, נאָר מע גייט!״
פּאַלט-אַרײַן רב וצדקתך אין די רייד,
„מ׳גייט פון טאָג צו טאָג, אוי, ברידערלעך, אַלץ אויס!
ס׳ווערט אין האַרץ אַלץ ליידיקער, סע נאָגט, סע נאָגט,
פּלוצים, קוקסט זיך אום — סע טאָגט!
ליידיק ביז דער שפּענטע, און מע בעט פון קעלער דיך אַרויס!״
„נו, וואָס זאָגט מען אויף צער דעם גרויסן?״
רעדט אַ פּעסעלע מיט זוי׳רן ווײַן ווי עסיק,
„גלייבט מיר, אי דער קעלער, אי דער דרויסן —
הכל הבל, אַלץ איין מיאוסער עסק,
קומסט אַהער און גייסט אַהינצו על פּי נויט!״
„ע, פאַרקראָכן גאָר! גערעדט, גערעדט — אַרויף אויף טויט!״
שלאָגט זיי איבער דאָ רב „היום תאַמצנו״
(ס׳איז אַ פאַס מיט ווײַן חריפות,
פון די ווײַנען פון די שטאַרקע, פון די ריינע —
רעדט ער וואַרעם, שטיל, מיט תקיפות
און באַטעמט),
„אײַ׳רע ווײַנען, ברידער, מיט קיין עסיק-חקירהלעך נישט סמט!
סמט נישט, סמט נישט, מײַנע פריינד!
מאָרגן גיי׳ן מיר אויס — געבענטשט דער היינט!
און אַ ברכה דעם, וואָס פאַרן טויט זיך זאָגט:
ווען ביים האַרץ אַליין געקלעמט מיך און גענאָגט,
איך מײַן לעצטן טראָפּן נישט געקאַרגט,
און געוואַרעמט און געקרעפטיקט און געשטאַרקט!״

דו ביסט, ברודערל, אַ ווילער,
און דער וואָלף — אַ קוילער?
דאָס געביין פאַרשעלטסטו אים אוודאי?
ניטע!
הער נאָר, פאַרן וואַלד-צדיק רב בער שליט״א
זיך דער וואָלף מתוודה,
קלאַפּט אין האַרצן מיט זײַן לאַפּע זיך על חטא,
בליפּעט נעבעך, קרעכצט און רעדט:
„גלייבט מיר, רבי, ווי אַ וואָלף איך בין,
טו איך אַ באַטראַכט זיך — ניסים, וואָס איך גיי נישט פונעם זין!
מיר דאָס לעבן, שווער איך אײַך, נישט ניחא!
אויך אַ לעבן: פּחד, בלוט, רציחה!
און דערצו — האַלב הונגער איך, האַלב פאַסט איך!
איך בין זיכער, ווען מײַן האַרץ זאָל וויסן יענער פאַסטעך,
וואָס פון מויל מיר אויסגעריסן הײַנט צוויי פּיסלעך מיט אַן אויער'ל,
וואָלט מיט מיר איניינעם ער באַוויינט מײַן גורל!
זאָגט מיר, רבי — איר זענט בקי הן אין נגלה הן אין נסתר —,
זאָגט, פאַרוואָס אויף מיר אַ שטראָף, אַ צאָרן אַזאַ ווילסטער,
ציען מײַן היונה פונעם טויט?
און וואָס מער איך לעב, מער רויט
זאָל די זינדיקע נשמה ווערן
פונעם בלוט פון כשרע בהמות,
וואָס איך מזיק, ממית —
פרעגט נאָך וואָס? דעם חומר צו געגערן!
איז דען נישט אַ גאָטס רחמנות אויף די שעפעלעך, די רינדער?
גלייבט מיר, זאָל איך זײַן אַזוי אַ טאַטע מײַנע קינדער,
ווי נישט איין מאָל, אין דער סאַמע הייסער גליקלעכער מינוט,
דעמאָלט, ווען צווישן מײַנע ציין

פלאַטערט, צאַפּלט זיך אַ שעפּעלע, ווען פריש היים בלוט
שפּריצט, שפּריצט, סע קנאַקט אַ ביינדל נאָך אַ ביין —
טוט אין האַרצן מיר אַ ריס
און אין גאָרגל זיך אַליין
איך געגיבן וואָלט אַ ביס!"
רעדט אַזוי דער וואָלף, ער קלאָגט זיך. און דער בער,
ער —
דם ואש,
זיצט און לעקט די סלינע: „אוי, אַ שטיקל פלייש!"

די שאלה

הײַנט דאָס אײװונדל, סע פֿלאַמט.
האַרציק זיס, באַטעמט
צו די קײלעטשלעך די שבתדיקע רעדט עס,
מיט אַ ליבער װאַרעמקײט זײ גלעט עס —
אײַנגעבאַקן אים די קײלעטשלעך אין האַרץ.
ניין, װאָס מער גערעדט, אַלץ װײניקער געזאָגט!
װען אַ װאָרט נאָר אײנס, אַ מעכטיקס, ער פֿאַרמאָגט,
אײנס, אַ צאַפּלדיקס, אַ װײכס, אַ צאַרטס,
װאָס זאָל מיטאַמאָל אי טון אַ גלעט אַ זיסן, אי אַ ברען,
װען —
נאָר אומזיסט! אומזיסט! פֿאַרפֿאַלן! צום באַדױ'רן
נאָך דאָס װאָרט עד היום נישט געבױרן —
ניין, נישטאָ נאָך און סע װעט נישט זײַן!
„אױ, אַ װײטיק איז מיר!" מיט אַ רעש
לױפֿט די לאָפּעטע אינמיטן גאָר אַרײַן,
„פֿון די קײלעטשלעך פֿון מײַנע שיר געװאָרן אַש!
קומט! אַנטלױפֿט, אַנטלױפֿט, כל-זמן איר קענט!
גיכער!" שרײַט זי, „גיך! איר װערט דאָך באַלד פֿאַרברענט!"
און די קײלעטשלעך אַרױסגעשלעפּט זי אַלע,
גאָט צו דאַנקען. גומל בענטשט די חלה
און זי פֿילט זיך גליקלעך, אױפֿגעמונטערט, פֿריש,
און אָט װאַקסט זי אױס גאָר אױפֿן טיש
אױבנאָן און מע באַדעקט זי װי אַ כלה.
װאָס-זשע קען דען זײַן נאָך בעסער?
פּלוצים — אױ, געװאַלד, װאָס װיל דאָס מעסער?
װײ, סע שנײַדט אױף שטיקער! און אַ שאלה פֿיבערט
און זי בלײַבט פֿאַרגליװערט:
גוט דאָס אײװעלע, די לאָפּעטע נאָך בעסער,
און צום סוף גאָר — פֿונעם פֿלאַם צום מעסער?

דער לייב און דאָס מייזל

אין אַ נעץ אַ לייב אַרײַנגעפאַלן און ער
ליגט — אַ שטומער דונער,
אַ פאַרצווייפלטער,
אַ פאַרפלאָנטערטער, פאַרדרייפלטער
אין אַ כמאַרע אַ געכפּלטער.
פאַר אַזאַ מין צער, מענטש, גלײַכגילטיק נישט פאַרבײַגיי!
קומט די מויז און קוים נאָר נעענטער צוגיין זיך דערלויבט —
„נעבעך!״ רעדט זי שוין, „איך וואָלט דאָס נישט געגלויבט?
מויז און לייב — אַבי מע׳לעבט נאָר, צרות נישט קיין דאגה!
ווײ מיר, וויי!
דאָס דער לייב? דער ל יי ב? אוי, האָזל, גיי,
רוף די קאַץ, וואָס נעכטן ערשט פאַרצוקט מײַן ברודער און מײַן
שוואָגער,
רוף זי, רוף, און זאָג איר:
קום און קוק: אַ לייב — די ערד געציטערט, ווו׳געשטעלט אַ פוס ער,
איצטערט זע און נעם־אַראָפּ אַ מוסר!
וואָס־זשע זאָל אַ קאַץ שוין זאָגן, אַז אַ לייב אַזוי אומגליקלעך?
וואָלט געווען דאָס כאָטש אַ נעץ פון שטריקלעך,
מאַך איך באַלד פון איר שטיק־שטיקלעך!
אָבער אײַזן! ווײ, אַ נעץ פון אײַזן!
דאָ אַ מויז אפילו קען קיין גבורה נישט באַווײַזן!
ער, פאַראַן אוממיגלעכס אויך פאַר מײַזן־ציינער!
וואָס־זשע טוט מען? זאָל׳איך וויסן מיר אַזוי פון שלעכטס!
מיט אַ זיפץ נאָר קען איך העלפן, מיט אַ׳קרעכץ!
אויך אַ זאַך דאָס, מיטגעפיל וואָס קומט דיר פון געטרײַשאַפט
ריינער —״
„בוררר!!״ קײַקלט זיך אַ דונער אײַן און אויס.
כאַפּט די פיסלעך אויפן פלייצעלע די מויז.

טראָגט זיך אָפּ, נישט טויט נישט לעבעדיק, צוריק אין לאָך,
דאָרט געבליבן ליגן קראַנק אַ גאַנצע וואָך —
נישט פאַר איַיך געזאָגט, געכאַפּט זי אין דער לינקער זיַיט אַ שטאָך —

און פאַרזאָגט קינדס-קינדער און געשוווירן:
„וואָס נישט מיט אַ לייב זיך טרעפן, זאָל קיַין מויז אים נישט באַדוי׳רן!״

דאָס היטל צוקער

אלה תולדות נח:
נח — גלאַטער הינטן, שפּיצעכיקער מוה,
העפּלעך זיסער, פּינקטלעך קאַלטער,
זיבן יאָר געווען בוכהאַלטער,
נאָכדעם טוט אַ קוק ער,
ערשט — ער איז אַ היטל צוקער!
היטל צוקער? קען מען דאָך אויף שטיקלעך אים צעבראָקן,
אין די צוקער־פּושקעס אים דערלאַנגען צו די טישן,
וואַרפן אין די הייסע גלעזער און מיט לעפעלעך אים מישן!
האָט זיך דווקא נח נישט דערשראָקן —
גלײַך ווי קיינמאָל גאָרנישט, שטייט זיך רויִק, מוטיק,
און ווי ווײַסער שניי ער רעדט קאַלטבלוטיק:
„בראָקן וויל מען? זאָל מען בראָקן!
איך שוין סײַ־ווי־סײַ אַ זקן,
כ׳האָב דערשלעפּט שוין, דאַנקען גאָט, ביז פערציק,
און איך זאָג עס אָפּנהערציק:
שלעפּן ווײַטער וואָלט געהייסן, על פּי חשבון, אַ פאַרברעך,
גלײַך ווי עפּעס פעלטשן אין דער בוכהאַלטעריע,
צושטעלן צום קרעדיט זיך אַ נול — נו, זײַ אַ בעריע!
וועסטו כאַפּן, ברודער, בעך!
און אַז צוקער בין איך,
איז פאַרגין איך —
זאָלן גוטע־פרומע לײַט פון מיר געניסן!
ביטערניש אַזוי פיל — זאָל זיי׳ר גלעזל טיי איך כאָטש פאַרזיסן!
מײַן נשמה איך אַרײַנגעטון אין וואָס? אין צאָלן טרוקענע!
זאָל מען האַקן מיך אויף שטיקלעך,
כאָטש די ווייטיק אַ מסוכנע —
איך דערפילן וועל זיך גליקלעך

און צעגיין זיך אין אַ וואַרעמער מתיקות!
עך, יסורימלעך־של־אהבה, קומט, אין אײַך דאָס גרעסטע גליק איז,
וואָס סע קען זיך מיר נאָר מאָלן!
קומט־זשע, טוט מיך אויס שוין פֿון די צאָלן!
גיסט מיט אַלע מיך צונויף! נישטאָ קײַן נח, שמעון, ראובן!
איינס פֿאַראַן — געזאַנג פֿון כרובן!"
אָט אַזוי־אָ די יסורים ער אויף זיך געבעטן,
און אויף צרות, דאָס טאָג־טעגלעך זעט'ן,
קומט נישט אויס צו וואַרטן ווי אויף גליק אויף שפּעטן;
דאָס געבעט געהאַלטן נאָך אינמיטן —
שוין אויף שטיקלעך אים מע האָט געשניטן.
„עסט מײַן לײַב און טרינקט מײַן בלוט!" געמורמלט ער אין
זיסע ליידן
און איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט אין בריענדיקע פֿריידן.
נאָר אַז ער געקומען שוין אין זײַן גן־עדן
און דערגאַנגען ביז אין תוך אַרײַן אין די געדערים
פֿון חברים,
ערשט — פֿאַר וועמען ער געליטן? פֿאַר חזירים!

דאָס מעסער און די זיבן פֿלאַמען

הערט, דאָס מעסער, אונדזער חריף, בראָקט שוין תורת-לאָקשן,
שנײַדט ווי אַ בר סמכא, ווי דער לעצטער פּוסק:
„וואָס איז לעבן, קלערט איר זיך, אַ בלאָט גמרא?
יעדער לויט זײַן שכל און השגה אין אים עוסק,
ווער סע ווײַזט-אַרויס בקיאות, ווער אַ שאַרפֿע סברה?
מאַכט זיך, קינדערלעך, נישט חוזק —
לעבן איז אַ בלעטל לאָקשן, וואָס מע בראָקט,
בראָק נאָך בראָק, בראָק נאָך בראָק,
ביז מע זאָגט:
בראָק — אַ גוטן טאָג!
און מע גייט שוין אין דער יויך
און פֿון דאָרטן גלײַך אין בויך,
אין דעם הייסן קעסלקאָך,
וואָס ער מאָנט אַלץ נאָך און נאָך,
נעם כאַטש גיב אים אַלע וויטיקן און צרות!"
„וואָס-זשע טויג דער גאַנצער עסק?"
„אויף כפּרות!
דאָס פֿאַרשטייט אַ קינד אפֿילו — ס'איז דאָך אַלף-בית'יק!"
„ווער-זשע האַלט אײַך אָפּ, רב מעסער?
איידער תורת-לאָקשן בראָקן, בראָקט מען זיך שוין בעסער!"
„וואָס? צעבראָקן זיך אַליין? דאָס קען דאָך נישט די שאַרפֿסטע שווערד!"
„מיר די חכמה שוין געהערט!
אַז מע קען זיך נישט צעברעקלען, שטעקט מען אײַן זיך טיף אין דר'ערד.
ווען דאָס לעבן האָט פֿאַר דיר שוין נישט קיין ווערט!
לעבסטו — פֿלאַקער, ביז דײַן אייגן פֿײַער דיך פֿאַרצערט!"
אָט אַזוי אין העלע גראַמען
קנאַקן זיבן לעבעדיקע פֿלאַמען,
שפּרינגענדיק אין פּנים אים — אַ רוח אין זייער מאַמען!

דער רויטער מאַן

טאָג ווי נאַכט געפּײַערט און געברענט דער רויטער מאַן:
„אַז דער גאָרטן גאָלע שקר און סע גייט נישט קיינעם אָן!
קוקט נאָר אָן דעם צדיק מיטן בערדעלע, דעם פּאַפּושוי —
ווייַ און אוי!
אײַנגעהילט אין גרינעם טליתל, שטייט אַ לאַנגע שמונה־עשרה,
זיפצט און שאָקלט זיך, בעט אויף צײַטן בעס'רע,
פרום,
און אַז קיינער זעט נישט. אַז מע שלאָפט אַרום —
קוצעניו־
מוצעניו
מיט דער געלער סאָניטשקע! (די זונבלום, הייסט עס.)
און די קײַלעכדיקע דיניע דאָרט וואָס טראַכט זיך?
דאַכט זיך,
ווי אַ טיקווע נאַריש, האַ? אַ נעבעכל, וואָס ווייסט עס?
זאָלט איר זען, נו, ווי צו שמד־שטיק האָט עס שכל
און בגנבה צום אַרבוזיקל אַ הנדעלע, אַ שמייכל!
מילא, וועמען אַרט עס? גלאַט אַזוי, טשיקאַווע!
אָבער וואָס חטאים גאָר אויף יענעם זוכט זי
און סע ברענט זי און באַקומט די געלע זוכט זי:
„סטייטש, דער רויטער מאָן אַ רשע, אַ בעל־תאווה!״
און די אוגערקע אפילו?
כלומרשט זיך אַ ווײלינקע, אַ שטילע,
גרין, קײַן פּיצל יצר־הרע —
פירט זי סודות דורך די נעכט מיט דער מכשפה,
מיט דער אַלטער פּאָמעדאָרע!
אוי, נישט גלאַטיק — ווו אַ סוד, איז טריפה!״
נאָר נאָך מער פאַרדריסט אים אויף די הויכע ביימער:
נאָר מע שושקעט זיך, שטיל, שטילער און געהיימער,

און אַ משא־מתן פירט מען מיט די פייגעלעך פון דרויסן —
גאָט ווייסט וואָס זיי זענען אויסן!
שלעכט! ער מוז אַוועק, אַוועק פונדאַנען!
ווי אַזוי־זשע? אַז מע וויל, מניעות נישט פאַראַנען!
וואָס־זשע, זענען דען די זומער־פייגעלעך
נישט געווען אַמאָל קיין מאַרגעריטקעס, רחלס־אייגעלעך,
און זיך אויסגעריסן פרײַע, פרײַ?
זאָל ער נאָר צעוואַקסן זיך, נאָר קומען צו די כוחות,
דעמאָלט, דעמאָלט — איינס, צוויי, דרײַ,
און ער פליט אַהין, אַהין ווו ריין און הויך איז,
צו די הימלרויזן, צו די שטערן!
ווער וועט אים פאַרהאַלטן? ווער? וועמען וועט ער הערן?
גאָט, נאָר אויסוואַקסן שוין גיכער! וואַקסן! וואַקסן!..
דרייען, דרייען רעדער זיך אַרום די אַלטע אַקסן,
שפינט די צייט זיך טעג און נעכט פון גראָע פלאַקסן,
ביז לסוף אַ ליכטיקן פרימאָרגן אויסגעקרייט דער האָן —
מזל־ברכה! אויסגעוואַקסן אונדזער 'מאָן!
אויסגעוואַקסן — אָבער קוקט, זײַט מוחל, און דערקענט:
ווו די בלום? די פײַערדיקע פאַרבן?
פאַרבן, וואָס די אויגן אונדז געברענט?
ווו איז פליגל, ווו? אַ קעפּעלע, אַ שאַרבן,
פול מיט שוואַרצע מאָנדעלעך פּיצפּיצעלעך —
פון אַמאָליקע חלומות דאָס די שפּיצעלעך.

* * *

און געהערט אַ קול איך, געזאָגט דאָס אַזוי מיר:
„נעם אַ מאָן־קעפּל און גיי צו מײַנע טרוימער,
און זאָלסט זאָגן זיי: „אַזוי זאָגט אדוני מיר:
איך האָב אײַך געשיקט אַ מאָן —
מײַנע טרוימער, קוקט אײַך אָן!”

די טעקעלעך

ליגן טעקלעך צוויי אויף איין געלעגערל
און זיי פּלאַפּלען, ווי דער שטייגער,
אַז מע ליגט אויף איין געלעגער.
פּלוצים זיי צערעדט זיך וועגן זייגערל,
וואָס געליגן אויפן טישל לעבן בעטל.
„הערסטו?" זאָגט דאָס טעקל עטל־נעטל,
„וואָס, וואָס — עיקר פֿאָרט דאָס טשיפּערבלעטל!"
„נו, פֿאַרשטייט זיך!" ענטפֿערט איר דאָס טעקל
קיש־אין־בעקל,
„קלאָר — נישטאָ קיין טשיפּערבלעטעלע, נישטאָ אויף וואָס צו קוקן!
נישט צו מאַכן! מעג דאָס הערצל קלאַפּן דאָרט מסוכן,
קיינער מאַכט דערפֿון קיין וועזן!"
„זיכער?" „זיכער!"
„נעבעך! און וואָס זאָגן וועגן דעם די ביכער?
דו האָסט ביכעלעך געלעזן?"
„פֿע! לאַנגווייליק! אויפֿן ערשטן בלעטעלע אַ קוק
און גענוג!
קומט צונויף אַמאָל זיך אָנצורופֿן קלוג:
פֿאַוסט, געטע, שילער, שמ"ר,
דאָן קיכאָט, בר־כוכבא, אמנון, תמר —"
„אוי, דו ווייסט דאָך, שוועסטערל, אַ ים! פֿונוואַנען?"
„כ'בין אַמאָל בײַם ביכער־שאַפֿקעלע געשטאַנען.
אָבער יאָ, אינדעסן —
וואָס געוואָלט איך זאָגן און איך האָב פֿאַרגעסן?
ערשט געליגן אויף דער צונג מיר גראַדע —"
„וועגן טשיפּערבלעטעלע אוודאי?"
„יאָ, נו! טשיפּערבלעטעלע, פֿאַרשטייט זיך, איז דער עיקרשט,
נאָר צום טשיפּערבלעטל מוז מען האָבן גליק ערשט —

מזל, שוועסטער, מזל! שטייגער:
מעגסט מיר גלייבן, איך אַליין געקענט אַ זייגער —
גאָלד, דאָס טשיפּערבלעטעלע — אַ פאַרגעניגן!
און סע גייט נישט, און מע לאָזט עס ליגן!
און פאַרוואָס? נישטאָ קיין גליק!"
„טאַק, טאַק, טאַק! טיק, טיק!"
טאַקעוועט דאָס זייגערל איר צו,
„איז נישטאָ קיין מזל, העלפט נישט גאָרנישט, וואָס נישט טו!
מיך פרעג, שוועסטער, מיך!
גיי פאַוואָליע איך,
זאָגן זיי, איך קריך;
נעם איך האַסטיק זיך באַוועגן,
שרייען זיי: „סע גייט אויף אים אַ רעגן!
מעגסט אונטער אַ שטיין אים לייגן!"
און געדרייט מיר די געדערימלעך אַהין, אַהער.
שווערלעך, קינד, אָן מזל, שווער!
יאָ, ווּהין דו זאָלסט נישט בייגן זיך און נייגן —
האָסטו מזל, לויב זיין ליבן נאָמען, דאַנק!"
„דאַנק, דאַנק, דאַנק!" אַרויס דער וואַנטזייגער מיט פולן קלאַנג.
„איידער זיך אויף ביטער מזל צו באַקלאָגן,
היט דיין שעה און וויס דיין רגע, ריכטיק זי צו שלאָגן!"

שטיוול

מאַטעס טרעגער
רוט די בײנער אויס אויף זײַן געלעגער.
לעבן בעט
שטייען זיך די שטיוול זײַנע און מע רעדט:
— שרעקלעך, שרעקלעך!
אפשר וואָלטן בײדע מיר אויף זיך דעם טויט געבעטן?
אויך אַ לעבן, בלאָטע קנעטן!
— עט, סע פֿעלט דיר, ברודער, אַ פּאָר פֿלעקלעך,
צי גאָר אַן אָבצאַס פֿאַרלוירן, ווײס איך?
שוטה, שוטה, ס׳גייט דאָך עפּעס פּסח!
— נו, איז וואָס? — וועט ווערן טרוקן
און רב מאַטעס אונדז געטרײַ
מיט דער באַרשט אָפּגלאַנצן, וועמיר ווערן נײַ,
שפּיגעלעך — אַ חיות זײַן צו קוקן!
— טאַקע?
— טאַקע, טאַקע! ס׳האָט אַ זשאַבקעלע געטון אַ קוואַקע,
ס׳איז אַ גוטער סימן! האָפֿ׳נונג, ברודער, האָף —
טיף די בלאָטע, נאָר סע גייט, סע קומט אויף איר אַ סוף!
— זאָלסט גאָר אויף קײַן שלעכטן אָרט נישט טרעטן!
ווייסט,
האָסט דאָך, ברודער, מיך געטרייסט! —
און פֿון דעמאָלט, קנעטנדיק די בלאָטע, ׳נאָר געבעטן:
„פּסח — אוי, סע זאָל שוין קומען פּסח!
ווען איך קען די צײַט מיט בײַטשן טרײַבן, הייס איך!”
און די צײַט געקראָכן זיך, געקראָכן.
נאָך אַ וואָך און נאָך צוויי וואָכן —
פֿון דער אַרבעט קומט ער, מאַטעס,
וואַרפֿט-אַראָפּ די אַלטע שמאַטעס:

„שרה-גיטל,״ זאָגט ער, „נעם דאָס פעקל, אַ מתנה טראָג צום
גלוז עם!״
אָפּגעוואַשן, אָפּגעפרישט זיך, און אַרײַן אין בגדי-מלכות —
קוקט אויף אים און נישט דערקענט אים שרה-גיטל:
מאַטעס אַ באַלבאָס אַ יוסטער,
אויפן קאָפּ אַ זײַדן היטל,
די קאַפּאָטע שפּאָגלנײַ, די שיך נאָר וואָס פון שוסטער
(פאַר צוויי קאַרבן מיט אַ האַלבן
צוגעזאָגט, געמאַכט אויף יום-טוב זיי רב ראובל).
און די שטיוול?
נישט פאַר זיי די יום-טוב-בשורה זינגען שוואַלבן:
זיי געפאַלן מטה-מטה —
אָפּגערוקט פאַרשעמטע, וואַרטן אויף אַ נייער בלאָטע.

**
*

ווי מיר ווילן, לײַנען מיר דאָס בריוול.
ווילן מיר, באַדוי'רן מיר אַפילו שטיוול;
ווילמיר, זאָגן מיר: אַ מצווה! אַלטע לעדער
פראַוועץ וויל דעם סדר?
אָבער ווײַ געשריגן! ס'טרעפט דאָך אויך מיט מענטשן אָפט:
יום-טוב קומט, נאָר נישט פאַר יענע, וואָס אויף אים געהאָפט!

ביינאַכט

אָרימקייט קיין זינד, חלילה, נישט —
אַ באַווייז: מע שעמט זיך דאָך דערמיט.
(נו, ווער שעמט זיך היינט מיט זינד?
סיידן נאָר אַ קינד.)
איז דאָס טאַקע נישט קיין זינד, נאָר שמייסן
שמייסט די וועלט דערפאַר,
ווי דעם קנעכט סע שמייסט אַמאָל דער האַר,
גלאַט אַזוי, פאַר ווילטאָג, אויף צופלייסן.
קומט־אַרויס אַ האַרבסט־נאַכט, אָרים, וויסט און בלינד,
שמייסט זי מיט אַ לאַנגער פייפנדיקער בייטש דער ווינט.
ווײנט די נאַכט און פון די טיפע אויגן־לעכער
גיסט זי טייכן פינצטערע אויף דעכער
פון פאַרשלאָפענע, פאַרהאַקטע שטיבער,
וואָס זיי כראָפּען אין דער וועלט אַריין מיט נעזער־קוימענעס.
אַלין פאַרטייעט. נאָר ביים האָלין־העקער רב קלונימוס
קלינגט דאָס אַלטע דעכל
מיט אַן אָפּגעריסן בלעכל,
ווי אַ קראַנקער מיט די ציין אין פיבער
(שוין אַזוי פיל און אַזוי פיל,
אַז דאָס הייזל, נישט פאַר אייך געזאָגט, אַ שטיקל חולה־נופל).
און אַקעגנאיבער
אין אַ וויסט געביל פאַרגייט זיך יאָמערלעך אַ הונט —
פאַרן קראַנקן הייזל בעט ער דאָס, פאַר זיין געזונט.
נאָר ווער גלייבט עס דען אַ הונט און הערן דען ווער וויל אים,
ווען אפילו פאַר אַ קראַנקן זאָגט ער תהלים?
בילט ער, בילט ער, ביז רב קלונימוס באַווייזט זיך מיטן שטעקן:
„כלב איינער", שרייט ער, „נישט געפונען וועמען שוין צו וועקן?
זוער באַגראָבן!

מאַרש! מע דאַרף דיך דאָ נישט האָבן!"
טראָגט זיך אָפּ דער הונט, פאַרשטעקט זיך אין אַ לאָך
און ער זאָגט: „אין תוך,
וואָס מיר קלונימוס און וואָס איז מיר זײַן חולה?
גלאַט אַזוי צו בילן אויף אַן אַרבעט זײַ'ר אַ ווויליע."

פאַרוואָס די ערד דרייט זיך

זיבן יאָר אין טײַך אין הייליקן, אין גאַנג,
זיך געטובלט יאַ־כון־טשאַנג.
קעגן דער לבנה־שײַן, אין נעכט געהייליקטע, פאַרטראַכטע,
זיבן יאָר געריייניקט זיך, דאָס אַכטע
ווידער זיך געטובלט, גלאַט אַזוי — וואָס שאַט עס?
איז אַ צאָפּ אים אויסגעוואַקסן ביז די פּיאַטעס;
נישט אַ פּשוטער — אַ גילדענער, אַ זעלטענער אין כינע,
אין דער גרויסער צעפּ־מדינה.
און אַ צאָפּ אַזאַ זאָל הינטן הענגען, אויפן רוקן?
יעדער, נאָר נישט יאַ־כון־טשאַנג זאָל אויף אים קוקן?
און וואָס טוט מען גאָר, אַז עמעץ ווער
נעמט און גנבעט שטיל זיך אונטער מיט אַ שער?
אַלדינגס קען זיך טרעפן, יאָ! מיט וואָס איז ער באַוואָרנט?
ניין, דעם צאָפּ מוז טראָגן ער פון פאָרנט, יאָ, פון פאָרנט!
טוט ער זיך אַ קערעווע, אַ דריי,
איינס און צוויי —
שטיי!
וואָס געשען?
גאָרנישט, אַלץ דער צאָפּ נאָך ווי געווען!
טוט ער ווידער זיך אַ דריי, אַ קער,
איינס אַהין און צוויי אַהער —
אַלץ דאָס אייגענע! איז דרייט ער זיך נאָך מער,
האַסטיקער, אַ שווינדלראָד —
ניין, סע העלפט נישט, בראַמאַ ווײַזט נישט זײַן גענאָד!
און אַזוי שוין לאַנג
דרייען דרייט זיך יאַ־כון־טשאַנג,
און מיט אים די גאַנצע שטאָט,
דער בית־עולם און דער טעמפּל און דאָס באָד,

מיט דער שטאָט די גרויסע וואַנט,
וואָס אַרום דעם גאַנצן לאַנד,
מיט דער וואַנט די גאַנצע ערד —
ווי אין מיל דאָס בלינדע פערד.
זיך דער וועלט שוין לאַנג פאַרדרייט דער קאָפּ —
און פון הינטן אַליץ דער צאָפּ!

דאָס ווינטעלע

לויפֿט אַ ווינטעלע,
יאָגט זיך נאָך אַ שטערנדל, אַ פֿינטעלע.
טאָגט.
קומט אַ סומנעקייט און נאָגט,
און דאָס ווינטעלע סע קלאָגט.
פֿינטעלע מיט ווינטעלע סע רייצט זיך —
פֿינטעלע סע דרייט זיך,
דרייט זיך אַרום ווינטעלע,
ווינטעלע אַ הינטעלע
דרייט זיך אַרום פֿינטעלע.
עך, אַ שווערער יאַגד!
ווינטעלע סע פֿײַפֿט, סע קנאַקט —
אי־יו!! ווינטעלע דאָס פֿינטעלע געפּאַקט!
אָפּגעשטעלט דער לויף,
נעמט זיך ווינטעלע צונויף,
זעצט זיך אָפּרו׳ן אויף אַ בערגל,
און אַזוי זיך גרינגלעך על פּי הרגל
דרייט עס מיט די פֿליגל פֿון אַ מיל
און סע מאַכט זיך מיטן פֿינטעלע אַ שפּיל —
וואַרפֿט אַהין עס, וואַרפֿט אַהער,
פּרוּווט צו טרעפֿן אין אַ ציל.
ווער־זשע שאַרכט דאָרט צווישן גראָזן? הער
קײַקלענדיק זיך, פֿינקלענדיק, אַ גילדן רינגעלע
שײַנט־אַרויס פֿון אים אַ פֿלאַמיק צינגעלע,
זאָגט עס שטיל: „געבענטשט דײַן יאַגד!
האָב נישט קיין פֿאַריבל, וואָס געוואַגט
איך צו שטערן
אויף אַ ווײַל דײַן שפּיל מיט מיל און שטערן —

איך וויל פרעגן נאָר, צי ביסט אַ בעלן דו אויף זיבן קענדלעך פֿײַערדיקע רענדלעך?"
„זעלבסטפֿאַרשטענדלעך!"
„לערן־זשע מיך כאַפּן דעם, נאָך ווען איך זיך יאָג זיבן יאָר שוין מיט אַ טאָג!"
„ווער־זשע איז דאָס? זאָג!"
„איך!"
„כאַפּן זיך?
הערסטו,
דאָס איז דאָך דאָס שווערסטע!"
ענטפֿערט אים דאָס ווינטעלע
און ס׳ע נעמט זיך ווײַטער שפּילן מיטן פֿינטעלע.

דאָס אויגן-מענטשעלע

יעדער טראָגט בײַ זיך אין אויג אַ מענטשעלע אַ פּיצעלע —
טראָגט אַזוינס, פאַרשטייט זיך, אויך דאָס שוחטל רב איציעלע.
איינמאָל פאַרן שלאָפן זאָגט רב איציעלע „המפּיל״,
טוט אַ צאַפּל
זײַן שוואַרצאַפּל —
נעמט דאָס וואַסער אין דער דייזשע קאָכן, זידן, שוימען,
און דאָס מענטשעלע אַ פלי־אַרויס זיך דורכן קוימען.
שאַ, די נאַכט וויינט? ניין, אַ ווינטעלע שטיל ברומט!
און דאָס מענטשעלע סע פליט זיך, פליט זיך, און סע קומט
צו אַ קלאָץ אַ גרויסן בײַ אַן אַלטער יאַטקע,
ווו סע שלאָפט דער אַלטער הונט, דער שוואַרצער בלעם,
שטעלט דאָס מענטשל אויפן קלאָץ זיך און זאָגט תהלים:
„למה רגשו״ ביז „ננתקה״.
ווערט דאָס מענטשעלע אַ שפּילקע־קעפּל,
פונעם קעפּל ווערט אַ קנעפּל,
פונעם קנעפּל גרינער עפּל,
גרינער עפּל ווערט אַן איי, דאָס איי
טוט אַ דריידל זיך, אַ דריי
און אַ שטעל זיך אויפן שפּיץ,
טוט אַ בליץ
אַ פאַספאָריש בליצעלע,
שפּרינגט פון איי אַרויס רב איציעלע,
גרויס ווי פון אַ בוטל דאָס פאַרשטעקל,
אָבער, ווי מע זאָגט עס, בכל־מכל־פלעקל —
מיטן שטריימעלע און מיט די שיך־און־זעקעלעך,
פאָותלעך געקרײַזלטע אין פלעשעלעך און גלעקעלעך,
דאָס קאַפּאָטקעלע מיט שוואַרצלעך־רויטע פלעקעלעך,
הינטן קוקט־אַרויס אַ רויט פאַטשיילעכל

ווי אַ צונג פֿון אַ געקוילעט לעמעלע,
און דאָס בערדעלע צעשויבערט, וויסט נישט פֿון קיין קעמעלע.
מאַכט דאָס שוחטל די אייגלעך צו און זינגט אַ פֿריילעכל:
„איי, איי, טאַטע פֿאָטערל! אבינו מלכל!
מיין נשמהלע פֿון דיר אַ טיילעכל,
פֿון דיין פֿלאָם אַ פֿלעמעלע,
ציט דאָס פֿלעמעלע צום פֿלאָם
ווי דאָס טייכעלע צום ים —
העכער, צו דער שכינה, צו דער מטרוניתא!
איי, מחשבות, איי, איי, זיסע!
קדוש! קדוש!" און אַ שפּרינגל און אַ שפּרינגעלע,
און סע שלעפּט פֿון הינטערקעשענע דאָס רויטע צינגעלע,
הענגט דערויף פֿון יענער זייט אַ גילדן רינגעלע,
שטעקט אין רינגעלע אַ פֿינגערל,
נאָכן פֿינגערל אַ הענטעלע, און נאָכן הענטעלע
יענטעלע —
לילית אין אַ פֿרעמדן מענטעלע
פֿונעם חזנס טעכטערל, אַ מיידעלע, אַ זינגערל.
יענטעלע אַ באָרוועסע,
און סע ציטערן די יונגע הערשעלעך, דאָס צווילינג פּאָר —
וואָס איז?
נעבעך נאַקעטע, אַ קריִרה!
אירע
שוואַרצע צעפּ צעפּאַטלטע, צעוווינטע!
אַ רחמנות! גייט רב איציעלע מיט איר אַ טאַנץ —
לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה!
זאָל דער כסא און זיין ליבער נאָמען ווערן גאַנץ,
זאָלן זינגען באַרג און טאָל אים —
אהבה, אחדות, שלום!
איז דערפֿאַר
פֿאָדאַוויי־זשע, איציע, זשאַר!
שטאַרקער, איציע! עך, אַ ריקוד! עך, אַ ריקוד!

און דאָס קול פון כּשרע בהמהלעך מערוקעט

פֿונעם קלאָין אַרויס, דער קלאָץ אַזש פּוקעט:

„שכינה, אחדות, ליבע, שלום — וויל און גוט;

נאָר פֿאַרוואָס־זשע מאַנצט עס גאָר אויף אונדזער בלוט?"

נקמה

גייט אין וואַלד אַרײַן אַ טאַטער
קאַקוסנים צו זוכן (זיי פאַרקויפט אין שטאָט ער).
גייט ער, גייט ער,
און אָט שטייט ער
פאַר אַ בוים. אָנגעשפּיגעוועט דער בוים מיט נים —
אָבער, גאָט, ווי הויך ער איז!
און נישט צוגעגרייט, פאַרשטייט זיך, קיינער דאָרט קײַן לייטער.
ווי ער טוט אַ קוק: אַהאַ —
אויפן בוים אַן אפל! זאָגט דער טאָטער: „זײַ געלויבט, אַלאַ!
אי די נים באַקום איך, אי נישט אויפן בוים געקראָכן —
זיך די אַלטע ביינער נישט געבראָכן!"
וואָס-זשע טוט ער! צילט און טרעפט אין אפל ער אַ שטיין.
ביז דאָס אַפּל, שאַרפט די ציין,
בײַסט אַ נוס אָפּ, וואַרפט אין טאָטער.
„וואַרט, דו וועסט פון מיר שוין אַזוי גיך נישט פּטור!"
זאָגט דער אַלטער
און די נוס באַהאַלט ער.
נאָך אַ שטיינדל — נאָך אַ ריס,
און סע פליען נים אויף נים.
קורץ, סע פלאַקערט אַ מלחמה:
טאָטער וואַרפט אין אפל שטיינדלעך און שלאָגט-אויס אַן אויג איִם.
ס'אַפּל זיך אין טאָטער נוקם
(זיס איז די נקמה),
ניקם, נוקם, ביז —
ביז דער טאָטער טראָגט-אַהיים אַ פולן זאַק מיט נים.

דער שפּיגל און דער מלאך

קעגן שפּיגל
שטייט אַ וויגל,
אין דעם וויגל שלאָפֿט אַ קינד.
און דער מלאך מיט די רעגנבויגנדיקע פֿליגל
שטייט צוקאָפּנס און אַ חלום אים ער שפּינט
פֿונעם האָניק־פּאָדעם, וואָס אים איבער מיילעכל גערונען,
ווען דאָס קינד נאָך אין גן־עדן אויף אַ טייטלבוים געזעסן
און אַ טייטל דאָרט געגעסן;
אָט דעם פּאָדעם דעמאָלט אויסגעכאַפּט דער מלאך און אַנטרונען.
איצטערט שפּינט ער פֿון אים גליק, איז גליקלעך מיטן קינד
איניינעם —
שמייכלענדיק גיט־איבער ער זײַן חן אים.
זאָגט דער שפּיגל: „שפּינסט? ביסט גליקלעך, ליבער מלאך?
איך פֿאַרגין דיר, פֿונעם גאַנצן האַרצן דיר פֿאַרגין איך —
כאָטש אַליין איך ווײַט פֿון מזל, ווײַט אַ ווײַטן מהלך.
איך אַ קינסטלער בין, פֿאַרשטייסטו מיך, אַ מאָלער בין איך —
וואָס איך זע, דאָס מאָל איך.
איצט דאָס קינד אין וויגל גיב איך איבער — זע, ווי ריכטיק!
און די פֿאַרבן — קוק, ווי העל, ווי ליכטיק!
גלײַך ווי נישט קיין גלאָז — קרישטאָל איך!
און זאָל ווער אַ דאַנקל זאָגן מיר, אַ יישר־כּוחל!
שטאַרבן מוז אַ קינסטלער, ער זאָל מאַכן ערשט אַ רושם?
נאָכן טויט מיר זאָגן שבחים? אחרי מות קדושים?
מוחל!"
„שפּיגל, שפּיגל, זאָל דיך נישט פֿאַרדריסן!"
זאָגט דער מלאך מיט אַ שמייכעלע אַ זיסן,
„מאָלן מאָלסטו טאַקע ריכטיק און מיט אַלע כּללים,
אָבער דאָס נאָך ווייניק: קינסטלער ביסטו, ווײַז דעם חלום!"

בענקשאַפט

„פון די טיפענישן רוף איך, רוף צו דיר, מײַן האַרץ!
איך בין קראַנק, און פינצטער איז מיר דאָ און שוואַרץ!
און איך קען דאָס נישט פאַרשטיין, איך האָב דאָס קיינמאָל נישט
פאַרשטאַנען,
ווי אַזוי, פון וואַנען
קומט צו מיר די אַנונג
וועגן דיר און וועגן דײַן פאַרהאַנונג!
און איך ווייס, איך האָב דאָך נישט די ווערט
בלויז דײַן נאָמען צו דערמאָנען.
אָבער דו, אָ ליכטיק האַרץ, וואָס פילט, וואָס הערט
און פאַרנעמט דעם רוף פון מינדסטן ווערעמל און זײַן באַגערל,
דו, דו וועסט נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך, אַ נישטיק טרערל
פון אַ קראַנקער ראַקאָווינע,
לעכץ, איך הינע
און גיי־אויס נאָך דיר, מײַן האַרץ, מײַן שכינה!"
אָט אַזוי געוויינט אין ים אַ פערל.
און אַז מ'האָט זי פונעם ים אַרויסגעצויגן
און מיט נאָך אַ סך אַזעלכע ווי זי,
דורכגענומענע פון בענקשאַפט־גלי,
אויפגעסיליעט אויף אַ זײַדן שנירל,
און די מלכה פון דרײַ ימען, מירל,
(ז'האָט אַ שוואַרצן האָר־ים און צוויי ימען אויגן),
האָט זי אויפן אוצר פון פאַרלאַנגען,
אויפן מיידל־האַרץ אויף אירן אויפגעהאַנגען —
באַלד
זי ווי אירע שוועסטערלעך דערוואַרעמט זיך, צעשטראַלט
אינעם נחת־ליכט שוין לאַנג געגאַרטן,
און איניינעם מיטן האַרץ גענומען אויף אַ האַרץ ערשט וואַרטן.

איבערן ים

איז די נאַכט אַ גוטע שטילע מאַמע? מן־הסתם!
ווי אַ מאַמע איר בן־יחיד, נעמט די נאַכט אַרום דעם ים.
און זי הערט זיך צו אים צו, און הערט זיך איַין, און הערט.
און דער ים, ער וואַקסט — דער ים האָט זיך פאַרמערט:
אַלע זיבן ימים מיטאַמאָל.
און די זיבן אויסגעטון פון צאָל.
וואָס דער ים? אַ רויער, נישט פאַרהאַרטעוועטער הימל?
ניין, אַ ציטעריקער דרימל,
דרימל פון אין־סוף.
און דאָרט אויבן, העט אַרויף,
שווים נאָך שווימל,
ציילנדיק אַ יעדן שווים פאַמעלעך, מיט כוונה:
אלף, בית, גימל —
שווימט זיך, שווימט זיך די לבנה.
זאָגט צו איר די נאַכט
אויף אַ קול, וואָס נישט סע רעדט, נאָר טראַכט:
שאַ!
פרעגט זי די לבנה: האַ?
זאָגט צו איר די נאַכט
אויף אַ קול, וואָס נישט סע רעדט, נישט טראַכט, נאָר דאַכט:
פתח־שין!
פרעגט זי די לבנה: וואָס? וווּהין?
זאָגט צו איר די נאַכט
אויף אַ קול, וואָס נישט סע רעדט, נישט טראַכט, נישט דאַכט,
נאָר וואַכט:

ש־ש־ש!
ענטפערט די לבנה: העכער! הויך! איך הער דיך ניש׳!
נעמט די נאַכט מיט שטערן שפּיַיען:
העכער? העכער נאָך ווער קען דען שריַיען?

דער רעגנבויגן

דער רעגנבויגן

וויסט עס דער ניטגוטער!
פרילינג אָנגעפרינדעט זיך דער הימל אין אַ וואָלן פוטער
און באַקומען ער אַ מראה פון אַן אַלטער באַבעצע.
האָט דער אַלטיטשקער די נאָז גענומען קאַפּען, קאַפּעט זי,
פון דער נאָז נישט שטייען־אָפּ די קאַלעמוטנע אויגן.
שמוציק־נאַסער אומעט
נעמט דיך דורך, כאַפּט־אַרומעט.
האָט די האָפענונג, אַ פרישער יונגער רעגנבויגן,
זיך צונויפגעקנוידערט, זיך צונויפגעצויגן,
איינגעדרייט זיך אין אַ פאַרביק בייגעלע,
זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַבעטשקע, אַ זומערפייגעלע,
און אַוועק אַוועק געפלויגן
ערגעץ ווייט הינטערן שטעטל,
דאָרט אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ בלעטל
פון אַ וויינענדיקער ווערבע
פאַר אַן אַלטער חרבה
און גענומען פרעגן אַלטע קשיות:
„פּײַערל, וואָס קנאַקסטו, אַז דײַן סוף גאָר קויל און אַש איז?
אויף די פעלדער נישט צעבליט זיך נאָך די זאַנגען —
און בײַנאַכט אין הימל לאַנג דער סערפּ שוין אויפגעגאַנגען!
דרייט זיך ווי אַ קאַרוסעל אַרום דער זון אַן ערדל —
דרייט זיך אום אַ באָק און שאָקלט מיטן בערדל!
און אַ קאַלטער הימל הימלט,
הימלט זיך אין גרינעם טײַכעלע און שימלט,
און אַן אַלטע באָבע שטריקט אַ זאָק און דרימלט —
פרעג, נאָכוואָס?"
און די אַלטע באַבעצע דאָרט אויבן שנײַצט זיך אַלץ די נאָז,
מעלקט ווי פון אַ פולער אײַטער,

און די קאַליע אויגן קיסנען אַלץ און טרערן.
טראַכט דאָס רעגנבויגנדל זיך ווייַטער:
„צו דער ערד אַנומלט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ בלאָער שטערן
און געבליבן שטעקן אין דער בלאָטע 'מיאוסלעך
ווי אַ כרושטש, וואָס איז געפאַלן נאַזנדיק און צאַפּלט מיט די פיסלעך,
און אַ גילגול קוואַקעט אין געמויזעכץ ווי אַ גרינע זשאַבע
און סע דאַכט זיך אוים אים, דאָס איז עולם־הבא.
נו, און איך? נאָכוואָס דאָס נאַרן זיך? אָט פרעג זיך אין דער שטיל איך:
איך אַליין, וואָס טו איך דאָ? וואָס דאַרף איך דאָ? וואָס וויל איך?
וואָס דער שכל? סאַראַ זין?"
אינדעם זע, אַ שטראַל אַ גילדענער אויף אים געפאַלן דין,
ציטערדיק — וואָס איז?
אין דער הימל־זשופּעצע אַ ריס —
דאָס די זון באַוויזן מיט איר שפּיז.
און ווי דורך אַ כישוף אַלץ: דער טאַטע הימל
און די מאַמע ערד, דאָס גרעזל און דאָס בלימל,
און דער גרינער כלה־שלייער (ס'הייסט דער שימל,
וואָס פאַרציט דאָס פּנים פונעם טייַכל),
און דער כרושטש, וואָס ליגט אַרויף דאָס בייַכל,
און ער ציטערט ווי אַ שטערן מיט די שטראַלעכלעך־שפּיצפּיסלעך,
אין די שפּרינגערקע, די קוואַקערקע, די זשאַבע,
אי די גוטע־פרומע שמאָכעדיקע באַבע,
אי די קלוגע שפּיסלעך,
וואָס זיי קושן זיך און ליובען זיך ווי טויבן מיט די דינע פּיסקלעך
און שפּיל־חנעוודיק מיט בליאַסקלעך־בליסקלעך
האַקלען זיי איר אייניקל אַ זאַק,
אי דאָס קאָמיש־תמימותדיקע בערדל פונעם באָק,
אי דער פלאַטער פון דער פליג, דאָס זשומזשען פון דער בין —
אַלצדינג מיטאַמאָל באַקומען שוין אַ זין.

און דער זון אַקעגן אין זײַן גאַנצער גרייס דער רעגנבויגן
אויפן שטערן פונעם הימל מלכותדיק זיך אויסגעצויגן.

***

וואָס? די וועלט חסר־דעה׳ש?
פינצטער? גליטשיק? יאוש
אין די ביינער עסט זיך איין?
אָבער, חברה, אַז די זון וועט טון אַ שיין!

Este libro se terminó de imprimir el día 14 de junio de 1949, en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, calle Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina